STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04389

LITERARISHE DERMANUNGEN

Julian Schwartz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוליאן שווארץ

ליטעראַרישע דערמאָנונגען

הילע געצייכנט פון: **דומיטרו באדעסקו**

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין ברודער,
דער מושלם שמחה שוואַרץ
געבוירן 15 סעפּטעמבער 1900
נפטר געוואָרן 14 אויגוסט 1974

יוליאן שווארץ

ליטעראַרישע דערמאנונגען

פארלאג — קריטעריאָן

בוקארעשט 1975

רומעניע — דאָס וויגעלע פונעם יידישן טעאטער

פּאַנאָראַמע פון יידישן קווארטאל אין בוקארעשט.

וואקארעשטי־א יידישער קווארטאל אין בוקארעשט־ אין די טיפע זיי־בעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. צווישן די מענטשן וואָס גייען, לויפן אָדער שטופּן זיך — א סך יידן. פּיאקערס (דראָזשקעס), גרויסע וועגענער פול מיט סחורות, צערייען די בלאָטע אָדער הייבן דעם פאָרעך ביז צום הימל.

האָצמאכס שרייען אויף א קול זייערע סחורות, מישטיינס געזאָגט, ווי גאָלדפאדען רעכנט זיי אויס דורך איינעם פון זיי־האָצמאך פון דער „כישופמאכערין":

„... קויפט־זשע קויפט, דייטשעלעך,
שטעקעלעך. בייטשעלעך,
קלייבט אייך אויס וואָס אייך געפעלט!
פעדערן שטאָלענע,
הענטלעך געמאָלענע,
טרייוואקס־גאָר איינס אין דער וועלט
ביכלעך, נאָטיצן, ציגארן שפּיצן,
אייך צוליב נעמט פאר האלב געלד!"

די „דייטשעלעך" וועלכע גייען פארביי, דארפן ניט אָדער ווילן ניט קויפן. זיי זאָגן אז זיי האָבן נישט וואָס צו קויפן ביי האָצמאכן. כאָטש אזוי שרייט ווייטער אויס האָצמאך דאָס ציטל סחורות זיינע:

„קויפט פיינע לייטעלעך, מעסערלעך, בייטעלעך,
קלייבט אייך אויס, וואָס אייך געפעלט;
געשטיקטע פאנטאָפעלעך און אויער־לעפעלעך,

ציין־שטעכערס איינס אין דער וועלט.
קנעפלעך מיט דימענטן, לעדערנע רימענטן,
אייך צוליב, נעמט פאר האלב געלד!"

כאָטש ס'ע קומט נישט צו קיין קונה, ווערט האָצמאַך נישט מיד און שרייט ווייטער אויס זיין סחורה:

„קויפט אייך פאר מיידעלעך, שפיגעלעך, נאָדעלעך,
קלייבט אייך אויס, וואָס אייך געפעלט:
מאנדל־אייל איינס אין דער וועלט.
אויך גאנצע פעקעלעך, טיכעלעך, זעקעלעך,
אייך צוליב, נעמט פאר האלב געלד"

ווען האָצמאַך דערפילט די אמתע סיבה פון די קונים'ס גלייכגילטי־קייט, אז זיי האָבן נישט מיט וואָס צו קויפן, זאָגט ער זיי, אָפן, אין פנים:

„שאט, גאָר אָן געוואלד,
איך גיי אוועק באלד
איך מעג שוין פון דאנעט אנטלויפן:
איך דערקען אין זייער פנים,
אז זיי זענען קבצנים,
זיי האָבן ניט מיט וואָס צו קויפן"

אין דער וויטרינע פון א מוכר ספרימניק

אין דער וויטרינע פונעם אלטן מוכר ספרים סופרין, ליגן פאר־פראָשעטע, כל ערליי חפצים, ווי אין א יאריד־בודקע: טליתים און תפילין, תחינות, שרה בת־טובים, ציצות, קמיעהלעך, מזוזות, סידורים, מחזורים, חנוכה לעמפלעך, קליינע תורהלעך, שמחת־תורה פענדלעך און גראגערס; עטלעכע פון די 24 ביכעלעך, וואָס זענען דערשינען אינעם פארלאג פון פאָפולערן בוקארעשטער „היועץ", ווי למשל: שפרינצע־מירל די נגידתטע און מרים, די פיינע באריתה (געמיינט בריהטע), איינע יידישע זיטן־

געמעלדע, קאַסטעס 50 באַני, „דניאל מאַנטאורעאנאָ״, „דער אַלטער וואַלד באַוווינער״, „דער לעבעדיקער מת״, „מרדכי צמח״, צו צוען באַני. אַט די ביכעלעך קויפֿן איצט די אַפּישן קלעפּער יוסף האַבערמאַן און ק. זילבער־מאַן. דער אַלטער מוכר ספֿרימניק פֿאַרפּאַקט יעדערן די געקויפֿטע ביכעלעך און רופֿט זיך אָן־מיר קומט צו 90 באַני פֿון אייך. איך גיב אייך דערווייל פֿאַר ביידע אַ פֿראַנק און דאָס איבעריקע. דעם אַנדערן זונטיק מירצעשעם, זאָגט האַבערמאַן. — נעמט די ביכעלעך, איר זענט ביי מיר בטוחים.

צווישן צוויי גראַגערס, אין אַ ווינקל פֿון סופֿרינס וויטרינע, הענגט אַן אַפֿיש (פּלאַקאַט). צוויי ייִנגלעך־אַ תּלמוד־תּורה ייִנגל און אַ לערנייִנגל, לייענען אויף אַ קול, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרהערט איינער דעם אַנדערן: ... „סאַלאָן (ליבליך) זשיגניצא. אחינו בני ישראל. אַזוי ווי עס רוקט הערייִן דער ליעבער פּורים, און ווייל מיר ווייסן אַז איר זענט פֿאַר־קויפֿט דורך דער זינדיקער פּרנסה און האָט ניט קיין צייט איר זאָלט דור־כלעזען די פּורים געשיכטע, וואָס מיט אונדזערע פֿעטער האָט זיך פּאַסירט, האָבן וויר בעשלאָסען, די טרופּע אַמעריקאַנע צוזאַמען מיט דער טרופּע דיעס הערן מ. סעגאַלעסקו, זאַמסטאַג דעם 29 פֿעבער, נאָך קריאת המגילה צו שפּיעלען די באַריהמטע פּיעסע „קעניג אחשורוש אָדער המנס מזיניקל ויזתה״ אָפּערעטע אין 5 אַקטען און 16 בילדער, פֿערפֿאַסט פֿאָן הערן גאָלדפֿאַדען. די מוזיק אַראַנזשירט פֿון פּראָפֿעסאָר ג. פֿינקעלשטיין. און דאַרום וועט איר קענען פֿאַרשטעהען די פּורים־געשיכטע. די ראָללע פֿאָן קעניג ווירד געשפּילט פֿאָן קאָמיקער ל(ייזער) צוקערמאַן. די ראָללע פֿאָן ויזתה, פֿאָן בעליעבטן קאָמיקער מ. סעגאַלעסקו. צום שלוס ווירד מען זינ־גען אין סעקסטעט „שמעק טאַבעקע״. אום דאָס געעהרטע פּובליקום צו־פֿרידן צו שטעלן, ווי אַם שנעלסטן ווירד מען שפּילן די בעריהמטע פּיעסן „דאַראַ אָדער דער מיליאָנער אַלס בעטלער״ אין 5 אַקטען. „רבי יאָזעלמאַן פֿאָן ראָסהיים״ אין 5 אַקטען, פֿערפֿאַסט פֿאָן הער גאָלדפֿאַדען.״

ווען שפּילט מען דאָס שטיק? פֿרעגן ביידע מיטאַמאָל, ווייזנדיק אויפֿן וויטרינע־אַפֿיש, דעם אַפּישן קלעפּער יוסף האַבערמאַן, וועלכער קומט אַרויס מיט אַ פּעקל ביכעלעך פֿון סופֿרינס קלייטל. — „איבער אַ יאָר פּו־רים!״ ענטפֿערט האַבערמאַן מיט אַ געלעכטער. די צוויי ייִנגלעך, פֿאַרשעמ־טע, קוקן זיך אָן ווי צוויי קוני־לעמלס, צעלאַכן זיך און צעלויפֿן זיך.

אין לאַזאַר קאַפּעדזשיו׳ס טשײַנע

די געסט פון דער טשײַנע שמועסן וועגן יידישן טעאַטער. אײנער מיט א נײַעם נומער פון „היועץ״, קומט אַרײַן, פּאַכט מיט דער צײַטונג.

— זעט נאָר, א רוף צום בוקאַרעשטער עולם, ער זאָל אונטערשטיצן גאָלדפאַדענס טעאַטער.

— און ווער שרײַבט אונטער? עפּעס באַקאַנטע מענטשן?

— אוואַדע, לײַטישע מענטשן! א. גאָלד. מ. פײַן, ג. שאַפּירא, ב. לעבעל, אהרן שנאַפּ.

— גוט אַזוי! מיר דאַרפן האָבן דאָס יידישע טעאַטער ווי מיר דאַרפן האָבן די שול און שיל.

— טעאַטער קאָן אויך זײַן א שול, העלפן דעם מענטשן, אים מאַכן איידל, אים עפענען די אויגן...

— זעט נאָר, דעם נײַעם אַפיש פאַר דער וואָך פון דער זשיגניצא! דו, ביזט דאָך יינגער, לײענ אויף א קול:

„דינסטיק דעם 9־טן יוני 1881. דאָס מאָראַלישע שטיק, „די יתומים״, שבת 13 יוני „דער שקאָנטיסט״.

זונטאָג דעם 14־טן יוני „תחית המתים״ קאָמעדיע אין 4 אַקטען, 8 טאַבלויען פון א. גאָלדפאַדען.

— זעט וואָס אין „היועץ״ שטײט געשריבן:״... די טעאַטער דירעקציע פון דער „זשיגניצא״, וועט זיך געבן אַלע מעגליכע מי, דעם געעהרטן פובליקום צו פריעדען צו שטעלען און ערשפּאַרען קײנע שפּעזן, און האָבן די באַרימטע שאַנסאָנעטן זינגערין פרײַלין סאַבינא לאַקסער (שפּעטער די פרוי פון יוסף רומשינסקי, דער באַרימטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר י. ש.) באַצויגן, וואָס זי וועט ביי דער צוקונפטיקער פאָרשטעלונג די צוהערער מיט איר שײן זינגען פערגעניגן מאַכן״. א צײַט לאַנג האָט סאַבינא לאַקסער געזונגען שאַנסאָנעטן נאָך יעדער פאָרשטעלונג און נאָך איר איז שוין געוואָרן א מנהג, נאָך יעדער פאָרשטעלונג, טראַגעדיע, דראַמע צי קאָמעדיע, זאָל די טרופּע צום סוף, געבן „דיווערטיסמענטן״, לידער־קופּלעטן, שאַנסאָנעטן און טענץ!

סע קלינגט ווי אַן אַנעקדאָט אָבער דער מײַסטער מ. ה. מאַקסי איז בײַגעווען א ספּעקטאַקל מיט שעקספּיר׳ס „האַמלעט״, און זיגמונט פײַנמאַן אין דער הויפּט־ראָל. האָט בשעת דעם האַמלעט מאָנאָלאָג, „זײַן אָדער נישט זײַן״, דער עולם אָנגעהויבן צו מאָנען „די באָמבע״, א קופּלעט

וואָס פיינמאַן האָט פריער מיט עטלעכע אָוונטן געזונגען. און דער עולם האָט ניט געוואָלט ווייטער הערן האַמלעטן, ביז מען האָט אים ניט צוליב געטאָן קודם... מיט דער באָמבע! געוויסע יידישע אַקטיאָרן פון רומעניע, פלעגן שוין אַליין אין זייערע האָבן און אין מיטן אַ מאָנאָלאָג צופירן צו אַ פּאָפּולער אַדער באַליבט ליד ווי „צי בין איך פון אַ שטיין געבוירן" א.א.וו.

די ערשטע זאַלן און גערטנער פאַר יידיש טעאַטער אין בוקאַרעשט: דער „סאַלאָן" פון לאַזאַר קאַפּעדזשיו.

„דאָס גרויסע יידישע טעאַטער ביי לאַזאַר קאַפּעדזשיו", וווּ גאָלדפאַדען האָט אַנאָנסירט זיינע ערשטע פאָרשטעלונגען אין בוקאַרעשט אָנהויב אַפּריל 1877, האָט גאָר ווייניק פאַרדינט דעם נאָמען פון אַ טעאַטער־זאַל סיי אין קינסטלעריש־טעכנישן, סיי אין סאָציאַל־היגיענישן פּרט. דעם טשיינגע־סאַלאָן האָט אין האַרבסט 1877, איבערגענומען ישראל גראָדנער און צוגעשריבן צום טיטל „דאָס גראָסע יידישע טעאַטער" אויך „צום רויטן שטערן", דאָס לאָקאַל איז געווען אויף קאַלעאַ וואַקאַרעשטי נומער 66 און אפנים נישט לאַנג געדינט אַלס טעאַטער. אין שריפטלעכן באַריכט צו דער גענעראַל דירעקציע פון די טעאַטערס אין רומעניע, וועלכן עס גיט איבער דער שעף־אינזשינער גריגאָרע טשערקעז פון דער הויפּט־שטאָט בוקאַרעשט, דעם 12־טן אָקטאָבער 1877 א.ט. „וועגן דער טעכנישער סאָלידקייט, זיכערקייט קעגן שרפות, און היגיענע פון שפּיל־פּלעצער פאַר טעאַטער אין בוקאַרעשט", ווערט נישט דערמאָנט דער זאַל פון לאַזאַר קאַפּעדזשיו אָבער גאָלדפאַדען שילדערס אים אַזוי: „...אויף אַ בינע, מיטשיינס געזאָגט, וואָס איך האָב קוים געפונען ביים אייגנטימער פון דעם הויז, ער זאָל מיר אויסהאַקן אַ לאָך אין וואַנט פונעם האָל, וואָס פון יענער זייט איז געווען אַ קליין קעמערל, ווו ער פלעג האַלטן אַ שטייג מיט געגנדז, דאָס איז געווען מיין ערשטע בינע, ווו איך האָב געמוזט שפּילן מיט דריי־פיר שפּילערס, אָן אַ פרוי, אָן אַ כאָר, אָן דעקאָראַציעס..."

אַ גאָרטן פאַר יידיש טעאַטער „איזראַעליטישער נאַציאָנאַל גאָרטן"

דעם 24־טן אַפּריל 1877, האָט אין דעם גאָרטן פון קאַלעאַ וואַקאַרעשטי נומער 53, אָנגעהויבן שפּילן „די איזראַעליטישע דראַמאַטישע געזעלשאַפט", אונטער דער דירעקציאָן פון משה האָראָוויץ. דאָס איז געווען

א ליידיקער הויף ביי א שענקער חנינא. האראוויץ האָט אים איינגערעדט אַז ער זאָל דאָרט מאַכן א בינע, און ער, האראָוויץ, וועט אים יעדע נאַכט פון דעם קאַסע, צאָלן א גוטן פּרייז. דאָס וועט אים זיכער אריין ברענגען מער ווי ווען זיין הויף וועט שטיין ליידיק, מע האָט אויך איינגערעדט דעם שענקער חנינא, אז ער וועט יעדע נאַכט פאַרקויפן פיל ביר. ווייל מע וועט אַנאָנסירן אויף די אַפּישן, אז יעדן איינעם וואָס וועט קויפן א בילעט אין זיין טעאַטער, וועט מען געבן אומזיסט א גלאָז ביר. (משה נאדיר האָט פאָרגעשלאָגן מע זאָל די טעאַטער באַזוכער שענקען גאָלדענע זייגערלעך, כדי זיי זאָלן אָפטער קומען אין טעאַטער!... י. ש.) האראָוויץ האָט דערפאַר פאַרלאַנגט אז דער שענקער חנינא, זאָל אויסלייגן א געוויסע סומע געלד, וועלכע מע וועט באַדאַרפן פאַר אַנדערע (אויסגאַבן) הוצאות."

גאָלדפאַדען גרייט צו א קונסט־היכל פאַר יידיש טעאַטער: דעם בוקאַרעשטער טעאַטער גאָרטן „זשיגניצא"

טעלעכע וואָכן נאָך האָט גאָלדפאַדען געשפּילט אין לאַזאַר קאַפּעד־זשיו'ס סאַלאָן ביז דער זאַל איז געוואָרן צו ענג פאַר דעם גרויסער צאָל טעאַטער־באַזוכער א חוץ דעם איז דער פרילינג געווען א וואַרעמער. גאָלדפאַדען האָט אָנגעהויבן זוכן א גאָרטן.

דאָרט וווּ אַמאָל זענען געווען די ברויט־שייערן פון דעם פּרינץ, דער הערשער פון לאַנד, איז שפּעטער געוואָרן א גאַס, זיך אויסגעפּולט מיט הייזער, און באַקומען דעם נאָמען נעגרו־וואָדא־גאַס. ביים נומער 18, האָט גאָלדפאַדען געפונען א גאָרטן מיט עטלעכע ביימער. ווי א גאָרטן וויניק באַקאַנט, אָבער אין די הייסע זומער נאָכמיטאָגן, פאַרנאַכט צו, פלעגן אריינגייען אייניקע שכנים אויף פון די אַרומיקע געסלעך, טרינקען א פרישן גלעזל ביר. דער אייגנטימער פון דעם ביר געבריי איז געווען א געוויסער לויס דוריען.

גאָלדפאַדען האָט ביי אים אָפּגעדינגען דעם גאָרטן און אים פאַר־וואַנדלט אין א טעאַטער־גאָרטן מיט א געבויטער בינע. פון א חשבון מיט גאָלדפאַדענס האַנטשריפט, וואָס איז אין אונדזער רשות, אויף וועלכן ס'־איז אָנגעגעבן נאָך „חודש אַפּריל ביז 6 מאַי", א.ט. „אויסגאַבן פאַרן גאָר־טן" (ליידער פעלט דאָס יאָר!) איז דער סך הכל 1891 ליי. מיגלעך אַז מ'האָט פאַראָכטן אויך דעם זאַל, ווייל די סומע איז זער א גרויסע פאַר יענע יאָרן, און אין חשבון פון הוצאות, זענען פאַראַן טויזנטער ציגל,

קאלעך, געהילץ, סטאַליערס, מויערערס, א פרוי ביים לעשן קאלעך, און 5 נישט קוואליפיצירטע ארבעטער, זאמד וכדומה.

גאָלדפאַדען האָט אויפגעשטעלט א גרויסע בינע מיט א „שפיגל" פון 16 מעטער ברייט און 20 מ. טיף, מיט א גרויסן, שיין געמאָלענעם פאָרהאנג, קאבינעס פאר אקטריסעס און אקטיאָרן, באזונדערע. לויט א געדרוקטן פּלאַן פון גאָרטן, וועלכן כ'האָב פארגליכן מיט א פאָטאָגראפיע און מיט די טעגלעכע באָרדעראָען אָפיציעלע חשבונות פון הכנסות און הוצאות פון טעאטער מיט גאָלדפאַדענס האנטשריפט, זענען פאָלגנדע פלעצער געווען אין גאָרטן: 25 לאָזשעס, ניין אויף דער לינקער זייט און ניין אויף דער רעכטער זייט, אין דער לענג. א ריי פון זיבן פאר דער בינע. ווייטער זענען געווען: 60 ערשט־ראנגיקע פארטער פלעצער (רעזער־וואטן), 145 צווייטראנגיקער פארטער, צוויי הונדערט דריטראנגיקער פאר טער, און 85 גאלעריע־פלעצער, א חוץ א סך שטיי־פלעצער. לויט דער רשימה פון 8 מערץ 1892, מיט גאָלדפאַדענס האנטשריפט, זענען די פרייזן געווען: לאָזשעס צו 12 ליי, ערשטער פארטער דריי ליי, פארטער צוויי־2 ליי און פארטער דריי־איין ליי, גאלעריעס 75 באני. (א ליי האָט געהאט 100 באני!). אז אָט די פרייזן זענען געבליבן די זעלבע פון אָנהויב יידיש טעאטער אין בוקארעשט, שטעלן מיר פעסט, לויט די עלטעסטע יידישע טעאטער־אפישן.

גאָלדפאַדען האָט איינגעפירט א גוטע טעאטער רעקלאמע. ער פלעג דרוקן און פארשפרייטן יעדע וואָך, 150 גרויסע וואנט־אפישן און 1500 האנט־אפישן, ווי מיר דערוויסן זיך פון זיינעם א חשבון־כתב־יד.

פון די אויבן אָנגעוויזענע פאקטן, דערלויבן מיר זיך צו זאָגן אז, די בוקארעשטער „זשיגניצא" איז דער ערשטער יידישער קונסט־היכל פאר יידיש טעאטער אויף דער גאָרער וועלט.

אין דער „זשיגניצא", זענען אויפגעפירט געוואָרן די ערשטע דראמא־טישע שאפונגען פון אברהם גאָלדפאַדען, משה האָראָוויץ, מאטילדא וויינ־בערג, יוסף לאטיינער, ישראל גראָדנער און אנדערע מחברים.

אין דער „זשיגניצא" האָבן דעביוטירט זעליג מאָגולעסקו, לייזער צוקערמאן, מרדכי סעגאלעסקו, און זיינע זין אלבערט און אלטערביידע אויך גוטע מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָרן, הושיע סאָלאָמאָנעסקו און פילע אנדע־רע, שפעטער וועלט בארימטע קינסטלער.

וואקארעשטער אטמאָספער און קאָלאָריט

וואקארעשט קאָכט און זידט. יינגלעך לויפן אום שרייענדיק: „קוואס און קוואסניצעס״, באָב, בייגל, הייסע באָבקעלעך״. א טערק מיט א גרויסער מעשענער כלי אויף דער פלייצע, פארקויפט א זיס געטראנק „סאלעפ״. א גרעק פארקויפט א זויערן געטראנק פון הירזשן־מייל־„בראגא״! בראגא רעטשע! קאלטע בראגא .קלייט־יינגלעך שלעפן די קונים ביי די פאָלעס. פויערים מיט ווייסע פעלצן און שמוישענע היטלען, גייען מיט די בייטשן פון איין שענק אין אנדערן, אייניקע פון זיי, דינגען זיך מיט קצבים איבער א ציגעלע, א לעמעלע, א באראן (בערבעק) און צומאָל איבער א קעלבעלע.

קליינשטעטלדיקע יידן, ארומגערינגלטע פון מעקלערס מיט שטעקעלעך, קויפן און פארקויפן: כשרע גיענדזענע און רינדערנע פאסטראמע (גערייכערט פלייש), פעלצן, שמאטעס... קליינע בעלי־מלאכות באַטן אָן די פארבייגייער זייערע סחורות: בערשטלעך, שטעק־שיך, קוטשמעס, קעמלעך־ווי אויף א מארק... א פרוי פארקויפט געפּראזשעטע ניסלעך און אן אנדערע לויפט ארום און פארקויפט קנישעס. פון די טיי־הייזער הערט מען ארויס קרעטשמע־זינגער, וועלכע באגלייטן זיך מיט צימבלען און זינגען וועלוול זבארזשערס און גאָלדפאדענס לידער.

אין די זומער־גערטנער זיצן מענטשן ביי טישלעך עסן און טרינקען. אין די קרעטשמע געשטעלן כל המינים עסנס: געהאקטע לעבער מיט ציבעלע, גראשיצע, מיטיטעי, און רינדערן פלייש געבראָטן אויף קוילן, האָלעשקעס און געפּולטע פיש. די גוטע רומענישע ווײַנען פון אָדאָבעשטי און קאָטנארי. יעקב שטערנבערג האָט גראָטעסקיש ארויסגעבראכט אָט די אטמאָספער אין די פערזן:

„.. און די קרעטשמע־גערטנער זידן..
ס׳זיצט א קצב, צייגט עשירות.
די לבנה פאר דעם יידן
זינגט, ווי פעפי ליטמאן, זמירות.“

*

אז מע גיט א קערעווע אויף רעכטס פון קאלעא וואקארעשטי, קומט מען אריין אין איינעם פון די שמאָלע, געדיכטע געסלעך וואָס פירן קודם־כל בארג אראָפּ. אויף אָט די בערגלעך שליטלען און גליטשען זיך ווינטער

יידישע קינדערלעך, קריעה־בלאי, אייניקע מיט סטענדעלעך אפילו, אָבער דאָס רוב מיט אויסגעקרומטע שטיוועלעך־קינדער פון דער יידישער אָרעמ־שאַפט! ווייטער פירט דאָס געסעלע אריין, לענג אויס דעם מויער פון „מעל־צער׳ס באַד״, דערנאָך ציען זיך אַלטמאָדישע שטיבעלעך מיט הילצערנע גאַניקלעך, מיט דעכער פון פאַרביקע טשערעפּעס, פאַרשימלטע אָדער גע־פאַרבטע ווענט מיט בלוי און געל, מיט גרינע לאָדנס... ביז מע קומט אָן צו א הויכן הילצערנעם טויער אין וועלכן ס׳איז אויסגעשניטן א קליין טירל, וואָס פירט אריין אין א צויבער פלאַץ...

גאָלדפאַדען האָט דעם ביר־גאָרטן פאַרוואַנדלט אין א טעאַטער־גאָרטן, אויפגעשטעלט א בינע מיט א גרויסן פאָרהאַנג און זיך בענק, אַמפּיטעאַ־טער־מעסיק אויסגעשטעלטע.

א שילד איבערן הילצערנעם טויער, וויזט אָן אז דאָ איז דער טעאַטער גאָרטן „זשיגניצא״, וואָס וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון יידיש טעאַטער, אין דעם בראשית און אויפשטייג זיינעם. פאַר דורות וועט די זשיגניצא דערוועקן דעם אָנדענק פון פריידיקע שעהן, ווען עמך איז געווען שטאָלץ מיט בר־כוכבא, דעם מוטיקן קעמפער קעגן די רוימישע פאַרכאַפּערס; טיף גערירט ביז טרערן, געוויינט מיט „ציונס טעכטער״, גע־קנאַספּעט מיט שולמיתן, געלאַכט פון גאַנצן הארצן פון ציגעטאַנגן, פון דעם לעכערלעכן נתן הכהן און אַנדערע קאָמישע פיגורן, וועלכע פלעגן אויפפרישן אין זכרון דעם פריילעכמאַכער און ליכטיקן פאָלקס־חכם־הער־שעלע אָסטראָפּאָליער.

דורך דעם קליינעם טירעלע, קומט מען אריין אין א גאָרטן מיט הויכע, ברייט צעוואַקסענע דעמבעס, וועלכע דינען אָפט ווי זיך פלעצער פאַר דער שטייענדיקער גאַלעריע, אין די ווינקלען, הארט ביי די ווענט זעט מען אנטלען (גרויסע וויין־פעסער) פולע מיט אָדאָבעשעטער און קאָט־נאַרער וויין. אויף דער בינע שטייען; אסתרקע, די פרוי פון אקטיאָר משה זילבערמאַן, איינער פון די ערשטע גאָלדפאַדענישע אקטיאָרן. גאָלדיצא דורסט, שפּעטער די פרוי פון מאָליער וויס, מאַדאַם ביצא. מע פּראָבט. מרדכי סעגאַלעסקו „רעזשיסירט״.

דער ערשטער „געשוירענער קאָפּ״ פון יידישן טעאַטער, אברהם זעצער

ביים אָנהויב פון יידישן טעאַטער, ווי אין א סך ניט־יידישע, זענען אייניקע אקטיאָרן געווען אנאַלפאַבעטן כאָטש באַגאַבטע, דערפאַרענע. ווער

האָט געקאָנט אויסלערנען אַ ראָל אין 2־3 טעג? אין יענע יאָרן, פלעג מען געבן יעדע וואָך אַ „פּרעמיערע״, שפּילן אַ נייע פּיעסע, זענען געקו־מען צו הילף די אַקטיאָרן, די גראַמאַטנע סופליאָרן. ווייל די לעצטע האָבן געקאָנט לייענען און שרייבן, געהאַט אַ געוויסע בילדונג, פלעגן זיי די אַקטיאָרן רופן די געשווירענע קעפּ.

אברהם זעצער, דער ערשטער סופליאָר אין גאָלדפאַדענס טעאַטער, איז אַן אויסגעצייכנטער פאַכמאַן. ער זיצט ביי אַ טישל מיטן טעקסט אין האַנט. די ברילן פאַלן אים אַלע מאָל אַראָפּ פון דער נאָז. ער טוט זיין אַרבעט מיט ליבע און אחריות. רעב אברהם איז אַן עלטערער ייד און מע דאַרף צו אים האָבן... פאַלגט מען אים. ער הורט איין די ראָלן מיט די קנאַפּע קענערס־אַברהם זעצער סופלירט צו פינעף־זעקס מאָל אַ וואָרט און... האַלט איין די דיסציפּלין אויף דער בינע בעת די פּראָבן.

— וויינבערג, טשעפּע דיך ווייניקער צו איר, זאָגט אברהם זעצער, ווייזנדיק אויף אסתר זילבערמאַן, ווייל איר מאַן, וועט דיך באַלד „אָפּבאָדן״ (דיר מאַכן יענעם סוף). וויינבערג איז אַ יונגער, שיינער, הויכגעוואַקסע־נער בחור, אַ סטודענט אויף דער וועטערינאַרער פאַקולטעט, געבוירן אין בערלאַד, מאָלדעווע, און אַ ברודער פון דער ערשטער יידישער דראַמאַ־טורגין פון רומעניע, וועלכע האָט דעבוטירט ביי גאָלדפאַדען, מאַטילדאַ וויינבערג. וויינבערג יעקב פלעגט שפּילן פּרויען ראָלן, אין טראַוועסטי־

— וויינבערג, „שטעל דיך אוועק אויף גאָלדיצעס פּלאַץ״ באַפעלט דעם זעלבן, מדרכי סעגאַלעסקו דער רעזשיסער. און זינג! און יעקב וויינבערג, מיט זיין פיינקלינגענדיקער טענאָר-שטים הייבט אָן זינגען.

...צו אברהם זעצערס טישל לויפט אַלעמאָל צו אַ צוואַנציק יעריקער יונגערמאַן מיטן נאָמען סאַלאָמאָן (שלמה). ער שרייבט עטלעכע שורות, לייגט אַוועק די פען, כאַפּט אַ פּענדזל און לויפט מאָלן די דעקאָראַציעס צו דער „רייזע אום די ערדע״, באַארבעט, לאָקאַליזירט פון אברהם גאָלדפאַדן לויט זשיל ווערן.

די פּלאַקאַטן מעלדן, אַז מע וועט זען „אַן עלעפאַנט און הירשן נאַ־טורגרויס״ ווי אויך „דעקאָרן געמאָלענע מיט געשמאַק פונעם מאָלער סאַ־לאָמאָן ראָטשטיין.

די מוזיקער אין יידישן טעאַטער

אנדערטהאלב שעה פאַרן אָנהויב פון ספּעקטאַקל, בעתן ספּעקטאַקל און אין די פּויזן צווישן די אַקטן, שפּילט די מוזיק. די מוזיק פון טעאַ־

טער איז אלעמאָל געווען צוזאמענגעשטעלט פון קאָמפּאָזיטאָרן, באגאבטע קינסטלער ווי: דער קאָמפּאָזיטאָר שיפּעק, מילאַ לעמיש, גבריאל פינקעלשטיין דוד הירש, די ברידער פּאולמאַן, מיר ציטירן בלויז א קליינעם טייל פון די אָנגעזעענע מוזיקער וועלכע האָבן דערצויגן די צושויער, ארויסגערופן ליבע צו גוטער יידישער און וועלטלעכער מוזיק, ביי די טויזנטער און טויזנטער יידישע צושויער,ביים יידישן טעאטער־עולם.

אָט קומען זיי אריין אין גאָרטן, איינציקווייז, דער כאָר־דיריגענט הערשל גאָלדענבערג, דער מוזיקער דוד הירש, דער שווארצהנעוודיקער קאפּעלמייסטער מילאַ לעמיש, דער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקער גבריאל פינקעלשטיין, די ברידער פּאולמאַן, געשולטע, טאלאנטירטע מוזיקער. זיי פארנעמען די ערטער אין אָרקעסטער און פּרוּוון זייערע אינסטרומענטן. נאָך זיי שפּאנען ארויף אויף דער בינע, עטלעכע לערניינגלעך און גע־זעלן.

באלד וועט דער פאָרהאנג אויפגיין און זיי וועלן מארשירן, טאנצן און מאכן העוויות. אין אייניקע מינוטן ארום, שפּילן זיי „יתומים, געסט, מאסקעס, יעזער, צאראנעס (פויערים), טייוואָלים, וויטוועס" (אלמנות), אָדער זיי וועלן זינגען אין די פארשיידענע כאָרן: אין ווייזן־כאָר (יתומים־כאָר), יעגער־כאָר, דעמאָנען־כאָר (שדים־כאָר), אין כאָר פון צאראנעס און פּאַזירן אלס „טרוים־בילדער, אין וואָלקן" „יהודית צויבערן" „אָדער טאנצן רומעניש, יידישע, יאפּאנישע, אינדישע, ציגיינערישע טענץ און אפילו פייגל־טענץ, געשפּענסטער און ענגל" (מלאכים). גוטע טענצערינס אין יידישן טעאטער זענען געווען די שוועסטער אדעלא און זשוליעטא און זייער פאָטער מ. זאלצמאַן. זיי גיבן ספּעקטאקלען אויך אין אנדערע גערטנער ווי למשל אין גאָרטן „אָרפעו". דעם 19־טן יוני 1883. טענץ אין יידישן טעאטער פליעג שטעלן אברהם גאָלדפאדען. א ליטאָגראפיש בילד אויסגעפירט פון דער דרוקעריי י. מ. קליין, פון בוקארעשט, אין 1892, דערשיינען אין פּראָגראם פון ספּעקטאקל „דאָס צענטע געבאָט", שטעלט אים פאָר מיט א לענטע. לויט אונדזער פעסטשטעלונג, פון דער לאָזשע „לבנון", פון יאס. אויף דער צווייטער זייט פון דערמאנטן פּראָגראם איז אָנגעגעבן: „די פאָלגענדע טענץ זענען ארראנזשירט פון הער גאָלדפאדען:
I. ציגיינער־טאנץ, II. אראבישער־טאנץ, III. שאמפּאניע־טאנץ, IV. מא־זורקא, V. שמעק־טאבעקע טאנץ, VI. שדים־טאנץ", (די מוזיק האָט אראנ־זשירט א. פּערלמוטער, דער קאפּעלמייסטער.)

די לערניינגלעך און די געזעלן גייען איצט נאָך אין מאסן סצע־נעס, זענען כאָריסטן, אָבער אין א פּאָר יאָר ארום, וועלן זיי זיך אויס־שיילן פון דעם נעפּל און נעמען שטראלן, אויסוואקסן פּראָפעסיאָנעלע אק־טיאָרן. זיי וועלן מאכן א רושם, ווייט און ברייט אין דער יידישער טעאַ־טער־וועלט.

אברהם גאָלדפאדען און זײַנע אקטיאָרן אין די אויגן פון פאָלק

א טאָג שפּעטער... באשיידענע פאָלקסמענטשן זיצן ארום טישלעך, פארבייסן אָדער טרינקען טיי ביי לאזאר קאפּעדזשיו. אט דעם לאָקאל האָט אברהם גאָלדפאדען א נאָמען געגעבן „דאס גראָסע יודישע טעאטער ביי לאזאר קאפּעדזשיו" און דאָרט געשפּילט טעאטער, פונקט ווי ער האָט פריער א נאָמען געגעבן „סאלאָן פּאָמו ווערדע", נאָכן יאסער טעאטער־גאָרטן, דעם שפּעטער באקאנטן זאל „טאָמיס" פון בוקארעשט.

יוסף האבערמאן און לאזאר אָורעיול זענען די צוויי הויפּט קלע־פּער פון טעאטער אפישן אין בוקארעשט. זיי האָבן פארענדיקט זייער ארבעט און זיצן מיט א חברה בעלי מלאכות, טרינקען טיי ביי לאזאר קאפּעדזשיו. וואקארעשטער ווענט און פּלויטן זענען פארקלעפּט מיט כלערליי פּלא־קאטן. בינטלעך קלייטיינגלעך, לערנמיידלעך, יינגלעך, קנאקן קערלעך, שטיפן. איינער פון זיי, „מאכט דעם הויף" א שווארץ־חנעוודיק לערנמיידל און וויל איר געבן א קוש. זי גיט א קאָקעטן קוויטש...

פון א פיאקער (דראָזשקע), שטייגט אראָפּ אברהם גאָלדפאדען מיט א מיידעלע, און גייט אריין צו לאזאר קאפּעדזשיו. דאָ טרינקט ער, גע־ווייַנטלעך, זיין קאווע.

איינער פון די יינגעלייט באמערקט זיי און רופט זיך אָן, ווייזנדיק מיטן פינגער: — איר זעט קינדער, דאָס איז סאבינא לאקסער!

— וועלכע סאבינע? א נייע געליבטע דיינע? שטיפט דאָס לערנ־מיידל מיטן קאָקעטן קוויטש, די שווארץ חנעוודיקע.

— וואָס זשע, ווייסט נישט ווער סאבינא לאקסער איז? ענטפערט א קלייט־יינגל, זי איז דאָס יאסער מיידעלע וואָס זינגט שאנסאָנעטן, קור־פּלעטן, מיט א מיין, קעגן די קהלישע רעדלפירער און אויסנוצערס...

— דו, רופט זיך אָן אן אנדערער, א געשליפענער שוסטער־יונג, מע ווייזט נישט מיט די פינגער... אָט דאָס איז זי טאקע, או־וואַ!... גאָר א יונג מיידעלע! פון דער ווייטנס, זעט זי אויס ווי א קינד.

— עלעף יאָר, רופט זיך אָן דער וואָס האָט געטײטלט מיטן פינ־ גער .. א שווארץ חנעוודיקע... און טראָגט שווארץ־לאַקירטע שיך...

— פון וואנעט ווייסטו? פרעגט אביסל אינטריגירט די שווארץ חנעוודיקע. מיטן קאָקעטן קוויטש...

— וואָס הייסט פון וואנעט? פון דער קלײט. ביי מיין בעל־הבית קויפט זי שיך... ניט נאָר זי, — אלע אקטיאָרן... ווען זיי האָבן געלד!

— קינדער, טוט כמעט א שריי א שניידער — לערנײנגל, איר זעט דעם וואָס גייט איצט ארויס פון קאפע־הויז, מיט סאבינאָן? דאָס איז דאַמנו (הער) גאָלדפאדען.

— א גאנצער פריץ, באמערקט אן אנדער שניידער־געזעל. ביי אונדז האָט ער זיך אויפגעניים דעם שווארצן פראק מיט לאנגע שפיצן, וואָס ער טראָגט אויף דער בינע. איך דערקען אים א מייל די ווייט, דעם דאַמנו גאָלדפאדען מיט די בלויע ברילן, מיט זיין קליין, שווארץ, פראנצויזיש בערדל.

— ... דאָס איז ער, רעדט ארויס טריומפירנדיק, א שוסטער געזעל, דאָס איז ער, אברהם גאָלדפאדען, דער דירעקטאָר, פארפאסער פון פיעסן מיט מוזיק און שוישפילער!

— עפעס רעדסטו היינט פרימאריע־לשון... פון וואנעט נעמט זיך עס צו דיר? טוט א זאָג, מיט א שטאָך־א לערנמיידל.

— פון די אפישן... לייענט וועט איר זען.

— נאָך א יונגערמאן, דער דאַמנו גאָלדפאדען... באמערקט קאָקע־ טיש, מיט א מיין, די שווארצ־חנעוודיקע.

— שוין א באוויבטער! ענטפערט מיט א פארדראָס, איר פארערער.

— קינדער, שושקעט און ווייזט מיטן פינגער דאָס קלײטיינגל, איר זעט, יענער... איז זעליק מאָגולעסקו —

— וועלכער, דער יינגעטשקער? דער קליינטשיקער? גיי שוין גיי! אזא יונגער איז ער?! חידושט זיך דער שוסטער־יונג.

— יונג זאָגסטו? איז וואָס? מעגסט אים שוין זען וויאזוי, און וואָס ער קען! ער זאָגט א קופלעט, זינגט א לידל און גייט דערנאָך א טענצל, שפילט א ראָל, ווי זאָל איך דיר זאָגן, טאקע ווי דער בעסטער קאָמעדיאנט אויף דער וועלט...

— א קליינוווקסיקער זאָגסטו, מישט זיך אריין דער שניידער־געזעל אפשר אין לעבן, אָבער ווי גרויס איז ער אויף דער בינע!

דאָס רעדל יונגע חברה, גייען נאָך מיט יראת הכבוד, מיט אָפּשיי און ליבע, ווי נאָך געלערנטע פּראָפעסאָרן, נאָך גאָלדפאַדען, מאָגולעסקו׳

א נאכט אין טעאטער-גאָרטן „זשיגניצא״

כאָטש ס׳איז נאָך פרי, גייט שוין דער עולם אין טעאטער־גאָרטן. דער גרויס׳ער אָרקעסטער בראש מיטן קאפּעלמייסטער מילאָ לעמיש, דער באַרימטער יידישער פידלער און מייסטערהאַפטער אינטערפּרעט, אויס־טייטשער פון רומענישער פאָלקס־מוזיק און געזאַנג, שפּילט אנדערטהאַלב שעה פאַרן אָנהויב פון ספּעקטאַקל און אין די צווישן־אַקטן, שיינע פּאָטפּו־ריעס, אוווערטוריעס, וואָס דער עולם הערט צו מיט פאַרגעניגן. פון צייט צו צייט, בעת די מוזיקער רוען, שמועסט מען, יונגוואַרג אונטערהאַלט זיך היימיש.

פלוצים ווערט שטיל אין גאָרטן. דער אָרקעסטער אטאקירט די אוּ־ווערטורע צו גאָלדפאַדענס „די כישופמאַכערין״. ווי צוויי אדלער־פליגלען, הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג — די שפּיל הייבט אָן. דער עולם ווערט אַלץ מער פאַרכאַפּט, איז נאָר מויל און אויערן, אנטציקט פון בילד צו בילד, אקט נאָך אקט — דער עולם איז זיך מחיה!

די וואַקאַרעשטער האַצמאַכס לאַכן זיך גוט אָן מיט גאָלדפאַדענס הומאָר־פולן האַצמאַך. צוויי יידענעס נעמען זיך שטאַרק צום האַרצן און נעמען זיך אָן פאַר מירעלען, די געפּלאָגטע יתומה, וועלכע די שטיף־מאַ־מע שעלט און שלאָגט אָן אויפהער. די אקטריסע ראָזאַ פרידמאַן, שפּילט אזוי גוט די שטיף־מאַמע, אז די צוויי דערמאָנטע יידענעס, סטראַשען זי בעת דעם שפּילן: — „מירן שוין זען ווען דו וועסט ארויסקומען״! און צום סוף פון ספּעקטאַקל, האָבן די יידענעס, מיט זייערע מענער, און זיי־ערע באַקאַנטע, אָפּגעוואַרט די שטיף־מאַמע (ראָזאַ פרידמאַן) מיט שטיי־נער...

דער גרעסטער טייל פונעם עולם האָט שטורמיש אפּלאָדירט זיינע באַליבטע אקטיאָרן, נאָכגעזינגען די לידער און דערמוטיקטע, שטיפנדיק פאַרלאָזט דעם גאָרטן און זיך אומגעקערט צו זייערע קעלער־וווינונגען, פון דודעשטי און וואַקאַרעשט.

*

מיר האָבן געזען ווי באַליבט ביי די פאָלקס מענטשן, זענען געווען די יידישע שוישפּילער. וויפל פרייד און טרייסט זיי האָבן געבראַכט די טעאַטער באַזוכער. לאָמיר זיך איצט אָפּשטעלן און דורכבלעטערן דעם ספר הזכרונות פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע, כדי אייך צו באַקענען מיטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב פונעם יידישן אַקטיאָר, פון די כהנים פון יידישן טעאַטער פון אַמאָל.

איינער פון די באַקאַנטעסטע יידישע אַקטיאָרן אין רומעניע, אויך אין דער ניט־יידישער, היגער טעאַטער־וועלט, איציק (איזידאָר) גאָלדענבערג, וויקלט אויף זיינע זכרונות, אין דער רומענישער טעאַטער־צייטונג „ראַמפּאַ", פון 24 סעפּטעמבער 1931, פון וועלכע מיר גיבן אַ קיצור: אַ צייט האָט ער געוואַנדערט מיט דער טרופּע פון זכריה פיליפּעסקאָ׳ וועלכע פלעג שפּילן אין די פּראָווינצן, אין שטעטלעך און דערפער פון צפון־מאָלדעווע, אויף רומעניש. אין איינעם אַ טאָג, באַגעגנט גאָלדענבערג אַ סאָלדאַט פון דער מיליטערישער מוזיק — דאָס איז געווען פעפּי ליטמאַנס עלטסטער מאַן, יאַנקו ליטמאַן. יאַנקו. רעדט אים איבער ער זאָל אויך ווערן אַ מוזיקער אין מיליטער. גאָלדענבערג האָט ניט געהאַט קיין זיך־פלייש און, נאָך עטלעכע טעג, איז אים נמאס געוואָרן דער מונדיר, די קאַזיאָנע מאכלים און אָן אַ גראָשן, איז ער אויסגעווען די צייט, ווייל אים האָט געצויגן צום יידישן טעאַטער.

... ווינטער 1888, ווערט ער אַנגאַזשירט פאַר אַן אַקטיאָר פון מרדכי סעגאַלעסקו אין זיין טרופּע, און הייבט אָן דאָס באַהעמישע וואַנדער־לעבן, אַרומפאָרנדיק איבער דער מאָלדעווע, אַ גאַנצן ווינטער. אין פרילינג 1889 שפּילט שוין איציק גאָלדענבערג, די צווייטע הויפּט־ראָלע לעבן מרדכי סעגאַלעסקו, און פאַרט שוין אַרום אַ גאַנצן זומער. שפּילנדיק אויף די יריד, צומאָל מיט גאַזשע, אָפטער אָן, נאָר מיט אַ צוזאָג מצד סעגאַלעסקון, דעם דירעקטאָר, אַז סוף טעאַטער־סעזאָן, וועט ער אים קויפן אַן אַנצוג און דאָס איז געשען! זעליג מאָגולעסקו דערציילט אַז ביים אָנהייב פון זיין שוישפּילערישער קאַריערע, האָט ער היפּשלעך געהונגערט... קיין חידוש ניט!

צוריק מיט הונדערט יאָר, האָט דער מערקווירדיקער פאָלקס־שרייבער טשיליבי משה, (אויף זיין אמתן נאָמען אפרים־משה שוואַרץ 1812—1870), אַ פּיאָניר פון דער רומענישער הומאָר־ליטעראַטור, באַדויערט דעם דעמאָלטיקן סאָציאַלן און מאַטעריעלן מצב פון די אַקטיאָרן בכלל:"... אונדזערע אַקטיאָרן זענען לוסטיק אין דער יוגנט און טרויעריק אויף דער על־

טער.״ און צוגעגעבן: „...די היישעריקן זינגען ווען זיי זענען זאט, די אקטיאָרן־ווען זיי זענען הונגעריק.״

דער אויסגעצייכנטער רומענישער אקטיאָר און דראמאטורג מאַטעי מיללאָ 1813—1894, כאַראקטעריזירנדיק דעם מצב פון אַמאָליקן אקטיאָר, פלעג זאָגן: „...דער אקטיאָר גיט א סך רייד פאַר ווייניק געלט. דער וואָס טרעט אַרויף אויף דער בינע, גייט אַרויף אין הימל, וווּ די שעה פאַר עסן שלאָגט קיינמאָל נישט!״

די ערשטע יידישע אקטיאָרן זענען סיי אין די גאָלדפאַדענישע צייטן סיי שפּעטער אפילו, דאָס רוב, אַרויסגעקומען פון משוררים און בעלי מלאָ־כות. צוליב די נישטיקע געהאַלטן וואָס זיי פלעגן באַקומען, זענען איי־ביקע געווען געצוווּנגען צו פּראַקטיצירן אויך זייערע אַלטע באַשעפטיקונ־גען. הושיע סאָלאָמאָנעסקו, א גוטער זינגער, טענצער, דערציילט אונדז יאָן לוקא קאַראַדזשיאַלע, האָט געשפּילט קאָמישע ראָלן אין זיין פעטערס טרופּע און געזונגען אין כאָר פון א קלויסטער; לייזער צוקערמאַן האָט געזונגען קופּלעטן אין דייטשע וואַנדערנדע וואַריעטע טרופּעס.

די דאָזיקע אקטיאָרן זענען אָבער מיט לייב און לעבן געווען צוגע־בונדן צום טעאַטער, וועלכעס, זיי האָבן ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט. כאָטש זיי האָבן געשפּילט אין די שווערסטע באַדינגונגען, אין אימפּראָוויזירטע טרופּעס, האָבן זיי נישט פאַרלאָזט די בינע, נאָר פאַרבליבן א לעבנלאַנג־אירע טרייע דינער.

באַליבטע ביים עולם פאַר זייער טאַלאַנט, האָבן זיי געהאַט אויסצו־שטיין דעם חוזק פון דער בורזשואַזיע און אירע נאָכטענצער. פּאַסט אויף פאַררעמט דעם זשענפט (מושטאר), ווייל סע קומען די אקטיאָרן״ פלעג באַ פעלן דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן צו די קעלנערס, ווען אקטיאָרן פלעגן אַריינקומען אין רעסטאָראַן. אַמאָליקע אקטיאָרן, טאַליאַס כהנים האָט זעלטן גיעקלעקט דער פאַרדינסט, אויף א בעסער עסן. אַן אילוסטראַציע ווי אַזוי די אויבן דערמאָנטע האָבן גיעקוקט אויף די יידישע אקטיאָרן איז אויך דער פאָלגנדער פאַל, דערציילט פון גאָלדפאַדענען. ער האָט זיך געוואָנדן אין יאַס צו א געוויסן רייש, וועגן פאַרדינגען זיין זאַל פאַרן ווינטער סעזאָן 1876—1877, דערויף האָט דער מגושמדיקער פאַרשוין אַרגומענטירט זיין אָפּזאָג מיט די רייד: „איך קאָן נישט דערלויבן אַז יידישע אקטיאָרן זאָלן באַ־שמוצן מיין בינע!״

ווען שמואל לערעסקו, דער זון פון א יאַסער סוחר, איז געוואָרן אַן אקטיאָר, האָט אים די משפחה אַריינגעלייגט אין חרם און, יאָרנלאַנג

אים נישט דערלויבט צו קומען קיין יאס זיך זען מיט דער משפחה. כאָטש ער פלעג אָפּט שפּילן אין דער מאָלדאַווע, נאָענט צו זיין געבורטס־שטאָט. אן אקטריסע איז באטראכט געוואָרן ווי א זונה!...

אויב אן אקטיאָר — זאָט פון דחקות, האָט געוואָלט פארלאָזן די טרופּע, כדי זיך צו אנגאזשירן אין אן אנדער טרופּע, אָדער זיך נעמען צו אן אנדער ארבעט און אויפהערן הונגערן, פלעגן אים די „דירעקטאָרן אָדער אימפּרעסארן" שטערן און מסרן אז ער איז א „דעזערטיר", אז „ער האָט פאלשע פּאפּירן" און אפילו, אז „ער האָט געגנבעט טעאטער־זאכן"!...

צו הילף פון די אויסניצערישע באלעבאטים זענען געקומען אויך די אמאָליקע אָרדנונג היטער, די פּאָליציי־קאָמיסארן, פון וועלכע אייניקע האָבן געהאט משפחה אָדער געשעפטלעכע פארבינדונגען מיט די באלעבאטים פון די טרופּעס.

אייניקע סיגוראנצא – אגענטן פלעגן ארויסנעמען דערלויבענישן אָנצופירן טרופּעס אָדער מאכן טעאטער אימפּרעזעס אלס אימפּרעסאריאָ! פון אן עלטערן אקטיאָר, האָב איך געהערט דערציילן, וועגן א געשעעניש אין 1918. די טרופּע האָט געשפּילט אין פּיאטרא נעאמץ, מאָלדאַווע. דאָרט האָט מען געכאפּט דעם אימפּרעסאר און סיגוראנצא־אגענט הערש (הערמאן), בראונשטיין, גנבענען פון דעם איינקאסירטן געלד פון א פאָרשטעלונג. די אקטיאָרן האָבן אים באלד ארויסגעוואָרפן פון דער טרופּע אָבער ער האָט זיי געמסרט אז זיי זענען „באָלשעוויקעס, אז זיי זענען געקומען אין לאנד מיט פאלשע פּאפּירן און שפּילן פּיעסן מיט א סובווערסיוון אינהאלט..."

די אקטיאָרן זענען באפרייט געוואָרן נאָך דעם וואָס זיי האָבן געצוווּנגענע־געבעטן" מחילה ביי בראונשטיינען, — וועלכער האָט דערנאָך" אינטערוועניִרט „מע זאָל זיי באפרייען..."

וועגן דער יוגנט אין יידישן טעאטער

דאָס רוב אקטיאָרן אין אמאָליקן יידישן טעאטער פלעגן אָנהייבן אלס כאָריסטן. זיי פלעגן זינגען אין די מוזיקאלישע פּיעסן, און ווען האָט מען דען געשפּילט אין יידישן טעאטער פּיעסן אָן מוזיק? די כאָריסטן באקומען 50 באני פאר א מאטינע און א ליי פאר אן אָוונט ספּעקטאקל. זיי פלעגן מאכן פיגוראציע, שפּילן קליינע עפּיסאָדן און מיט דער צייט אויך ראָלעס. אייניקע האָבן אויך געקאָנט שפּילן אויף אן אינסטרומענט און אין א נויט „ארייַנשפּרינגען" אין אָרקעסטער.

ווען א הויפט־ראָליסט פלעג ווערן קראַנק און א יונגער אַקטיאָר איז אריינגעשפרינגען ווי מיר זאָגן, עקספּראָמפּט, און געראַטעוועט דעם ספּעקטאַקל, פלעג מען אים געבן נישט קיין דאַנק און נישט קיין פּרעמיע באַר „חצי״, די העלפט פון געהאַלט מיט מרדכי סעגאַלעסקוס א זיפצעלע.
— סטייטש, טענהט דער יונגער אַקטיאָר, כ׳האָב געשפּילט אברהמען פון „עקידת יצחק״, א הויפּט־ראָלע, סע קומט מיר מער געלט. — פאַרוואָס? שקצט אים אָפּ ליבליך, דער וויין־סוחר און באַלעבאָס פון דער „זשיגניצא״, פאַרוואָס קומט דיר מער?!... ווייל דו האָסט געטרעסעט מיט דער באָרד?
דאָס „ברעטל״, ווי די אַקטיאָרן באַצייכענען די בינע, האָט געצויגן צו זיך און מיר ווייסן פאַלן פון סופליאָרן וואָס זענען געוואָרן אַקטיאָרן ווי למשל אברהם בלאַנק, וועלכער האָט נאָך צוויי יאָר סופלירן אין דער „זשיגניצא,״געשפּילט אין 1881 יאָר ווי אַן אַקטיאָר, דעם שדכן, אין אברהם גאָלדפאַדענס „שמענדריק״.
מיר ווייסן פון א מוזיקער און כאָר־דיריגענט דוד הירש וועלכער האָט געשפּילט אויך ווי אַן אַקטיאָר. לויטן אַפיש פון דעם „זשיגניצא״ טעאַטער, פון מיטוואָך 15־טן יולי 1892, שפּילט ער צום 19־טן מאָל, צוויי ראָלן: דעם ריטער אולריך פאָן האָכפעלד און דעם פּרימאַר (ראש העיר) בראַנד פון אַבערנהיים, אין אברהם גאָלדפאַדענס „רבי יאָזעלמאַן״.
מיר ווילן דערמאָנען די „געשוירענע קעפּ״ די סופליאָרן־ליטעראַטן פון אַמאָליקן יידישן טעאַטער. א וויכטיק פאַך אין יענע יאָרן ווען מען פלעג געבן יעדע וואָך א„פּרעמיערע״.
ווער האָט געקאָנט אויסלערנען א ראָלע אין צוויי־דריי טעג? זענען די גראַמאָטנע סופליאָרן געקומען צו הילף די אַקטיאָרן, וועלכע פלעגן זיי רופן „די געשוירענע קעפּ״!
איינער פון די ערשטע „געשוירענע קעפּ״ אין יידישן טעאַטער פון רומעניע איז געווען דער משכיל, לערער, דראַמאַטורג און סופליאָר יצחק (איזאַק) אבראַמאָוויטש. ער פלעג סופלירן אומזיסט און דערפאַר פלעג מען אים שפּילן, יעדעס יאָר, איינע פון זיינע פּיעסן! אין מיין רשות געפינט זיך זיין קאָמעדיע „דער פאַרפירטער (שווער) שוויגער־פאַטער״ (ריכטיקער, לויט אונדז וואָלט געדאַרפט זיין „דער אָפּגענאַרטער שווער״ Socrul păcălit. איך וועל שרייבן אויספירלעך וועגן אָט דער קאָמעדיע אין א באַזונדערער אַרבעט וועגן יידישער דראַמאַטורגיע אין רומעניע. דערווייל קאָן איך זאָגן אַז דער אינהאַלט איז ענלעך צו „די צוויי קוני־לעמלעך״, כאָטש די האַנדלונג און פּערסאָנאַזשן, גיט אָן דער מחבר, קומט פאָר אין

רומעניע, און פאָדאָלאַי, (אַ שטעטל לעבן יאַס, מאָלדעווע), און דער הויפּט פּערסאָנאַזש הייסט פאַדאָלאַיער.

פּרנסה האָט יצחק אַבראַמאָוויטש געהאַט פון לערערײַ. ער פלעג געבן העברעישע שעהן. איבערליגן פלעג ער אין טעאַטער, איינשטודירן מיט די אַקטיאָרן זייערע ראָלעס און מיטאַמאָל אַ זאָג טאָן: — „קינדער, וואַרט אויף מיר צען מינוט, איך גיי געבן אַ שטונדע!...„געווען איז איזאַק אַבראַמאָוויטש אַן איידעלער ייד, אַ משכיל מיט סאָלידער אַלט־יידי־שער קולטור, אַ גוטער מענטש.

דער פּאָפּולערער דראַמאַטורג יוסף לאַטיינער, איז אַ צייט געווען אויך סופליאָר אין יידישן טעאַטער פון רומעניע. געווען אַ „געשווירענער קאָפּ״, געקענט דייטש און באַאַרבעט פון דער דייטשער דראַמאַטורגיע, אייניקע פון זיינע פּיעסן. ווי אַ סופליאָר איז ער טעטיק געווען צווישן די יאָרן 1876—1880.

משה קייש, דער זון פונעם פאָלקס־רעדנער, פּובליציסט, און שלום עליכם פּאָפּולאַריזאַטאָר־אורי קייש, האָט באַקומען סאָלידע אַלט יידישע קענטענישן פון זיין פאָטער און געוואָרן... אַ סופליאָר. כל ימיו געוואַנדערט מיט קליינע טרופּעס, פון שטעטל צו שטעטל, אין וועגעלעך אָנגעלייגט איינס איבערן אַנדערן־אַקטיאָרן, סופליאָר, גאַרדעראָביער, מיט די באַגאַזשן, דער מאַשיניסט מיטן שטיקל געמאָלטן צימער אָדער גאָרטן. אָט פאַרהאַקט זיך דער וואָגן אויף אַ בלאָטיקן באַרג, אָט פאָרט ער דורך אַ שנעל לויפנדיק וואַסער און מע דאַרף אונטערשטופּן... זומער איז נאָך האַלבע לייד געווען אָבער ווינטער פלעג מען זיך פאַרשעלטן די יאָרן!... אַלע זיינע יאָרן פלעג משה טראָגן זומער און ווינטער, גראָבע קליידער און ווינטערדיקע פילץ־שיך. געווען רעומאַטיש און אַלס רפואה זיך אָפּט געבאַפּט צום גליעזל...

געשווירענע קעפּ־ליטעראַטן — ווען מיר דערמאָנען חיים קליימאַן מאָטל סאַקציער, מ. דונאַיעווסקי, איציק קאַפּיטאַנאָוו, לייב דרוקער און יחיאל שרייבמאַן, — היינט אַ באַוווסטער שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ער איז געווען אַ באַשיידענער מענטש, אַ שטילער, וועלכער האָט זיך נישט געמישט אין די קוליסן אינטריגעס, געהאַט כבוד פון די אַקטיאָרן. אָט די ליטעראַטן־סופליאָרן, פלעגן אויסבעסערן די לעכערלעכע פראַזע פון די ביליקע אָפּערעטעס און לעבנסשטיק, שניידן גראָבע אָדער צווייטייטשיקע רייד, צושרייבן קופּלעטן וועגן אָנגעווייטיקטע צייטיקע ענינים ווי דער קופּלעט „טריק־טראַקן פון מלחמה קאַליקעס״ אין כתב־יד ביי מיר,

אַן דעם נאָמען פון מחבר. ביי א פאַרשטעלונג מיטן „לעצטן טאנץ" האָט סרול בראונשטיין אויף מיינער א באמערקונג וועגן דער פיינקייט פון פאָרם און תוך פון א קופלעט, אויב איך געדענק גוט, האָט דער קופלעט זיך אָנגעהויבן אזוי: „איינמאָל, איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט", מיר געוויזן יחיאל שרייבמאנען, וועלכער האָט סופלירט דעם ספעקטאקל און צוגעגעבן: „דעם קופלעט, האָט ער, שרייבמאן צוגעשריבן.

צו די פראָפעסיאָנעלע סופליאָרן אין אמאָליקן רומעניע דארף מען דערמאנען זשאנעטא שטיין (היינט אין ישראל). חיהלע אש איז א צייט געווען סופליאָרין, אין איר פריער יוגנט.

צו די פראָפעסיאָנעלע סופליאָרן, דערמאנען מיר יעקב גרינפעלד א יאסער יונגערמאן אין א. ראָזענבלום'ס טרופע און חיים גרינבערג אין 1906, אין דער „זשיגניצא".

לאנגע יאָרן אין יאס, אין פארשידענע טרופעס וועלכע האָבן גע־וואנדערט איבער בעסאראביע, מאָלדעווע, איז געווען סופליאָר שיקע גאָלדענבערג. ער האָט געהאט א גוטע שטימע און א שיין געשטאלט און אפילו געזונגען אין סעווילאַ פאסטאַר'ס טרופע. אין „דער גאָלדער שטן", וואס איז געווען דער שטערנבערג־מלאך — סיד, טאל דערפאָלג, האָט ער געזונגען די „סערענאדע". שיקע איז געווען אַן אָפטער רעציטאטאָר אין פארשידענע יידישע קולטור אָרגאניזאציעס, אויך אין דער יאסער יידישער „קולטור ליגע". שיקע פלעג אינטערפרעטירן מיט באזונדערן חן מאנגער און שלום עליכם טעקסטן.

אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, זענען אומגעבראכט געוואָרן דורך די נאצישע חילות אָדער אויסגעגאנגען פון הונגער און קעלט, אין לאגערס און פארשיקונג, א גרויסע צאָל כהנים פון דער יידישער בינע צווישן וועלכע אויך סופליאָרן.

חיים־יוסף קיימאן געדענק איך ווי א סופליאָר אין יאסער „פאָמו ווערדע"־גאָרטן, טיף אין די צוואנציקער, בעת כ'האָב געמאכט פיגוראציע ביי פארשידענע טרופעס. קיימאן איז געווען אַן איידלער מענטש, א צארטער, אַן אָרעמער, א שטילער. ער פלעגט איעדן אָפגעבן כבוד, מיט קיי־נעם זיך נישט געקריגט. כאָטש איך בין געווען א 15 יעריקער, האָט ער זיך איינמאָל געקלאָגט פאר מיר, אז ער האָט א שווער לעבן און כאָטש ער שפילט עפיזאָדן, סופלירט, פירט די בוכהאלטעריע פון דער טרופע, האָט ער ניט מיט וואס צו באצאָלן די דירה!...

זלמן (קרוינשטאט) קרוין, איז געווען ניט נאָר א גוטער סופליאָר נאָר אויך א פעיקער שוישפילער, וועלכער פלעג מימיש, מער ווי מיט רייד, ארויסברענגען א טיפ, באזונדערס אלטע.

„דער שווארצער קאנצלער", געהייסן האָט ער פנחס שווארצמאַן און געווען א שווארץ־חנעוודיקער יונגערמאן, פון פאך א בוכהאלטער. ווי א פראָפעסיאָנעלער סופליאָר האָט ער געארבעט מייסטנס אין טרופעס מיט אויסלענדישע אקטיאָרן, „סטארן" — פלעג מען זיי אנאָנסירן. פנחס שווארצמאַן פלעג שטארק חנפענען די סטארן און אין די פויזן פון די ספעקטאקלען, וויפל זיי פלעגן אים לאָזן די טעקסטן צום סופלירן, פלעג ער שנעל איבערשרייבן די טעקסטן און זיי צושטעלן די קלענערע טרופעס. א געניטער אבסאָלוּענט פון הינטער־קוליסן־פאָליטיק, פלעג פנחס שווארצמאַן האָבן א היפשן חלק ביים צעברעכן און צונויפשטעלן יידישע טעאטער טרופעס. דערפאר האָט אים די וועטעראנקע פון יידישן טעאטער רחל אק־סעלראד, באטיטלט דער „שווארצער קאנצלער"!

„פעטער יאָשע" — יוסף עטינגער, איז געווען א ייד מיט א געלן בילעט, דאָס הייסט מיט אן אויטאָריזאציע אָנצופירן טרופעס. פלעג ער שוין אין דער זעלבער טרופע זיין קאסירער, טיר־קאָנטראָליאָר ביים אריינגאנג, און אויך סופלירן. כאראקטעריסטיש פארן פעטער יאָשע איז געווען דאָס שמעקן טאבעקע. ער פלעג טון א פעסטן שמעק טאבעקע, א ניס טאָן, ארויסכאפן א לאנגע, לאנגע טונקלע פאטשיילע, זיך א רייב טאָן די נאָז. דאָס איז געווען דעם פעטער יאָשעס „אָטעס־פויזע" צווישן איין פראַזע און דער אנדערער אָדער צווישן איין וויץ און א צווייטן, אָדער נאָכן אָפטאָן א שפיצל, עמעצן פון דער טרופע... ביי א גלעזל וויין, פע־טער יאָשע האָט געקאָנט אויסטרינקען גאנצע פלעשער און צעציען זיינע טעאטער־מעשיות, האָט ער מיר איינמאָל דערציילט: ווי א אימפּרעסאריאָ פון דער קינסטלערין צילע אדלער, האָט ער זי ארומגעפירט, בעת איר טורנע אין רומעניע, נאָר אין קליינע שטעטלעך. משמעות, צוליב די קליי־נע הוצאות פאר זאלן, האָטעלן וכדומה.

פרעגט אים אין א טאָג די קינסטלערין אדלער: „מיסטער יאָשע, רומעניע האָט ניט קיין גרויסע שטעט?" דערויף האָט דער פעטער יאָשע געכאפט קודם א שמעק טאבעקע, געניאָסן, ארויסגעצויגן זיין לאנגע, לאנ־גע טונקעלע פאטשיילע, געווישט די רויטע נאָז און געענטפערט: קליינע שטעטלעך, דארפן ניט זען גרויסע אקטריסעס?!..."

א סך אויסגעטראכטע, א סך אמתע מעשיות פלעג מיר פעטער יאָשע דערציילן ביי א גלעזל ווײַן ...ביז נאָך האלבער נאכט. איך וועל פארענ־דיקן מיט נאָך אזא מעשהלע:

אין זעלבן טורנע מיט צילע אדלער, מעשה נס, האָט ווייניק גע־רעגנט! עולם איז געקומען יעדן אָוונט אין טעאטער. די קינסטלערין איז געוואָרן זייער פּאָפּולער, באַרימט און באַליבט צווישן טעאטער־עולם פון יעדן שטעטל. פעטער יאָשע האָט דערפילט אז מען קאָן אויסנוצן איר באַרימטקייט און...

— סטייטש, דאַמנו יאָשע? נעכטן ביי דער זעלבער קאַסע, טענהן די באַזוכער, האָט א בילעט געקאָסט צען אָדער זיבן ליי און היינט זיבעצן!? פעטער יאָשע כאַפּט א שמעק טאַבעקע, טוט א ניס, שלעפּט אַרויס זיין לאַנגע טונקעלע פּאַטשיילע ווישט די רויטע נאָז און ענטפערט: —

— טאַקע אזוי! צען און זיבן איז נישט זיבעצן!?...

חכמות אין א זייט! די אַמאָליקע סופליאָרן, זייער נוצלעכע אין טעאַ־טער, פלעג מען געוויינלעך צוזאָגן „גאָלדענע בערג" און זיי באַצאָלט מיט געציילטע גראָשן, אָבער זיי, ווי אַמאָליקע כהנים, האָבן טריי געדינט דער יידישער בינע. געווען איינס מיט איר. די סופליאָרן האָבן פארשטאַ־נען דעם ווערט פון אן אַקטיאָר, פון א פּיעסע, דעם דערפאָלג אָדער דורכ־פאַל פון א נייעם שטערן אָדער פון א נייער פּיעסע, אָבער נישט אלעמאָל אַרויסגעזאָגט בקול רם, ווייל נישט אלעמאָל האָט עס געטויגט.

א—בי—סל „רכילות", טעאַטער־מאָזאַיק

קיין מלאכים זענען נישטאָ אויף דער ערד און אַקטיאָרן פּרעטענ־דירן נישט צו זיין פּערפעקטע באַשעפענישן. דוד קעסלער, דער גרויסער קינסטלער, אָן אָפּשטאַמיקער פון אונדזערע קאַנטן, פלעג זאָגן: — „אן אַקטיאָר דערקענט מען נישט ווען ער רעדט נאָר ווען ער שווייגט"... אָבער נישט ווען ער בלייבט שטעקן, אָן לשון, אויף דער בינע, דערגענץ איך. ווענן די לעצטע וועלן מיר ווייטער דערציילן.

ס'איז באַוווסט די פּראָפעסיאָנעלע געוויסנהאַפטיקייט פונעם יידישן אַקטיאָר. אויב אין נישט־יידישן טעאַטער איז שלעכטער זכרון, צי „בלייבן שטעקן" בלייבן העַנגען, זאָגן די אַקטיאָרן, און נישט רעדן ווייטער דעם טעקסט צוליב שכרות, לאַמפּנפיבער, נישט קענען דעם טעקסט, שווער באַשטראָפט געוואָרן, ווי ס'איז דער פאַל צום ביישפּיל, אין דער צייט פון

דער קיסרין עקאטערינא II. דער טעאטער־טיראן גראף קאמענסקי פלעג באשטראפן דאס בלייבן שטעקן מיטן טעקסט, פון די לייב־אייגענע שוישפי־לער, מיט קנוטעווען. אין בעלגישן טעאטער „טורנע" איז א נאכלעסיקער אקטיאר, געבליבן שטעקן מיטן טעקסט, האט מען אים פון דער בינע אוועקגעפירט אין דער פאליציי. דער שוין בארימטער שוישפילער קין, איז אין יאר 1830 אין „דרערי־ליין טעאטער" אויסגעפייפט געווארן, ווייל ער האט נישט גוט געקענט זיין ראלע. אין יידישן טעאטער, אין גוטן יידישן טעאטער, איז שטעקן בלייבן, א זעלטענע דערשיינונג! אפילו אין פראווינץ טרופעס. אויב עס געשעט, אנטשולדיקט זיך די דירעקציע, עפנ־טלעך, אויפן נאענטסטן אפיש, ווי סע טוט טאקע אין יאס, די יידישע דילעטאנטן (טרופע) געזעלשאפט „יובל" (די פירמע, דילעטאנטן, איז מסתמא צוליב פינאנציעלע סיבות אויסגענוצט געווארן י.ש.), אויפן אפיש פון שבת 20 יולי 1896 צווישן אנדערן: „די ראללען זענען שטודירט און גוט פערטהיילט. וויר האפען דאס געהערטע פובליקוס ווירד אין יעדער היננזיכט העכסט צופרידן זיין".

אקטיארן וועלכע זענען געבליבן הענגען צוליב לאמפנפיבער, זע־נען צו שאנד און שפאט אין דער אנעקדאטיק פונעם יידישן טעאטער בכלל און פון רומעניע בפרט!

דער פארשטארבענער אקטיאר ז. העללמאן, פלעג דערציילן, אז ביי א פארשטעלונג מיט „מאטי מלך דער סטאליער", ווו ער האט גע־שפילט די הויפט־ראלע מאטי־מלך, און געהאט אלס פארטנער מאטי־בער, וועלכער האט ביי די פראבן געקענט דעם טעקסט פון דער ראלע, ווי א וואסער, איז אין אוונט, אויף דער בינע, ביי דער ערשטער רעפליק... געבליבן אן לשון... דער סופליאר און די מיטשפילער האבן כמעט געשריגן די רעפליקעס פון די קוליסן און מאטי־בער, דער אקטיאר וואס האט אים געדארפט שפילן, איז געשטאנען ווי פארשטיינערט. נאך א קורצער פויזע, רופט זיך אן העללמאן־מאטי־מלך צוגייענדיק צו אים און קלאפנדיק אים אויף דער פלייצע:

„זינעניו מיינער, איך ווייס וואס דו ווילסט מיר זאגן". און אראפ־געערעדט דעם גאנצן טעקסט פון פארטנער מאטי־בער. צום סוף, איז מאטי־בער געקומען צו זיך און צוגעגעבן: — „יא, יא, אזוי האב איך טאקע געוואלט זאגן".. דער עולם האט גארנישט באמערקט וואס ס'איז געשען אויף דער בינע.

אין מיינע לאנגע טעאַטער־יאָרן, האָב איך באַמערקט פאַרשיידענע פאָרמען פון לאַמפּנפיבער. אייניקע ווערן הייזעריק ביי די ערשטע רעפּלי־קעס. אנדערע הוסטן, דאָס בעסטע מיטל קעגן לאַמפּנפיבער איז גוט איינ־שטודירן די ראָלע, אויסמיידן טרינקען אַלקאָהאָל אָדער אויפרעגונגען פאַר דער פאָרשטעלונג אָדער פאַרן אויפטריט.

ווייל מיר האַלטן ביים קאַפּיטל טעאַטער־אַנעקדאָטיק, אין יידישן טעאַטער פון רומעניע, דערציילט מען אַן אַנעקדאָט וואָס פּאַסט פאַרן אַב־סורדאַלן טעאַטער, נעמלעך אַן אַקטריסע וועלכע האָט אין דער פּיעסע „זשידאָווקאַ" (די יודין) געזאָגט קעניג פערדינאַנד אַנשטאָט קייסער קאָנ־סטאַנטין, דאָס וואָרט עקזיל האָט זי על פּי טעות פאַרביטן מיט תהלים, און ווען מען האָט איר געוויזן דעם געדרוקטן טעקסט האָט זי געענט־פערט אַז דער מחבר האָט נישט געקענט קיין באָטאַניק!...

צו די פּיטאָרעסקע פיגורן פון אונדזער טעאַטער־מאָזאַיק, געהער אויך יחיאל בערקאָוויטש בולבע, מיט וועלכן חברה אַקטיאָרן האָבן זיך פאַרוועט אַז, ער וועט זיך בולבען אַפילו אין אַ שטומען עפּיזאָד. איינמאָל שפּילט יחיאל בולבע אַ קאַטויילישן גלח, אָן טעקסט, און ביים אַפּגיין פון דער בינע ביי דער טיר, האָט ער געקושט די מזוזה...

רעגנס זענען אַמאָל געווען אַ דם־שונא פון יידישע טרופּעס. פּונקט ווען דער עולם פלעג זיך גרייטן גיין אין טעאַטער, פלעג אָנהייבן רעגע־נען אויף וואָס די וועלט שטייט.

— זאָגט נאָר, פרעגט אַן אַקטיאָר פון אַ יידישער טרופּע, איינעם אַ דורכגייער, ביי אייך אין שטעטל, רעגנט תמיד אַזוי? ניין, ענטפערט יענער: נאָר ווען איר קומט!

רעגנס ווי אַ פּאַטום פאַרן צושוועיר אין יידישן טעאַטער: אַ ייד מיט אַ שירעם לויפט אין טעאַטער. — פעטער, אַזאַ שיין וועטער, זומער לעב, און איר מיט אַ שירעם? — האָט נישט קיין יסורים, אויב סע שפּילט אַ יידישע טרופּע, וועט נאָך היינט מירצעשעם רעגענען!

דער אַלטער שלמה פרידמאַן האָט מיר דערציילט אַז אין די יאָרן פון טריקעניש, פלעגן פריצים באַצאָלן יידישע טרופּעס, זיי זאָלן שפּילן אין זייערע קאַנטן, אַלס סגולה קעגן טריקעניש!...

אַזאַ מזל האָבן שוין געהאַט יידישע אַקטיאָרן. אַ גאַנצע וואָך איז מען ממש אויסגעגאַנגען נאָך אַ טראָפּן רעגנוואַסער, נאָר אַז ס'איז געקו־מען פרייטיק־שבת, זונטיק, ווען מ'האָט געהאָפט צו דעקן די שפּעזן, פלעג גיסן, ליאַפּען — אַ הונט נישט אַרויסצולאָזן פון שטוב...

זיצט א יידישע טרופע מיט אייזיק (איזידאָר) אשכנזי בראש, אין דער מאָלדעווער קרוינשטאָט יאס, ס'איז פּרייטיק צו נאכטס. מיט אמאָל ווערט דער הימל פארוואָלקנט, שטארק פארכמארעט און בורטשעט. זאָגט מען אָפּ די פאָרשטעלונג און מע נעמט זיך רעפּעטירן (פּראָבן) א נייע פּיעסע, אזוי ווי מע שטייט און גייט, אין קאָסטיום און גרים.

טעאטער פּאטריאָטן שטעלן איין זיך און זייערע מלבישים, עטלעכע ליי און קומען דאָך אין טעאטער, פולן אָן א האלבן גאָרטן. מע זאָגט זיי אז ס'איז נאָר א פּראָבע, זיי זענען מסכים און מע הייבט אָן. פּלוצים צע-גיסט זיך א ווילדער רעגן, מאכט אשכנזי מיטן טייטל-פינגער צום הימל: „גאָטעניו, ברענסט זיך אָפּ. ס'איז נאָר א פּראָבע נישט קיין ספּעקטאקל":

אָן אנדערט מאָל שפּילט מען שעקספּירס „האמלעט". אין דער סצע-נע ווען האמלעט רופט צו פּאָלאָניוסן און ווייזט אים דעם הימל, זאָגנדיק:
— זעסט פּאָלאָניוס יענע כמארע, דאָרט...? דערויף ענטפערט אים פּאָלאָ-ניוס-אשכנזי א דערשלאָגענער: — „צו איך זע זי? איך פיל זי אפילו! זי שטייט מיר ווי א ביין אין האלדז!"

...אויף דער זשיגניצער בינע, האָבן געשפּילט אין משך פון איר זעכציק יאָריקער עקזיסטענץ, די גרעסטע יידישע אקטיאָרן פון דער וועלט. די כהנים גדולים פון דעם יידישן טעאטער האָבן געהאלטן פאר א חוב און א כבוד, צו באטרעטן און באשיינען גאָלדפאָדענס ערשטן זומער-גאָרטן-די זשיגניצא.

בערטא קאליש, דיאנא און זיגמונט פיינמאן, די אדלערס און קעס-לערס, טאָמאשעווסקי און לעאָן בלאנק, קאָמפּאניעץ און די „ווילנער טרו-פּע", די יידישע פאָלקס בינע „מיט פּאול באראטאָוו, מישא פישזאָן. לוד-וויק זאץ, לידיא פּאָטאָצקאיא, זיגמונט טורקאָוו און אידא קאמינסקא, מאָלי פּיקאָן, מאָריס שווארץ, היימי פריזאנט און גיזי היידען, סעווילא פּאסטאָר, דינא קעניג און סידי טאל און פיל אנדערע, האָבן זיך און דעם יידישן טעאטער פון רומעניע געשאפן פּרעסטיזש. אויך טאלאנטירטע היגע, יידי-שע אקטיאָרן פון רומעניע, האָבן אין דעם א חלק, אויף דער זשיגניצא-בינע, זענען אויפגעפירט געוואָרן פּיעסן מיט א סך געדאנקען, טעאטער-בלוט און אקציע, מיט חוש פאר הומאָר, מיט מייסטערהאפטער אינטער-פּרעטאציע.

אָט די קינסטלער מיט זייער געמישטן מער קולטורעלן רעפּערטואר, האָבן באדייטנדע פארדינסטן פארן יידישן טעאטער פון רומעניע. מיר פארגעסן נישט די רעווי ספּעקטאקלען פונעם טריאָ שטערנבערג, באָטאָ-

שאנסקי, משה אלטמאן. אט די רעוויעס, האבן יאַרנלאנג, מיט זייערע פיילן, געטראָפן פינקטלעך אין די רעאקציאָנערע דערשײנונגען פון אונ־דזער געזעלשאפטלעכן און קולטור־קינסטלערישן לעבן. יידיש ליד און טאנץ, יידישע פאָלקלאָרישע שײנקייט, האָט דער רעזשיסער יעקב שטערנ־בערג, וועמענס קונסט וואָרצלט אין יידישן פאָלקלאָר, באארבעט שעפעריש כדי וואָס טיפער אויסדריקן זייער אינהאלט אין ספעקטאקל.

מיר ווילן אויסדריקן אונדזער צופרידנקייט און דאנק די שעפער און ארויסגעבער פון דעם מאָנומענטאלן ווערק „געשיכטע פון טעאטער אין רומעניע", פאר דער אויפמערקזאמקייט און פלאץ וואָס זיי שענקען אין די בענד II און III, דעם יידישן טעאטער בכלל און דעם יידישן טעאטער פון רומעניע בפרט.

לאָמיר געדענקען דעם גרויסן טעאטראל זלמן זילבערצווייג דעם שעפער פון זיבן בענדיקן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאטער" וועלכער פאר־פיקסירט פאר דער אייביקייט, עטלעכע טויזנט יידישע אקטיאָרן, רעזשי־סאָרן, דראמאטורגן, מוזיקער, בדחנים, קלעזמאָרים, אין א תקופה פון אן ערך 150 יאָר. מער ווי זיבן טויזנט שפאלטן גרויס־פאָרמאט און א האלבן יאָרהונדערט פון זלמן זילבערצווייגס לעבן, האָט איינגעשלינגען דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאטער". אָט די יחידישע ארבעט פון איין זלמן זילבערצווייג, נעמט ארום א ריזיקן, ווערטפולן מאטעריאל פאר די היינ־טיקע און צוקונפטיקע פאָרשער פון געשיכטע פון יידישן טעאטער אויף דער גאָרער וועלט.

נישט נאָר א רעגיסטראטאָר פון דער טעטיקייט פון די פערזאָנען וועמענס ביאָגראפיע ער ברענגט, נאָר זיי זענען פארזען מיט סינטעזן פון פאכמענישע, אָביעקטיווע אָפשאצונגען. כבוד און דאנק זלמן זילבערצווייגן וועלכער האָט פארהערלעכט און פאראייביקייט די, וועלכע האָבן פארשאפט גייסטיקע פרייד מיליאָנען צושויער, פאָלקס מענטשן. דער לעקסיקאָן פאר־שאפט חשיבות דער גרויסער יידישער טעאטער משפחה אויף דער גאָרער וועלט אויך צווישן ניט־יידן!

פאר אָט דער ריזיקער ארבעט, פארגעדענקען מיר זלמן זילבערצ־ווייגן, מיר די טעאטער דינער און שעפער פון יידישן טעאטער אין רומע־ניע, ווי פון דער גאָרער וועלט. רומעניע — דעם וויגעלע פון יידישן טעאטער, האָט ער געווידמעט עטלעכע פון זיינע פילע ביכער.

עפּילאָג...

דאָרט ווו ס'איז אמאָל געווען דער זומער־טעאַטער „זשיגניצאַ", דער גאָרטן ווו גאָלדפאַדען האָט אָנגעהויבן און פאַרפלאַנצט זיין עבודה מיט הונדערט יאָר צוריק, איז בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, פיזיש אויף תמיד אָפּגעווישט געוואָרן.

די ברעטער פון דער בינע, וועלכע האָט אַזויפיל יאָרן דערמעגלעכט אַן א שיער גלאַנץ, שוווּנג, זיינען שוין נישטאָ!

אָבער דער טעאַטער־גאָרטן „זשיגניצאַ" פאַרבלייבט אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער א גלענצנד בלאַט אויף דערפאַר, ווייל פון אים זענען ווייט באַרימט געוואָרן צענדליקער קינסטלער וועלכע מיר פּרווון דערמאָנען אין אונדזער בוך.

יאָן גיקא — דער גענעראַל דירעקטאָר פון רומע־נישע טעאַטערס צווישן 1877—1881, און זיין באַציונג צום יידישן טעאַטער בכלל און צו אברהם גאָלדפאַדען בפרט

ס'איז באוווסט אז דער פּילזייטיקער יאָן גיקא, שרייבער, דיפּלאָמאַט, אָנפירער פון אַלע טעאַטערס אין רומעניע, איז געווען אַ געוויסנהאַפטער, ליידנשאַפטלעכער אויספירער פון אַלע זיינע באַשעפטיקונגען. אַזוי האָט ער מיט אַ סך קאָמפּעטענץ, אָן שום מאַטעריעלן נוצן, אָנגעפירט אויך דאָס רומענישע טעאַטער־לעבן, צווישן די יאָרן 1877—1881. אויפן טעאַטער גע־ביט האָט יאָן גיקא געהאַט פאָרגעשריטענע אידייען, ווי מיר וועלן באַ־ווייזן אין אונדזער איצטיקער אַרבעט. מיר זיינען זיך סומך אויף דאָקו־מענטן פונעם אַרכיוו פון דער גענעראַל דירעקציע פון די טעאַטערס אין רומעניע, אין צענטראַלן אַלגעמיינעם אַרכיוו פון בוקאַרעשט, ווי מיר האָבן פון מערערע יאָרן אַ צוטריט. און דערפאַר טאַקע ווילן מיר דאָ אויסדריקן אונדזער דאַנק, דער אָנפירונג. אַנדערע קוואַלן זיינען, אָפט קליינע צייטונגס־נאָטיצן, אָט די מאַטעריאַלן ווילן מיר ברענגען דעם לייע־נער פון היינט כדי צו דערמאָנען אינטערעסאַנטע, נייע פאַקטן פון אַמאָל, זיי פאַרהיטן פון פאַרגעסנקייט.

דאָס ערשטע בוך וועגן גאָלדפאַדענס יידישן טעאַטער, איז דערשינען סוף יאָר 1877 אָדער אָנהויב 1878. געשריבן אין יידיש פון ג. אבראַמסקי, איז עס די ראַשיתדיקע אַרבעט, כאָטש אַ באַשיידענע פון 30 זייטן. אין אָט דער אַרבעט זיינער, אַנאַליזירט אבראַמסקי, די ערשטע גאָלדפאַדענישע פּיעסן פון די ערשטע ספּעקטאַקלען פון אברהם גאָלדפאַדענס טעאַטער, נע־מלעך: די מומע סאָסיע; שמענדריק; איקס, מיקס, דריקס; דער קאָטער; די שטומע כלה; די אינטריגע; אַ גלאָז וואַסער; דער לעבעדיקער מת; שוס־טער און שניידער און „ברײַנדעלע קאָזאַק“.

דורך זיינע אָפּשאַצונגען, באַווייזט אבראַמסקי אַז ער באַזיצט אַ הויכן קולטור־ניוואָ. געקומען איז אבראַמסקי פון רוסלאַנד און האָט אַ צייט געלעבט אין רומעניע. אָט איצט וועגן אינהאַלט פון זיין בוך:

אויף דער פראגע: ווי דארף אויסזען א יידיש טעאטער? וואָס אין וויאזוי דארף מען שפילן, ענטפערט אבראמסקי:

דער מחבר מוז גוט קענען דעם (טעאטער) עולם פאר וועלכן ער שרייבט: דעם אופן ווי ער דריקט אויס די פארשידענע געפילן זיינע, זיינע מעלות און חסרונות, דעם אופן ווי ער רעאגירט אין געוויסע אומשטענדן, ווי אויך די צייט אין וועלכער און פאר וועלכער דער מחבר שרייבט.

אין שייכות מיט דער שוישפיל־קונסט, איז ג. אבראמסקי ביי דער מיינונג, אז זי דארף באווירקן דעם צושויער אין אזא מאָס, אז עס זאָל פאראיידלען זיינע געפילן.

דער קריטיקער ג׳ אבראמסקי האלט אז מען דארף פאָרשטעלן די פארשוינען־עכט, סיי אין באציונג צו זייער זעליש לעבן, סיי אין דעם אופן ווי זיי מאניפעסטירן זיך: זייערע חסרונות און מעלות, מוזן זיין איבערצייגנדיק, אָפגעשפיגלט אין קאָמעדיע, וואָדעוויל, כדי דער צושויער זאָל אהיימגיין פון טעאטער מיט א לערע, מיט א מוסר־השכל.

ג. אבראמסקי וועגן די ערשטע גאָלדפאדענישע פיעסן און אקטיאָרן

„די מומע סאָסיע״ איז לויט ג. אבראמסקי, איינע פון די בעסטע דראמאטישע ארבעטן וואָס גאָלדפאדען האָט ביז דעמאָלט געשטעלט (אין ערשטן יאָר פון טעאטער עקזיסטענץ. י.ש.) ווייל אין איר באגעגענען מיר ווירקלעכע מענטשלעכע געשטאלטן.

ער איז ביי דער מיינונג אז די ראָלע פון דער מומע סאָסיע, האָט גוט אויסגעפירט די אקטריסע ראָזא פרידמאן כאָטש אביסל איבערטריבן. ס׳האָט מיך באמת געפרייט, שרייבט אבראמסקי, וואָס אן אקטריסע פארשטייט אזוי גוט דעם מחברס כוונות. האָפנטלעך וועט זי זיך תמיד אויסצייכענען אין אזעלכע ראָלן.

מיר האלטן אז דאָ איז דאָס פלאץ צו ברענגען אייניקע אָפּשאצונגען וועגן די אָנהויבן פון יידישן טעאטער אין יאס. די אָביעקטיווע, אינטערעסאנטע אָפּשאצונגען פון בארימטן רומענישן דיכטער־קלאסיקער מיכאיל עמינעסקו, זיינען דערשינען אין „קוריערול דע יאסי״ נר. 93 פון אויגוסט

1876, און איז די ערשטע און איינציקע טעאטער־רעצענזיע וועגן יידישן טעאטער פון זומער 1876.

פון אָט דער רעצענזיע ווערט בולט אַז: עמינעסקו האָט באַטראַכט מיט אינטערעס יעדע קולטור־קינסטלערישע אימפּרעזיע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אַז זי איז ווערט אָפּגעשאַצט צו ווערן ווי אויך דעם בייטראַג פון אַזעלכע אימפּרעזעס, צו דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון רומעניע.

מיר וועלן זיך דערלויבן צו זאָגן, אויפן סמך פון דער גינסטיקער רעצענזיע זיינער וועגן די אָנהויבן פון יידישן טעאטער, אין יאַס, אַז ער האָט געהאַלטן אַז דער יידישער טעאטער איז אַ פונק פון דעם ריזיקן פלאַם וואָס די דראַמאַטישע קונסט איז בכלל.

אין זיין טעאטער־רעצענזיע גיט אונדז דער דיכטער עמינעסקו, פּרטים וועגן לידער, סצענעטקעס פון ספּעקטאַקל ווי אויך וועגן דער שפּיל פון די אַקטיאָרן. פּרטים, פאַכמענישע באַמערקונגען, באַרעכטיקן אונדזער השערה אַז עמינעסקו, אַ גוטער קענער פון דער דייטשער שפּראַך, אויפגעוואַקסן אין באָטאָשאַן, די געדיכטע יידישע וווינשאַפט, האָט אויך געקענט יידיש. אגב ווייסן מיר פון עמינעסקוס אַ דראַמאַטישער אַרבעט „גאָגוצו דעם טאַטנס״, וווּ אַ הויפּט פּערסאָנאַזש „לייזער זאַלסט זיין געזונט״ האָט גאַנצע רעפּליקעס אין יידיש. אָט דער פּרט, גיט נאָך מער וואָגיקייט זיין כראָניק וועלכע מיר דרוקן דאָ איבער, אין אַ יידישער איבערזעצונג.

„יידיש טעאטער. אין אַ גאָרטן אויף דער גרויסער גאַס (ביי שמעון מאַרק), האָט זיך געעפנט אַ קליינער זומער־טעאטער, וווּ מען שפּילט אין דער יידישער שפּראַך (צעבראָכן דייטש), די טרופּע וועלכע קומט פון רוסלאַנד און באַשטייט פון בערך 16 פּאַרשוין (אַלע מאַנסבילן), האָט אַ כאַראַקטעריסטישן רעפּערטואַר, וועלכער באַרירט נאָר דאָס שטוביקע און רעליגיעזע לעבן פון די יידן. אַזוי האָט מען דאָנערשטיק דעם 19־טן אויגוסט געשפּילט; 1. די וועלט אַ גן־עדן, (אַ סאַטיריש לידעלע); 2. דער פאַרליבטער פילאָזאָף און דער אויפגעקלערטער חסיד (חבד׳ניק), דיאַלאָג; 3. דער שווער מיטן איידעם; 4. פישל בעל־עגלה מיט זיין משרת סידר, קאָמעדיע. בנוגע די פּיעסעס האָבן מיר ווייניק וואָס צו זאָגן, זיי שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין גרויסן דראַמאַטישן ווערט, אָבער דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן איז געווען זייער גוט. למשל אין דער צווייטער פּיעסע, האָט דער שוישפּילער, וועלכער האָט געשפּילט אַ חסיד, אַזוי געטריי פאָרגעשטעלט אַ יידן אַזוי ווי מיר זעען אים אַלע טאָג, אַ היציקן מיטן איילנ־

דיקן און דריבנעם רעדן. אן איינגעבילדעטן, גיך לאכנדיקן און א פינט־לענדיקן מיט די אויגן, — אזוי אז מיר דארפן אים אָנערקענען פאר א גרויסן טאלאנט. אין דער 3־טער פיעסע האָט דעם איידעם געשפילט אַן אנדערער אקטיאָר, וועלכן מיר רעכענען פארן טאלאנטפולסטן פון דער גאנצער טרופע. ער האָט געשפילט דעם געפּלעפּטן יידן, דער שווער איז איינער פון יענע, וועלכע ווילן זייער פאָלק אויסבילדן, דערפאר האָט ער גענומען פאר אן איידעם א ישיבה־בחור, א גרויסער לא־יצלח און נתפעל פון דער תלמודיסטישער לערע. די דאָזיקע ראָלע איז געשפילט געוואָרן אויף זייער א כאראקטעריסטישן אופן. אלע מאָל אויפהייבנדיק די ברעמען און פארקנייטשנדיק דעם שטערן, מיט א שווארצער באָרד, מאָדנע גע־שוירן; א לאנגער, א דארער, רעדנדיק און זינגענדיק נאטירלעך, האָט ער אונדז געוויזן אן אמתן פּראָטאָטיפּ פון א מטורף און א לא־יצלח. דער די־רעקטאָר פון דער טרופּע האָט א סימפּאטישע שטימע (באריטאָן) און אַן אנגענעמע פיגור. די אריעס זיינען יידישע, און דאָס פּובליקום וואָס באַ־שטייט צום גרעסטן טייל פון די אקטיארנס גלויבנס־גענאָסן, אונטערהאלט זיך גוט.״

א הויכפּונקט אין דער קולטור געשיכטע פון רומענישע יידן

דאָס יידישער טעאטער געשאפן פון אברהם גאָלדפאדען, שטעלט מיט זיך פאר ניט נאָר א וויכטיקע קונסט און קולטור אינסטיטוציע נייערט א הויכפּונקט אין דער קולטור־געשיכטע פון די יידן אין רומעניע, ווו ס׳־איז דאָס וויגעלע און אנטוויקלונגס־אָרט פון דעם טעאטער. יידיש טעאַ־טער איז א גרויס קולטור־קינסטלעריש ווערק, א ירושה, אין רשות פון די יידן אויף דער גאָרער וועלט.

פארצייכענענדיק מיט א סך פארשטענדעניש, קריטישער אָביעקטי־וויטעט, די ערשטע קולטור און קונסט אימפּרעזע פון די יידישע פאָלקס־שיכטן אין רומעניע, פארבלייבט מיכאיל עמינעסקוס נאָמען פארבונדן מיט דער געשיכטע פון יידישן טעאטער, ווי איר ערשטער טעאטער־רע־צענזענט.

אין שייכות מיט דער נאָר וואָס ציטירטער טעאטער כראָניק, וויל איך באלויכטן אייניקע אומקלאָרע שטעלן, ידיעות, וועלכע וואָלטן געקאָנט פארפירן דעם לייענער. „די טרופּע איז געקומען פון רוסלאנד״ אין דער

אמתן איז נאָר גראָדנער געווען א ניט־היגער, די איבעריקע טרופּע איז באַשטאַנען פון געוויזענע קרעטשמע זינגערס, יונגע ענטוזיאַסטן מיט נייגונגען צום טעאַטער, וועלכע פלעגן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן ווי יום־טוב, קערמעשלעך און אנדערע שמחות, געבן פאָרשטעלונגען מיט טעקסטן פון זיי געשאַפענע, אָדער אויף ביבלישע טעמעס, זייער באַליבטע ביים עולם. די געשפּילטע ראָלעס פון די יונגע לייט האָבן זיך אזוי איינגע־קריצט אין זיכרון פון דורות, אז אייניקע פון זייערע אייניקלעך אפילו, האָבן געירשנט דעם צו־נאָמען פון די העלדן וואָס זייערע טאַטעס אָדער זיידעס האָבן געשפּילט!

אין יאַס צום ביישפּיל, האָט צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר, גע־לעבט איינער וועלכן מ׳האָט גערופן „המן“, אזוי גוט האָט ער געשפּילט דעם מגילה־פּערסאָנאַזש, אז יאָרנלאַנג האָט מען אים גערופן אויפן נאָמען פון גוט אינטערפּרעטירטן פּערסאָנאַזש.

אין די מלוכהשע ארכיוון פון בוקאַרעשט און יאַס, איז פאַראַן א היפּשער מאַטעריאַל וואָס איז שייך דעם יידישן טעאַטער אין רומעניע בכלל און דער טעטיקייט פון אברהם גאָלדפאַדען בפרט. אָט דער מאַטע־ריאַל באַשטייט פון אייגנהענטיקע ביטעס פון א. גאָלדפאַדען פאַר דער־לויבן ספּעקטאַקלען, רשימות פון פּיעסן, פון אַקטיאָרישן פּערסאָנאַל, אפישן, פּראָגראַמען.

די ערשטע אייגנהענטיקע ביטע פון א. גאָלדפאַדען צו יאַן גיקא — דעם גענעראַל דירעקטאָר פון די טעאַטערס אין רומעניע, געפינען מיר אין דער מאַפּע 487 פון יאָר 1878, זייטל 17. זי איז רעגיסטרירט אונטער נו־מער 490 פון 13/25 יולי 1878. לויט מיין השערה איז זי אויך געווען א געלעגנהייט פון אן ערשטן דירעקטן קאָנטאַקט צווישן יאַן גיקא און א. גאָלדפאַדען. אין מיין איבערזעצונג גיב איך איבער דעם אינהאַלט פון דער ביטע: „חשובער הער דירעקטאָר, כדי נאָכצוקומען דעם ארטיקל 6 און 641 פון געזעץ און רעגולאַמין פון די טעאַטערס אין רומעניע, האָב איך, דער אונטערגעחתמעטער דירעקטאָר פון דער קאַפע־קאָנצערט־טרופּע פון גאַרטן „זשיגניצא“, אויף גאַס נעגרו וואָדא 10, דעם כבוד אייך צו בעטן, איר זאָלט באַוויליקן די דערלויבעניש צו געבן ספּעקטאַקלען.

גלייכצייטיק טייל איך אייך מיט דעם פּערסאָנאַל פון דער טרופּע: הער משה טייך, מעכל ליכמאַן (ריכטיק מעכל גליקמאַן י.ש.), לייזער צו־קערמאַן און אנדערע שוישפּילער אַנהייבער.

די פרויען: מארגארעטא שווארץ, אנעטע שווארץ, סאָפיא באַלאַנדי־ און הער אבא שיינגאָלד מיט זיין פרוי.

דער רעפערטואר פון מיין טעאטער באשטייט פון פאָלגנדע, אָריגי־נעלע פיעסן, מיין אייגנטום: 1. בראנדאלע קאַזאַק, קאָמעדיע אין 4 אקטן און 9 בילדער; 2. די „כישופמאכערן" קאָמעדיע אין 5 אקטן און 8 בילדער 3, די באָבע און דאָס אייניקל, מעלאָדראַמע אין 3 אקטן; 4. די קאַפּריזנע (כלה) מויד, דראמע אין 5 אקטן: 5. „שמענדריק" אָפּערעטע אין 3 אקטן; 6. די אינטריגע, קאָמעדיע אין 3 אקטן; 7. די שטומע כלה־קאָמעדיע אין 3 אקטן; 8. „איקס, מיקס, דריקס", אָפּערעטע אין 2 אקטן; 9. „די שווע־בעלעך", וואָדעוויל אין 1 אקט; 10. „סופלע", קאָמישער וואָדעוויל אין 3 אקטן.

אויב איך האָב ניט געהאַט דעם כבוד, ביז איצט, אייך פאָרצולייגן די היינטיקע ביטע, הער דירעקטאָר, איז עס דערפאַר, וואָס איך, א פרעמדער, האָב נישט געקענט די פאָרשריפטן פון דעם טעאטער־געזעץ.

מיין רעפערטואר איז אלץ אין דער יידישער שפּראַך און אויב עס וועט נויטיק זיין, וועל איך אים איבערזעצן און איבערגעבן אין דער רו־מענישער שפּראַך.

נעמט אָן, איך בעט אייך, הער דירעקטאָר, די פאַרזיכערונג פון מיין באַזונדערער הויכאַכטונג. א. גאָלדפאַדען".

אין דעם זעלבן טאָג האָט גאָלדפאַדען איבערגעגעבן אַן אַנדערע ביטע, אריינגעטראָגן אונטער נומער 491, אין וועלכער ער בעט, אַלס דראַמאַטורג, מע זאָל פאַרווערן די אויפפירונג פון זיינע פיעסן, מצד א טרופּע, אָנגע־פירט פון י. גראָדנער. דער לעצטער, האָט אַנאָנסירט א ריי ספּעקטאַקלען מיט גאָלדפאַדענס פיעסן, אָן א דערלויבעניש פון מחבר.

דער גענעראַל דירעקטאָר יאָן גיקא באַפעלט מע זאָל נישט דער־לויבן די פאָרשטעלונגען אָן דער הסכמה פון מחבר. גאָלדפאַדען האָט זיך אין דער דערמאָנטער ביטע, פאַררופן אויפן ארטיקל 26, פאַראַגראַף 2, פון געזעץ און רעגולאַמין פאַר דער אָרגאַניזירונג און פאַרוואַלטונג פון די טעאטערס און קאַפּע־קאָנצערטן פון רומעניע, בוקארעשט 1877. אָט דער ארטיקל האָט פאָרויסגעזען: „קיין שום שטענדיקע אָדער וואַנדערנדע טרו־פּע טאָר ניט שפּילן א פּיעסע אָדער קאָנצאָנעטע, אָן דער דערלויבעניש פון מחבר, וועלכער איז באַרעכטיקט צו מאָנען שריפטלעך, פון די אַרטי־קע טעאטער אָרגאַנען וואָס זענען איינגעשטעלט געוואָרן דורך דעם איצ־טיקן געזעץ, צו פאַרווערן אויפצופירן זיינע ווערק."

דאָס ליטעראַרישע און קינסטלערישע אייגנטום, אין דער רומעני־שער געזעצגעבונג, מיט אירע ליבעראַלע גרויסמוטיקע פּרינציפּן, פאַרזי־כערט די מחבר־רעכט פון פרעמדע אין רומעניע.

אין אַרטיקל 11, זאָגט פּאַר דער ציווילער קאָדעקס: די פרעמדע אין רומעניע, וועלן אין אַלגעמיין געניסן פון די זעלבע ציווילע רעכט ווי די רומענער, א חוץ די פאַלן וו דאָס געזעץ באַשליסט אַנדערש.

גאָלדפאַדען האָט ענערגיש רעאַגירט קעגן דער ליטעראַרישער פּי־ראַטעריע, וועלכע האָט דעמאָלט געבושעוועט.

יאָן גיקאַ, ווי א גענעראַל דירעקטאָר פון די רומענישע טעאַטערס, ווענדט אָן דאָס געזעץ, באַשיצט דאָס ליטעראַריש־קינסטלערישע אייגנטום, אין אונדזער פאַל די מחבר־רעכט פון דראַמאַטורג אברהם גאָלדפאַדען.

אונדזער השערה אַז יאָן גיקאַ האָט פּערזענלעך געקענט גאָלדפאַדע־נען, שטיצן מיר מיט פאָלגענדיקע פאַקטן: גאָלדפאַדען איז שוין באַרימט געווען אין רומעניע אַלס דיכטער איידער ער איז אַהער געקומען און באַלד נאָך די ערשטע פאָרשטעלונגען איז ער טאַקע אַנאָנסירט אויף די אַפישן ווי „דער באַרימטער יידישער פאָלקס דיכטער.” די אָנגעזעענע יא־סער פערזענלעכקייטן פון פאַריין „לבנון” האָבן אים געשטיצט און אין בוקאַרעשט, אויף די פאַרשפּרייטע ליטאָגראַפישע בילדער אויף די טעאַטער פּראָגראַמען, איז ער באַצירט מיט א לענטע. אויך אין אַמעריקע איז פאַר־שפּרייט געוואָרן אָט די ליטאָגראַפיע וועלכע, איז לויט אונדזער השערה, פון פאַריין „ציון”. אָט דער פאַריין, האָט צוגעשטעלט דער רומענישער אַרמיי, עטלעכע אַמבולאַנסן מיטן נויטיקן מעדיצינישן פּערסאָנאַל און מע־דיקאַמענטן, בעת דעם רוסיש־רומעניש־טערקישן קריג פון יאָר 1877, און געהאַט אַלס מיטגלידער די פאַרגעשריטענע יידישע אינטעליגענץ, אָנגע־זעענע יידישע פערזענלעכקייטן פון יענער צייט.

מיר ווייסן אויך אַז יאָן גיקאַ האָט נאָענטע באַציונגען מיט די יידי־שע פאַריינען ווי למשל מיט די „הילפספאַריינען” פון וועלכע ער באַקומט אַלס מתנה, די 11 קאָסטיומען פון דעם אַלעגאָרישן וואָגן מיט וועלכן דער פאַריין האָט אַזוי אויסגענומען אויף דעם פאַראַד אין 1881, און האָט זי־כער דורך זיי, געהאַט ידיעות אויך וועגן גאָלדפאַדענס טעטיקייט ווי א שרייבער און טעאַטראַל.

גאָלדפאַדען איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ביי אַלע פאָלקס שיכ־טן און באַזונדערס ביי דער יידישער אינטעליגענץ, צוליב זיין קאַמף קעגן

אַבסקוראַנטיזם, אוממענטשלעכקייט פון די רייכע און ווי אזעלכער גע־שעצט געווען אויך פון יאַן גיקא, וועלכער האָט געווינטשן אז „דאָס טעאַ־טער זאָל זיין א נוצלעכע, באַלערנדיקע אינסטיטוציע פאַרן פאָלק, ווו עס זאָל לערנען גוטע מדות און זען די טרויעריקע רעזולטאַטן פון פאַרדאָרבנ־קייט, פון מדות רעות.“

גאָלדפאַדענס פיזישע און גייסטיקע פערזענלעכקייט: א גוט געבוי־טער מאַן אַן אימפּאָנירנדיקע פיגור, מיט א סאָלידער אייראָפּעישער קולטור, א מענטש וועלכער האָט געזען און געהערט אין זיינע וואַנדערונגען אי־בער וויכטיקע אייראָפּעישע קולטור צענטערס, א סך טעאַטער און מוזיקאַ־לישע ספּעקטאַקלען, געלייענט א היפּשע צאָל ליטעראַרישע ווערק אין פאַרשידענע שפּראַכן און אין א קורצער צייט זיך אויסגעלערנט נשקשה־דיק שרייבן און רעדן רומעניש, הכלל א מענטש וואָס האָט באַהערשט א חוץ העברעיש, יידיש, אויך פראַנצויזיש, דייטש, רוסיש, שפּראַכן וועלכע עס האָבן דעמאָלט, אין רומעניע, באַהערשט בלויז דער העכערער שיכט, און נישט צולעצט די רעצענזיע פון גרויסן מיכאַיל עמינעסקו וועגן גאָלד־פאַדענס טעאַטער — האָבן זיכער דערפירט צו א פערזענלעכן קאָנטאַקט צווישן יאַן גיקא און אברהם גאָלדפאַדען.

א מתנה פאַר דעם גאַרדעראָב
פון בוקאַרעשטער נאַציאָנאַל־טעאַטער

אין דער רומענישער צייטונג „ראַזבאָיול“ (דער קריג) פון 19 טן מאַי 1881, זייטל 3, אין רעפּאָרטאַזש „די קרוינונגס פייערלעכקייטן“, דער צוג פון די אַלעגאָרישע וועגענער פון דער XX־טער גרופּע, לייענען מיר: „די יידן האָבן זיך באַטייליקט נישט אלס גשמיינשאַפט נאָר דורך זייערע יידישע פילאַנטראָפּישע פאַריינען. דעם פּראָיעקט פון וואָגן ווי אויך די נויטיקע דאָקומענטאַציע־שטודיען, האָט צוגעשטעלט סאַניעל מאַרקוס. די צייכענונג און דעקאָר, זיינען אויסגעפירט געוואָרן אונטער דער לייטונג פון אַרכיטעקט מאַנטאַורעאַנו דורך די הערן ס. א. וויסנער און מ. הירש און די קאָסטיומען דורך פראַנץ גאַול פון ווין.

דער סימבאָלישער וואָגן האָט פאָרגעשטעלט די קרוינונג פון שלמה המלך און אויסגעדריקט דעם ווונטש פון די יידן פאַר דעם רומענישן היימ־

לאנד, עס זאָל האָבן א תקופה פון פרידן און רום, ווי עס האָט זיך אויס־געצייכנט אין דער אַלטערטימלעכער געשיכטע, דאָס מלכות פון קעניג־פילאָזאָף". — דער רעפּאָרטער זעצט פאָר די באַשרייבונג און גיט פאָלגנדע דעטאַלן:

"... לויט דעם קאַפּיטל צוויי פון בוך מלכים, האָט די גרופּע פאָר־געשטעלט די פאַרערונג, דעם כבוד צו שלמה המלך, באַלד נאָך זיין קרוי־נונג. און דער וואָגן גופא האָט פאָרגעשטעלט אַן עכטע קאָפּיע פון סימ־באָלישן טראָן, לויט דער אַלטערטימלעכער טראַדיציע. אויף די שטיגן, אויף יעדערער פון זיי, אין דער רעכטער זייט, שטייען די חיות רעות ווי דער לייב, טיגער און אַנדערע און אויף דער לינקער זייט די פאַרהיימיש־טע הויז־חיות צו פיסנס פון קעניג. איבער אים איז געווען א טייבעלע מיט א צווייגל פון אַן אייל־בירט־בוים אין מויל, סימבאָל פון אוניווער־סאַלן פרידן אָנגעזאָגט פון די נביאים.

אויף די שטיגן פון טראָן, שטייט דער כהן־גדול אין אַלטערטימלעכן קאָסטיום, דער נביא און די הויכע מלוכה־מענער, בסך הכל 11 פּערזאָ־נען, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די היסטאָרישע פיגורן: שלמה המלך, דעם כהן גדול, צוויי כהנים, דעם נביא, און פיר פּערזאָנען די ערנוואַך, צוויי טרומייט בלאָזער". דער מחבר פון רעפּאָרטאַזש גיט צו אז "אַט דער צוג איז געווען איינער פון די אימפּאָנירנדיקסטע ביי דער פּייערונג און אז ער האָט שטאַרק געווירקט אויף דעם עולם וועלכער איז פרייַ פון פאָראורטיילן."

צווישן די אָנוועזנדע אָפיציאַליטעטן איז געווען אויך יאָן גיקא, דער גענעראַל דירעקטאָר פון די טעאַטערס אין רומעניע. אויך אים איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דער צוג מיט די אַלעגאָריעס. ער האָט שריפטלעך זיך געוואָנדן צו דעם קאָמיטעט פון די "הילפספאַריינען", מיטן בריוו נומער 217 פון 12 מאַי 1881: "הערן מיטגלידער, זייענדיק אַנטשלאָסן אויפצופירן א פּיעסע אין וועלכער עס פיגורירן מערערע ביבלישע פּער־סאָנאַזשן, האָט די גענעראַל דירעקציע פון די טעאַטערס דעם כבוד אייך, הערן מיטגלידער, צו בעטן איר זאָלט אָפּטרעטן לטובת דעם נאַציאָנאַל טעאַטער, די קאָסטיומען פון די פּערזאָנען וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין שיינעם וואָגן פון 11 מאַי דאָס יאָר.

מיט דער האָפענונג אז איר וועט נישט אָפּזאָגן דער ביטע פון דער דירעקציע, בעט איך אייך, הערן מיטגלידער, איר זאָלט אַזוי גוט זיין און

אָנגעמען דעם אויסדרוק פון איר דאנקבארקייט. גענעראל דירעקטאָר יאָן גיקא.״

די ביטע האָט דער קאָמיטעט פון די „הילפספאַריינען״ באַלד באַ־גיטיקט. די 11 קאָסטיומען פון די היסטאָרישע פּערסאָנאַזשן, וועלכע האָבן פיגורירט אויפן אַלעגאָרישן וואָגן, וואָס האָט פאַרגעשטעלט די קרוינונג פון שלמה המלך, זענען ווי א מתּנה, אריין אין גאַרדעראָב פון בוקארעש־טער נאציאָנאַל־טעאַטער. אין דאנק בריוו נומער 247 פון 23 מאַי 1881 גיט יאָן גיקא אַן אָפּשאַצונג פון דער מתּנה.

רומענישע אַקטיאָרן גיבן א ספּעקטאַקל לטובֿת א ייִדישן מושב זקנים — „עליזאַבעטער״ און ייִדישע אַקטיאָרן א ספּעקטאַקל לטובֿת א קראַנקער רומענישער אַקטריסע

די פאַרשפּרייטע טעגלעכע צייטונג אויף ייִדיש „היועץ״ פון בוקאַ־רעשט, אין נומער פון 30 דעצעמבער 1881 און נומער 379 פון 30 יאַנואַר 1882, פון דער זעלבער צייטונג, דריקט אויס דעם וואַרעמען דאַנק פון קאָמיטעט פון מושב זקנים „עליזאַבעטער״, די אַקטיאָרן פון בוקאַרעשטער נאַציאָנאַל־טעאַטער: מיכאַי פּאַסקאַלי, מאַטעי מיללאָ, שטעפאַן יוליאַן, זשיאַנו, ווי אויך די דאַמען: קאָנסטאַנטינעסקו, פּעטראַשקו, און די פריילינס: אַמעליא וועלנער (א ייִדישקע, שפּעטער אָנגעזעענע אַקטריסע פון נאַציאָ־נאַל־טעאַטער און נישט די איינציקע!) אַל. נאַוואַלאַ און דעם הער ראַפּאַ־לאָוויטש. די הכנסה איז געווען 1584 ליי, א היפּשע סומע פאַר די אַכצי־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט!

עטלעכע, קענגזייטיקע הילפס מאַניפעסטאַציעס פון רומענישע און ייִדישע אַקטיאָרן, זענען געוואָרן כמעט א טראַדיציע. די בוקאַרעשטער טרופּע פון דער „זשיגאַניצאַ״, אָנגעפירט פון איציק גאָלדענבערג, האָט בעת א טורנע אין גאַלאַץ, מאָלדעוויע, געגעבן א ספּעקטאַקל לטובֿת דער שוישפּילערן פאַני טאַרדיני, אין יאַנואַר 1903. די ייִדיש־רומענישע וואָ־כענשריפט „עגאַליטאַטעא״ (גלייכהייט) פון 17 יאַנואַר 1903, דערמאָנט אַז די קינסטלערין איז „שווער קראַנק און אין נויט, נאָכן טויט פון איר מאַן דעם אַקטיאָר וולאַדיטשעסקו״, און פאַרצייכנט דעם פאַקט און די צופרידנקייט פון עולם מיט דעם לויבווערדיקן זשעסט.

גוטע באַציונגען צווישן רומענישע און יידישע אַקטיאָרן אילוסטרירן די פילע אַקטיאָרן פון יידישן שטאַם און פון רומענער־ניט יידן, אויף ביי־דע בינעס. דאָס וועט זיין א טעמע פאַר אַן אַנדער אַרבעט. מיר האַלטן אַז יאָן גיקאַ האָט דער ערשטער, אַנגאַזשירט ווי אַקטיאָרן אין רומענישן נאַציאָנאַל טעאַטער, יידישע אַבסאָלווענטן פון דער מלוכהשער אַקאַדעמיע פאַר טעאַטער קונסט, בעת ער איז געווען גענעראַל דירעקטאָר צווישן די יאָרן 1881—1887, און דערמיט געעפנט א וועג פאַר א סך טאַלאַנטירטע יידישע אַבסאָלווענטן אויף די רומענישע בינעס, שפּעטער באַרימט געוואָ־רענע קינסטלער. אייניקע זענען אפילו אריין אין דער געשיכטע פון רומע־נישן טעאַטער.

אַנדערע פאַרבינדונגען צווישן רומענישן און יידישן טעאַטער

א פאַקט וועלכער אילוסטרירט די פאַרבינדונגען צווישן רומענישן און יידישן טעאַטער, א חוץ די פריער דערמאַנטע פאַקטן, איז אויך דער אַנטייל פון אָנגעזעענע רומענישע אַקטיאָרן, דראַמאַטורגן, שרייבער, ביי די פייערונגען פון 50 און 80 יאָר זייט דער גרינדונג פון יידישן טעאַטער אין רומעניע. ביי די פייערונגען פון 20 און 25 יאָר יידישער מלוכה טעאַטער אין בו־קאַרעשט. אַן אַנדער וויכטיקער פאַקט איז דער טעאַטער רעגולאַמין פון מאָריס (משה) פינקעל. ער איז איינער פון די ערשטע גאָלדפאַדען אַק־טיאָרן, וועלכער האָט געשפּילט און אָנגעפירט טרופּעס אין רומעניע (ווו ער איז געבוירן און אויפגעוואַקסן). ער האָט אַרומגעוואַנדערט שפּעטער אין אייראָפּעישע לענדער מיט פאַרשיידענע טרופּעס און ענדלעך אָנגע־שפּאַרט, אין 1886, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. דאָרט, האָט פינקעל אַלס דירעקטאָר און רעזשיסאָר פון „אָריענטאַלישן טעאַטער", פון ניו יאָרק, געדרוקט א טעאַטער רעגולאַמין א.ט. „Roles and regula-tions for the stage", written by Morris Finkel, artistic manager and regisseur, N. York, 1888, Pages 16.

דאָס איז דער ערשטער סטאַטוט פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמערי־קע, א בראָשור פון 16 זייטן. די בראָשור אַנטהאַלט 82 אַרטיקלען (פונקטן) איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: „די פּראָבן, ראָלעס אָננעמען און שטודירן, ערקראַנקונגען. די צייט פון אָנטון, די האַלטונג אויף דער

בינע, קליידער. פריזור, רעקוויזיטן, בוטאפאָר, אַנציען און אָפּהיטן, דאָס רויכערן און ליכט לעשן, פערשידענעס."

כאָטש אייניקע האלטן אז די בינע־תקנות פון משה אָדער מאָריס פינקעל זענען קאָמפּילירט פון א דייטש ביכל, זענען מיר ביי דער מיינונג, פארגלייכנדיק דעם טעאטער־רעגולאמין פון רומענישן טעאטער פון יאָן גיקא, בעת זיין אמטירן אלס גענעראל דירעקטאָר פון די רומענישע טעאטערס, אין 1877, אז משה פינקעלס טעאטער רעגולאמין איז זיך סומך, אין א היפשער מאָס, אויף דעם רומענישן טעאטער־רעגולאמין:

די באציונג פון יאָן גיקא צום יידישן טעאטער, צו אברהם גאָלדפאדען, זענען פארשטענדלעכע.ביידע האָבן זיך געשעצט, ווייל ביידע האָבן געצילט צו א גוטן, דערציערישן רעפּערטואר. פארזיכערן די אַקטיאָרן מענטשלעכע לעבנס־באדינגונגען, פארזיכערן א רעאליסטישע ארטשפּילן פון די אקטיאָרן, צוגרייטן קאדרען און פעדערן טאלאנטן, באַרייכערן דאָס וויסן און פארשענערן די געפילן פון פאָלק דורכן טעאטער.

דער ערשטער סצענאָגראַף פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע

בוקאַרעשטער טעאַטער גאָרטן „זשיגניצא", אין די אכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, בעת א רעפּעטיציע. צום טיש פון אברהם זעצער — דעם ערשטן סופליאָר אין גאָלדפאַדענס טעאַטער, לויפט כסדר צו א יונגערמאַן אין די דרייסיקער מיטן נאָמען שלמה. ער שרייבט אָן עטלעכע שורות, לייגט אוועק די פען, כאַפּט א פּענדזל און לויפט מאָלן די דעקאָ־ראַציעס צו דער „רייזע אום די ערדע", באַארבעט, לאָקאַליזירט פון אברהם גאָלדפאַדען, לויט זשול ווערן.

די אַפישן מעלדן, אז מען וועט זען „אַן עלעפאַנט און הירשן נאַ־טורגרויס" ווי אויך „דעקאָרן געמאָלענע מיט געשמאַק פונעם מאָלער סאָ־לאָמאָן ראַטשטיין" — דער ערשטער סצענאָגראַף פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע, דער ערשטער, וועלכער איז אָנגעגעבן אויף אַן אַפיש. די פּרעסע פון זיין צייט שרייבט וועגן „די קינסטלערישע דעקאָרן און קאָסטיו־מען פון סאָלאָמאָן ראַטשטיין צו גאָלדפאַדנס „תחית המתים", צו די פּיעסן „דער נביא און דוד אלראי, „דודס פידעלע", „שלמה המלך" א. אנד.

דער מאָלער שלמה ראַטשטיין איז ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין דער בינע, אין די אַקטיאָרן. ער ארבעט ביי טאָג און ביי נאַכט פאַר א געהאַלט, וועלכער קלעקט נישט אפילו קאַרג צו לעבן. כדי ווי נישט איז צונויפ־שטיקעווען דאָס אויסקומעניש, העלפט ער זיך ארויס מיט שילדן־מאָלעריי. זומערצייט ארבעט ער ביי א געוויסן סטאַנעסקו און באַמאָלט קלויסטערס אין די דערפער ארום בוקאַרעשט.

אין דער „זשיגניצא" מאָלט ער קינסטלערישע דעקאָראַציעס, שניידט צו טעאַטער־קאָסטיומען און העלפט צוגרייטן די בינע צו די פּרעמיערעס, שטעלט צונויף די טעאַטער פּראָגראַמען. אויפן שער־בלאַט פון אייניקע

פראגראמען אין אנגעגעבן „רעזומירט פון ש. ראטשטיין". שלמה ראט־שטיין איז אין דעם זשיגניצא־טעאטער א מענטש פאר אלץ.

געבוירן איז שלמה ראטשטיין אין גאלאץ (מאלדעווע), דעם 20־טן יולי 1860. אין קורצן פארן די עלטערן איבער קיין בוקארעשט. אין דעם יידישן קווארטאל קאלעא וואקארעשטי וווינען זיי בשכנות מיט דער פא־מיליע פונעם מאלער משה שיין, וועלכער האט זיך דאס פאך אויסגעלערנט אין ווין.

ראטשטיין פארענדיקט די פאלקסשול, א טייל פון דער מיטלשול, אבער דאגות פרנסה צווינגען אים זיך אויסצולערנען יונג א מלאכה. היות משה שיין מאלט אריגינעלע טאפעטן פאר פריצישע וווינונגען, קוקט זיך שלמה צו צו זיין ארבעט און ווערט באלד זיין לערן יינגל. דער מייסטער דערקענט זיך אויף אים און ווייסט ווי אפצושאצן זיינע פעיקייטן.

צווישן די 11 קינדער פונעם מאלער משה שיין צייכנען זיך באזונדערס אויס מיט זייערע שארפע מוחות צוויי, איינער ווערט מחבר פון גוטע פראנצויזיש־רומעניש און דייטש־רומענישע ווערטער־ביכער, פובליציסט און ליציי־פראפעסאר; דער צווייטער לאזאר (שפעטער שיינעאנו) וועט ווערן „דער גרעסטער פילאלאג פון זיין יארהונדערט", וווּ מ׳האט אים באצייכנט, בעת דער פייערונג פון זיינע 50 יאר וויסנ־שאפטלעכער טעטיקייט.

שלמה ראטשטיין הברט זיך מיט די יינגלעך, לערנט זיך מיט זייער הילף דייטש, בילדעט זיך. ער פארליבט זיך אין זייער שוועסטער עליז און האט מיט איר חתונה, האט מיט איר דריי קינדער — א יינגל און צוויי מיידלעך.

*

אויף קאלעא וואקארעשטי, נאענט צו דער גאס נעגרו־וואדא שטייען אלטע שטיבעלעך מיט לאנגע הויפן. דא האט געמאלט זיינע שילדן שלמה ראטשטיין. דא איז זיין ווארשטאט און אטעליע. ווען ס׳איז קאלט, קומט מען זיך אנווארעמען אין זיינע ווענט. ער איז א גרויסער מכניס אורח און א געדולדיקער — לאזט זיך דולן דעם קאפ.

פלוצלינג לאזט זיך מיט אימפעט אריין משה שיין.

— שלמהלע — זאגט ער מיט א גדולה — כ׳האב אנגענומען אן ערנסטע און שווערע ארבעט.

— דהיינו — פרעגט שלמה און לאזט נישט ארויס דעם פענדזל פון דער האנט.

— פארנעם זיך וויניקער מיט דיינע פארטרעטן, קיין פרנסה וועסטו פון זיי נישט האבן. הער צו מיט קאפ: דעם 10־טן מאי, אין פינף חדשים ארום, וועלן די פריצים פייערן מיט גרויס פאראד די קרוינונג פון קארלען ווי א מלך. ביי דער געלעגנהייט וועלן דעפילירן קארפאראציעס און פארייי־נען מיט פענער און סימבאלן אויף וועגענער. אין דער 20־טער גרופע פי־גורירט לויט דעם פלאן, אן אלעגארישער וואגן פון די יידישע פילאנטראַ־פישע פאריינען פון בוקארעשט. די שקיצן פון די דעקאראציעס און קאס־טיומען ווערן אויסגעפירט אונטער דער אויפזיכט פונעם ארכיטעקט מאנ־טאורעאנו דורך ס. א. וויסנער און מאטיאס הירש. די קאסטיומען האט גע־צייכנט פראנץ גאול פון ווין. דער אלעגארישער וואגן זאל פארשטעלן די קרוינונג פון שלמה המלך, זיצנדיק אויף זיין כסא המלכות, בעת א גרופע יידן דריקן אים אויס זייער דרך ארץ און פארגעטערונג. מירן זיי צוהעלפן דעקארירן דעם וואגן, מאכן פארביקע שקיצן פון קאסטיומען מיט געגויע מאסן פאר די שניידערס, שוסטערס אין היטלמאכערס, מאלן די לייוונטן, מיט וועלכע דער וואגן וועט טאפיצירט ווערן, קורץ — אלץ עניגים, וואס געהערן צו אונדזער פאך. מיר זענען נישט די איינציקע, עס ארבעטן א סך.

— גוט, מסכים — ענטפערט שלמה — אפשר וועט דאס יידישע טעאטער זוכה זיין צו באקומען נאך די פייערונגען די גאנצע אויסשטאַ־טונג. מיר וועלן זיך ארויסהעלפן אין די פרעמיערעס פון גאלדפאדענס „כישופמאכערין" און „תחית המתים".

משה שיין שלאגט אים איבער די רייד.

— דאס וועלן אונדזערע גבירים נישט דערלאזן. מען זאגט אפילו אז די 11 קאסטיומען פון די ביבלישע פערסאנאזשן און די גאנצע אויס־שטאטונג, וועלן זיי אוועקשענקען דעם רומענישן נאציאנאל־טעאטער פון בוקארעשט.

און אזוי איז דאס טאקע געשען איז צוויי טעג ארום, נאך דער פיי־ערונג. דאס באשטעטיקן די בריוו נר. 247 פון 12 מאי 1881 און 247 23 מאי 1881 אונטערגעשריבענע פונעם גענעראל־דירעקטאר פון די רומע־נישע טעאטערס יאן גיקא — א באוווסטער רומענישער פאליטיקער און שריפטשטעלער.

כאטש שלמה האט גאלדענע הענט, פארדינט ער נישט גענוג צו פארזיכערן א גאנץ יאר די חיונה פארן הויזגעזינד — מוז ער מאלן קלויי־

סטערס. א מיטלמעסיקער מאָלער אָבער טיכטיקער אונטערנעמער פון אויס בויען אָדער רעמאָנטירן קלויסטערס. א געוויסער סטאַנעסקו, נעמט שלמהן צו אלס שותף. און אָט ארבעט ער שוין אין א דאָרף וואַראַשטי. אין דער בוקאַרעשטער געגנט. ס׳איז זומער, ס׳איז וואַרעם, א מחיה, אין קלויסטער איז קיל. ארום אים טאַנצט און שפּרינגט, פייפט און זינגט א זיבניאָריקער כוואַט — אלעקסאַנדרו סאַווו לאַזאַר. דאָס איז זיין וויכאַוואַנעק. אין א פּראָסטיקן אינדערפרי, גייענדיק צו זיין „אַטעליע" האָט אים שלמה געפונען אויף די טרעפ פונעם קלויסטער מיט א געבורט־שיין, א האַלב פאַר־פרוירענעם אים אהיימגעבראַכט אין פאַררעכנט פאַר זיין אייגנס, ווי א ברודער פון זיינע קינדער. עס טאַנצט פאַר פרייד אלעקסאַנדער, ס׳איז זומער און ער לויפט ארום מיט די יינגלעך פונעם דאָרף, פאָלגט א גאַנג דעם מייסטער, שלאָפט מיט אים אין קלויסטער, הערט פון אים שיינע, שפּאַנענדיקע יידישע לעגענדעס, וועלכע באַצויבערן אים. פאַרבייגייענדיקע פויערים פרעגן אים.

— איר שלאָפט אין קלויסטער ביינאַכט?

— יאָ — ענטפערט שלמה ראָטשטיין׳ וואָס איז דען?

— האָט איר נישט מורא?

— פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן?

— פאַר די הייליקע אינעם קלויסטער.

— איך מאַך זיי דאָך... ענטפערט שלמה ראָטשטיין און נעמט זיך צו דער ארבעט.

אין אונדזער רשות געפינט זיך א לייוונט 40/50, אויף וועלכער ס׳איז אויסגעמאָלט יצחק־משה (מאַריץ) ליבליך, דער בעל הבית פון דעם טעאַטער־זאַל און גאָרטן „זשיגניצאַ" פון בוקאַרעשט און אונטן, אין דער ליבער זייט — דער אויטאָפּאָרטרעט פונעם מאָלער אליין — פון ראָטשטיינען. דאָס בילד, ווי אלע ארבעטן זיינע, איז נישט אונטערגעשריבן, אָבער זיינע קינדער פון בוקאַרעשט האָבן עס גלייך דערקענט און זיך דערמאַנט ווען דער פאָטער האָט עס געמאָלט — טיף אין די נייַנציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט.

אלס טעאַטער־דעקאָראַטאָר און סצענאָגראַף־פּראָיעקטאַנט איז ער געוואָרן שטאַרק באַרימט. זיינע מאַקעטן פון א דאָרפישן טעאַטער זענען געוויזן געוואָרן אויף דער גרויסער אויסשטעלונג פון 1906 יאָר אין בוקאַרעשט. דאָ איז אויך געווען א פאַרהאַנג געמאָלט פאַר אזא טעאַטער אין

מאָלדעװע. ער האָט זיך געפונען ביזן יאָר 1936 אין ביקאַז, פּיאַטראַ נ'עאַמצער קרייז.

יאָרצענדליקער האָט ער געמאָלט דעקאָראַציעס און געצייכנט קאָס־טיומען פאַר פאַרשידענע טעאַטער־אַנסאַמבלען, חוץ דעם יידישן טעאַטער אויך פאַר דער רומעניש ער אָפּערעטן־טרופּע גריגאָריו, פאַר די אַנסאַמבלען, וועלכע האָבן געשפּילט אין טעאַטער־זאַל „דאַטשיאַ". עס זאָגן וועגן דעם עדות די אַרכיוון פון די טעאַטער־אַפישן פונעם יידישן טעאַטער און דער אַרכיוו פון דער דאָקומענטאַציע־סעקציע ביי דער פעדעראַציע פון די יידישע קהילות אין רומעניע, און נאַטירלעך — די מלוכהשע אַרכיוון.

געשטאָרבן אין דער מאָלער שלמה ראָטשטיין אין דער רומענישער האַפן־שטאָט קאָנסטאַנצאַ, דעם 3־טן יולי 1931.

אין זכרון און אין די הערצער פון זיינע מיטצייטלער, אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער פון רומעניע, פאַרבלייבט ער, דער באַ־גאַבטער, האַרציקער באַשיידענער מענטש שלמה ראָטשטיין, דער ערשטער סצענאָגראַף פונעם יידישן טעאַטער.

א צווייג פון דער געזונטער און פילזייטיקער טעאטער קולטור אין רומעניע; דאָס בוקא־רעשטער יידישע מלוכה־טעאטער

די וויכטיקע היסטאָרישע שינויים אין דעם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן פון היינטיקן רומעניע, די דערגרייכטע אַלגעמיינע קולטור־אַנטוויקלונג אין לאַנד, האָט דעם טעאַטער־עולם דערפירט צו אַ מדרגה, אין וועלכער ער קען אויפנעמען טעאַטראַלישע קונסט מיט אַ ברייטן האָריזאָנט.

אין דעם רעפּערטואַר פון די היגע טעאַטערס, שפּיגלט זיך אָפּ דער פּרצוף פון דעם באַנייטן לאַנד, פון נייעם מענטש מיט זיינע ראַנגלענישן, קאַמפן און נצחונות.

אָבער אַ חוץ רעפּערטואַר, אויפפירונגען, שפּיל־קונסט, זענען נויטיק פאַר אויסבילדונג פון אַ געזונטער און אַלזייטיקער טעאַטער־קולטור, אַ טעאַטער פּובליקום וואָס זאָל זיין אַ פּאַרייניקונג פון אַלע שיכטן פון פאָלק.

ווי אין דער בליונגס־צייט פון דער נאַציאָנאַלער דראַמע אין שפּאַניע (לאָפּע דע וועגא, קאַלדעראָן), ווי אין דער עליזאַבעטאַנישער תקופה אין ענגלאַנד, פאַרייניקט אַלע שיכטן פון פאָלק, דער היינטיקער רומעניִשער טעאַטער. דער רעזולטאַט: אַן אויפבלי פון דער נאַציאָנאַלער דראַמאַטורגיע, אַ נאָענטער קאָנטאַקט מיט דער וועלט דראַמאַטורגיע, מיט דער קלאַסישער און מאָדערנער. עס זענען באַקאַנט אויך מחוץ די גרענעצן פון רומעניע, די מאָדערנע וויזיעס, פון רומענישע רעזשיסאָרן, וועלכע מאַכן נאָך מער בולטער, רעליעפער, דעם טיפן אינהאַלט פון די פּיעסן וואָס זיי שטעלן.

דער טעאַטער פון רומעניע, איינגעשלאָסן דעם פון די נאַציאָנאַליטעטן, דער בוקאַרעשטער יידישער מלוכה טעאַטער, באַפרידיקן די קולטור־קינסטלערישע באַדערפענישן פון זיינע באַזוכער.

פון דער רייכפארביקער רעפערטואר — פאליטרע פון בוקארעשטער יידישן מלוכה טעאטער, פארגעדענקען זיך מערערע ספעקטאקלען אבער באזונדערס איינגעקריצט אין אונדזער זכרון, האבן זיך עטלעכע, הויך קינסטלערישע דערגרייכונגען, אין וועלכע די רעזשיסארן האבן ארייגעגאסן נייע זאפטן.

דער שעפערישער איזא שאפירא, האט אין די פיר צענדליק יארן געשטעלט מער ווי 40 ספעקטאקלען אין אלע זשאנרען. פארבליבן אין זכרון פון א סך טעאטער באזוכער, זענען זיינע אויסטייטשונגען פון אונדזערע קלאסיקער גאלדפאדען, מענדעלע, שלום עליכם, פרץ, גארדין, דער הויך קינסטלערישער ניווא פון די ספעקטאקלען מיט זייערע פיעסן-געלונגענע שטעלונגען זיינע זענען פון גאגאל, סלאוועס, גרשנזאן, דווערזאק, ברוקשטיין, אבער מיר וועלן זיך אפשטעלן אויף איינער פון די וואגיקסטע, לעצטע שטעלונגען זיינע נעמלעך אויף „ביינאכט אויפן אלטן מארק" פון י. ל. פרץ, אדאפטאציע און רעזשי איזא שאפירא.

כדאי צו דערמאנען אז איזא שאפירא באריכערט אידעיש אלע זיינע ספעקטאקלען. ער זעטיקט זיי אן מיט עמאציעס, דערפירט זיי צו קינסטלערישער אפגעשליפנקייט, צו שלימות. זיין רעזשיסערישער מאניער איז א געצוימטער, אבער יעדער ספעקטאקל זיינער, קריגט נאטירלעכקייט, אנטוויקלט זיך פריי און דערפאר רירט ער דעם צושויער, פארשאפט אים קינסטלערישן נחת-רוח. גארדינס „גאט מענטש און טייוול" און „מירעלע אפרת", „בנימין דער דריטער" פון מענדעלע מוכר ספרים, סלאוועסעס „נקמה נעמער", האבן ארויסגערופן לאנג-דויערנדע אוואציעס ביי דער פרעמיערע זייערער. שאפירא האט געשטעלט פיעסן פון דער יידישער און וועלט קלאסיק: טשעכאוו, מאליער, גאגאל, אסטראווסקי, מארק טווען; פון דער היימישער דראמאטורגיע, מאדערנע פיעסן. הײנט פארוואנדלט מען גאר ערנסטע פיעסן אין „מיוזיקלס" אבער שאפירא טוט עס שוין פון לאנג, געבנדיק די שלום עליכם פיעסן, „הערשעלע אסטראפאליער" און „כעלעמער חכמים" פון משה גרשנזאן דעם כאראקטער פון פאלקס שטיק, וועלכע זענען געשפילט געווארן מער ווי הונדערט מאל יעדער ספעקטאקל!

שאפירא גיסט ארײַן נייע זאפטן אין יעדן ספעקטאקל וועלכן ער שטעלט. אזוי האט ער אין דימאוו'ס „זינגער פון זיין טרויער", ארייגעטראגן א נייעס פאעטישן טאן, אקצענטירט די סאטירישע און הומאר-סצענעס, אריינגעבראכט געזאנג, פלאסטישע עוואלוציעס, רעליעפירט די אידייע אויך מיט איינפאלערישע מיזאנסצענעס, אלץ אין איין הארמאנישער גאנצ-

קייט דורכגעטראכט, אונטערשטרייכנדיק דעם באַלאַדע־כאַראַקטער פון די־
מאָווס פּיעסע.

אין „כעלעמער חכמים" האָט שאַפּירא באַטאָנט די ליריש־פּאָעטישע
און עטישע מאָמענטן אין גרשנזאָנס פּיעסע. די קאָמישע טיפּן און סיטואַ־
ציעס, האָט ער טראַקטירט מיט בייסיקער סאַטירע, אויסגעלאַכט די כלומרש־
טע חכמים. ליבע געפלאָכטן מיט פריילעכקייט דאָס איז די אַרביטע פון
וועלכער קיינער שפּרינגט נישט אַרויס, אין דער שפּילערישער, אַמוזאַנטער,
פאַרביקער אויפפירונג, פון וועלכער עס ווייעט מיט אייגנאַרטיקער פאָלקס־
טימלעכקייט.

און איצט לאָמיר זיך אַביסל אָפּשטעלן ביי איינער פון די אינטערע־
סאַנטע קינסטלעריש־רעזשיסערישע דערגרייכונגען פון איזאַ שאַפּירא, דאָס
איז „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" פון י. ל. פּרץ. שאַפּיראָן איז געלונגען
גובר צו זיין די צעפּיצלטקייט פון דער האַנדלונג, די פראַגמענטאַרישקייט,
און אַנטפּלעקן דעם קערן פון סאָציאַלן קאָנפליקט.

אין שאַפּיראַ'ס ספּעקטאַקל שטייגט די האַנדלונג בהדרגהדיק, צע־
וויקלט זיך רעוויו־אַרטיק מיט רייכע, קינסטלערישע, מוזיקאַלישע, כאָרעאָ־
גראַפישע און פּלאַסטישע ביישטייערונגען, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט דעם
פּרץ ספּעקטאַקל אין אַ קולטור־געשעעניש!

פאַרשטייט זיך אַז שאַפּיראַס רעזשיסערישע טעטיקייט, איז אַ וואָגי־
קער ביישטראַג צום שם, באַרימטקייט פון יידישן מלוכה טעאַטער.

דער באַגאַבטער רעזשיסער זשאַרזש טעאָדאָרעסקו האָט פאַרפולט אַ
פערטל יאָרהונדערט טעטיקייט אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער.
אייניקע ספּעקטאַקלען זיינע ווי „דאָס טאָג־בוך פון אַנאַ פראַנק" און בער־
טאָלד ברעכט'ס „דריי גראָשן אָפּערע" האָבן געמאַכט אַ רושם אין דער הי־
גער טעאַטער וועלט. ער פאַרדינט געוויס אַן אָפּהאַנדלונג, אַ ברייטערע,
וועלכע זאָל אַרומנעמען זיין גאַנצע קינסטלערישע טעטיקייט פאַר די 25
יאָר רעזשיסערישע אַרבעט. מיר דערמאָנען אַז ער האָט באַקומען פאַר זיינע
ספּעקטאַקלען ערשטע און צווייטע פּרעמיעס, הויכע מלוכהשע אויסצייכע־
נונגען. ער האָט געשטעלט אַכציק ספּעקטאַקלען אין פאַרשידענע טעאַטערס
פון רומעניע און אין אויסלאַנד, און עטלעכע אָפּערעס.

דער רושם וואָס די בורשטין טרופּע האָט געמאַכט מיט איר ספּעק־
טאַקל געבויט אויף מאַנגערס „מגילה לידער", וועלכער גייט שוין יאָרנלאַנג
מיט גרויס דערפאָלג, קודם אין ישראל דערנאָך אין אַמעריקע, איבער דער

גאָרער וועלט, האָט דערמוטיקט י. בערקאָוויטשן צוזאַמענצושטעלן די „מאַנ־געריאַדע“, לויט די שאַפונגען פון איציק מאַנגער.

איציק מאַנגערס פּערזאָן אין רומעניע, ווי אויף דער גאָרער וועלט, איז באַצירט מיט דעם שטראַלן־שיין פון לעגענדאַרע העלדן און פאָלקס־ליבע. זיין פאָלקסטימלעך, קרישטאָל־גאָלדן ווערק, איז אַ רשות הרבים נישט נאָר פאַר די קינדער פון מאַמע לשון יידיש. מאַנגערס דיכטערישע שאַפונג, איז געקניפּט און געבונדן מיט רומעניע, מיט איר פאָלקס שאַפונג.

מאַנגערס וווּנדערפול שיין ליד און וואָרט, זיינע באַלאַדן אַ המשך פון פאָלק־מיטאָס און העלדן עפּאָס, זענען באַזונדערס איינגעבאַקן אין די הערצער פון די רומעניש ייִדן. מאַנגערס לידער און פּאָעמעס, האָבן גע־האַט דעם טראַגישן זכות, געלייענט און געזונגען צו ווערן, פון די פּוילי־שע יידן אין טויטנלאַגערס, און דעם כח צו דערמוטיקן די רומעניש יידי־שע יינגלעך בעת דער צוואַנגס אַרבעט.

דער צווייי אַקטיקער ספּעקטאַקל פון מאַנגערס שאַפונג, האָט פאָלגנ־דיקן צוזאַמענשטעל: פון „שטערן אויפן דאַך“, פון די „ציגיינערישע באַלאַדן“, פון „פעלקער זינגען“, „מיט די טרובאַדורן“, אין ערשטן אַקט ווייטער קומען אריין „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכּלה דער שיינער“, די „דריי האָצמאַכס“ פון זיין „האָצמאַך שפּיל“, פון די, „חומש לידער“ (פּורים שפּיל) עפּילאָג... לחיים מיט אַ גלעזל וויין.

י. בערקאָוויטש, דער אָפּקלייבער און רעזשיסער פון ספּעקטאַ־קל „מאַנגעריאַדע“, האָט אַלץ דערפירט צו אַ גוטן סוף: עסטעטיש און סאָציאַל איז די „מאַנגעריאַדע“ אַ שפּיגל־בילד פון מאַנגערס ווערק, וועל־כע זענען אָנגעלאָדן מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַטייטן, מיט גראָטעסק און לירישקייט, מיט דראַמאַטישקייט.

דער ספּעקטאַקל „מאַנגעריאַדע“, באַווייזט, אַז ס'איז מיגלעך, דורך דער בינע, צו קירצן דעם וועג פון דיכטונג צום האַרצן פון עולם. ער הייבט זיך אָן מיט אַ ריטמישער גרופּירונג פון אַלע פּערסאָנאַזשן וועלכע זאָגן: „שטיל זאָל זיין, דער דיכטער רעדט!“

דאָס באַלויכטענע בילד פון מאַנגערן, זיין פּאָרטרעט, אין צענטער פון דער בינע, און די קאָנקרעטיזירטע, אָנגעזאָגטע אָנוועזנהייט פון דיכ־טער, ווערט באַלדווירקלעכקייט: מאַנגער רעציטירט (אויף אַ פּלאַטע אויפ־גענומען), זיין ליד „לאַמיר־זשע זינגען“ און צום סוף נעמט איבער די מאַסע אויף דער בינע, דעם דיכטערס ליד, אין אַ שטימונגס־פולן כאָר־געזאַנג:

„לאמיר־זשע זינגען פשוט און פראסט פון אלץ וואס איז היימיש, ליב און טייער" און פארענדיקט זיך מיט מאנגערס „עפילאג" און א טרינק־ליד־לחיים!, וועלכעס רייסט מיט דעם טעאטער־עולם.

אין ספעקטאקל קומען אריין לידער, אין וועלכע מאנגער שפיגלט אפ א שטיק פון אונדזער אינטענסיוו יידיש לעבן אין רומעניע, לידער אין וועלכע, מאנגער פאראייביקט די לעבעדיק־לעגענדארע פאלקס־העלדן אונד זערע — די טרובאדורן, גאלדפאדעניאדע, די טראגיק פון דער „באלאדע פון ווייסן ברויט", פון „יאסער שניידערל", פון „דעם אלטן באיאר און דער שיינער מארושקא", פון גראטעסקישן „פורים שפיל" א. א. וו. אזוי ארום, ווערט דער ספעקטאקל „מאנגעריאדע", אויך א חשובער היסטא־רישער דאקומענט.

מזווג זיין די יידן פון רומעניע מיט מאנגערס שאפונג, אין סצענישן לבוש, איז א דעליקאטע, אחריותדיקע ארבעט וועלכע דער רעזשיסער און דער קינסטלערישער אנסאמבל, האט אויסגעפירט מיט ליבע און יראת הכבוד.

לייוויק׳ס „דער גולם", האט געשטעלט א יונגער יידישער רעזשי־סער, איוואן העלמער, ער האט דערפילט די גרויסע, טראגישע פאעמע פון ה. לייוויק און זי אויסגעטייטשט קינסטלעריש. ער האט אויפגעהיט דעם סאציאלן הינטערגרונט פון „גולם" און דעם נויטיקן, ספעציפישן סטיל, לייכט אונטערגעמאלטער שטייגער, פראיעקטירטע פלאמען און וואלקנס־רויך. מוזיקאלישער פאן: וויטיק, אפגעריסענע קרעכצן, האגלענדיקע קלעפ, מאקאבער־טאנץ ריטמען. די דעקאראטיווע עלעמענטן־צמצומדיקע אבער פונקציאנעלע, ווירקנדיקע.

דער רעזשיסער איוואן העלמער, האט ריכטיק אויפגעפאסט לייוויקס „גולם", ווי א שטיק יידיש לעבן, געזען דורך א פאנטאסטישער, באצוי־בערנדער לעגענדע. אין ליים פון לייוויקס „גולם", דאס מייסטערווערק פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראטור, איז אריינגעקנאטן גיפט און גאל, צער און צארן, די יסורים און יאוש פון מיליאנען מענטשן; דער צער און יאוש פון א גאנצן דור, די טראגעדיע פון פאלק — דערפאר איז לייוויקס „גולם" א גרויס נאציאנאל און באגלייך אויך אוניווערסאל מייס־טערווערק.

אן אינטערעסאנטע אויפפירונג אין בוקארעשטער יידישן מלוכה־טעאטער איז חיים סלאוועס „צען ברידער זענען מיר געווען"; די פיע־סע פון באוווסטן יידישן דראמאטורג, האט געשטעלט דער רעזשיסער פראנץ

אוערבאך, וועלכער האָט זיך באַמיט צו לייזן די נישט גרינגע פּראָבלעמען וואָס סלאָוועסעס דראַמע שטעלט פאַרן רעזשיסער. ער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף שטימונג און צוזאַמענשפּיל, אויסגעמיטן פּאַטעטיש־רעטאָרישע טענער, געפּרוווט געבן פאַרב און באַוועגונג, שאַפן שפּאַנונג.

אין אַ פייערלעכער שטימונג האָט דאָס פּובליקום אויפגענומען סלאָ־וועסעס דראַמע פון דער וואַרשעווער געטאָ אָבער נישט ווי געווײנלעך, מיט אויג און אויער — נאָר מיטן האַרץ, באַגלייט מיט די אויגן בלויז דעם מימישן טייל פון דער שפּיל. סלאָוועסעס דראַמע רייסט מיט און אַפילו דער נישט סענטימענטאַלער צושויער, לעבט מיט אינטים די טראַגישע פּאַ־סירונגען און געשעענישן, דעם ליריזם, די שטימונג, די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אַנדייטן פונעם ספּעקטאַקל.

אַ וויכטיקער עלעמענט פון ספּעקטאַקל איז מאַיאָראָוויטשעס מוזיק. די אינספּירירטע מוזיק צו „צען ברידער זענען מיר געוועזן“, פּאַרטיפּט די לירישע און דראַמאַטישע מאָמענטן פון ספּעקטאַקל און דערגייט צום האַרצן פון צושויער.

בייטראָגן צו דער געזונטער און פּילזייטיקער מוזיק־קולטור אין הײַנטיקן רומעניע

דריי קאָמפּאָזיטאָרן־מוזיקער, פאַרשידן אין זשאַנער, סטיל, פּערזענ־לעכקייט. לודאָוויק פעלדמען, דער פאַרדינסטפולער קונסט־מייסטער פון דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק רומעניע, דער שאַפער פון מוזיקאַלישע ווערק פון א הויכן מוזיקאַלישן ניווא, אין מאָדערנעם סטיל.

ה. מאַיאָראָוויטש, טעאַטער און פילם קאָמפּאָזיטאָר, מיט פילזייטיקע מוזיקאַלישע שאַפונגען, א קאָמפּאָזיטאָר וועלכנס שעפערישע פּאָטענץ האַלט אין שטייגן.

אויגען קאָפּלער, א פעיקער קאָמפּאָזיטאָר און פּיאַניסט — ווירטואָז מיט א פערציק יאָריקן סטאַזש, מיטאַרבעטער אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער, אין רומענישן ראַדיאָ.

יעדער איינער פון די אויבן דערמאָנטע דריי — איז אַנדערשדיק כאָטש אזוי פלעכט זיך קונציק און קינסטלעריש אריין זייער שאַפונג, אין דער הײַנטצייטיקער מוזיקאַלישער קולטור פון רומעניע.

דער אָנגעזעענער יידיש — רומענישער קאָמפּאָזיטאָר לודאָוויק פעלדמאַן

פאַר לודאָוויק פעלדמאַן זיינען צוגעפּאַסט די באַקאַנטע ווערטער פון באַרימטן רומענישן מוזיקער זשאָרזש ענעסקו: „... די יוגנט איז נישט א לעבנס — פּעריאָד, נאָר א גייסטיקער צושטאַנד, דאָס איכות, קוואַליטעט פון כח הדמיון ,פון דער אימאַזשינאַציע, אָן עמאָטיווע אינטענסיטעט. מען ווערט נישט אַלט פון די יאָרן, נאָר ווען מען פאַרציכטעט אויף אַן אידעאַל

— די יאָרן לאָזן שפּורן אויפן פּנים, אָבער דאָס פאַרציכטן אויף אַן אידעאַל, לאָזט שפּורן אויף דער נשמה״.

אכציק יאָר זײַנען א גרויסער צײַט־אָפּשניט אין פאַרגלײַך מיטן דורכשניטלעכן לעבן פון א מענטש, באַזונדערס ווען דער גרעסטער טייל פון אָט די יאָרן, זײַנען אויסגעפּולט מיט א טאָפּלפאַכיק קינסטלערישער טעטיקייט — אלס אינסטרומענטיסט און קאָמפּאָזיטאָר.

איידער לודאָוויק פעלדמאַן האָט גענומען די פּען אין דער האַנט, האָט ער שוין געהאַלטן א פידל. אלס קינד נאָך האָט ער זיך באַטייליקט אין א טריאָ, מיט זײַן מוטער חנה אלס פּיאַניסטין, און א ברודער קאַרל — טשעליסט. די קאָנצערטן זײַנען געווען לטובת הכלל.

לודאָוויק, דער זון פון גאַלאַצער יידישן דאָקטאָר שלמה פעלדמאַן, איז נישט געוואָרן קיין דאָקטאָר ווי דער פאָטער האָט געהאָפט נאָר א מוזיקער, א לײַדנשאַפטלעכער פידלער, א געניטער פּעדאַגאָג און אין די רײַפע יאָרן — קאָמפּאָזיטאָר, א גײַסטיק־יונגער, טאַלאַנטירטער קאָמפּאָזיטאָר.

געבוירן אין גאַלאַץ (מאָלדעווע, רומעניע) דעם 25־טן מאַי 1893, פאַרענדיקט ער דאָרט די פאָלקס — און מיטלשול. אַן אײַנפלוס אויף לודאָוויק פעלדמאַנס נײַגונג צו פידל האָבן געהאַט די גרויסע מײַסטערס — ווירטואָזן, וועלכע קאָנצערטירן אויך אין גרויסן האַנדלס — צענטער, מיט אַלטע קולטור און קונסט־טראַדיציעס — גאַלאַץ, ווי זשאָרזש ענעסקו, טיבאָ, איסיי, קובעליק.

ביי א געלעגנהייט הערט אים שפּילן זשאָרזש ענעסקו; היות ס׳איז פאַר אים בולט דער טאַלאַנט פונעם יונגן דעביוטאַנט, שטיצט ער לודאָוויק פעלדמאַנס ווײַטערדיקע מוזיק — שטודיעס.

לודאָוויק פעלדמאַן פאָרט קיין בוקאַרעשט וווּ ער איז א צײַט דער תלמיד פון ראָבערט קלענק, דערנאָך קיין ווין, וווּ ער האָט אלס פּראָפעסאָר דעם באַרימטן פּעדאַגאָג אָנדריטשעק, און פאַרענדיקט די ווינער מײַסטער־שול פאַר מוזיק מיט גרויס דערפאָלג. ער ווערט אײַנגיכן באַוווּסט אין די מוזיקאַלישע קרײַזן.

לודאָוויק פעלדמאַן ווערט אנגאַשירט אין דער זאַגרעבער אָפּערע, אלס ערשטער פידלער און נאָך א צײַט פאַרנעמט ער דעם זעלבן פּאָסטן אין דער בוקאַרעשטער מלוכהשער אָפּערע. ער איז קאָנצערטמײַסטער אין פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער „זשאָרזש ענעסקו״ און באַטייליקט זיך אין די קאָנצערטן פון קוואַרטעט טעאָדאָרעסקו.

גלייכצייטיק איז פעלדמאַן טעטיק אויך אויפֿן געביט פֿון קאַמער — מוזיק. משמעות אַז דער פֿלייסיקער, ערנסטער, צאַרטער מוזיקער, האָט אונ טערן רושם פֿון דער קאַמער־מוזיק דערשפּירט די שפּעטערע נייגונג זיי־ נע צו קאָמפּאָזיציע.

זיין גייסטיקע ליידנשאַפט פאַר קאָמפּאָזיציע האָט זיך אויסגעפּורעמט אין משך פֿון די יאָרן. שוין אין די ערשטע אויפטריטן זיינע, אין גאַלאָץ, אָנהייבנדיק פֿון יאָר 1907, ביז נאָוועמבער 1913, אָפט באַגלייט פֿון יידיש רומענישן קאָמפּאָזיטאָר טעאָדאָר פוקס, פלעג פעלדמאַן אָרקעסטרירן, באַ־ אַרבעטן פאַרן אָרקעסטער קלענערע מוזיקאַלישע שאַפונגען.

אין די שווערע יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט — מלחמה, אין על־ טער פֿון פופציק יאָר, האָט ער זיך געוואָנדן צום באַקאַנטן פּעדאַגאָג און קאָמפּאָזיטאָר מיכאַיל זשאַראַ, וועלכער האָט דערפֿולט פעלדמאַנס ווונטש און שטודירט מיט אים קאָמפּאָזיציע.

אין „יידישן סימפאָנישן אָרקעסטער" ווו פעלדמאַן האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון קאָנצערט־מייסטער, בעת דער מלחמה, איז אויפגעפירט גע וואָרן דעם 17־טן נאָוועמבער 1943, לודאָוויק פעלדמאַנס ערשטע קאָמפּאָ־ זיציע „די טראַגישע פּאָעמע". אכצן טעג האָט פעלדמאַן סקיצירט און אינסטרומענטירט די גאַנצע פּאָעמע און געשריבן די פּיאַנאָ־פּאַרטיטור, כאָטש ער איז געווען אין אַ דראַמאַטיש — שווערן פיזיש־גייסטיקן צוש־ טאַנד.

„די טראַגישע פּאָעמע" שילדערט דעם טרויער, פאַרצווייפלונג, נויט און עלנט פונעם קאָמפּאָזיטאָר, אין אַ צייט פֿון אויסראָטונג און פאַרטיליי־ קונג פֿון יידן. די שאַפונג הייבט זיך אָן מיט העפטיקע קלעפּ — אומדזער טראַגישער גורל — און גייט באַלד איבער צו אַ מאָטיוו פֿון טיפן טרויער וואָס חזרט זיך איבער צום סוף. דער דריטער מאָטיוו: קאַמף, געראַנגל צווישן פאַרצווייפלונג און האָפענונג, פאַרענדיקט זיך מיט האָפענונג און טרייסט.

די פּאָעמע גיט איבער דעם גאַנצן איבערגעלעבטן טראַגיזם אין דער רייכקייט פֿון דער מוזיק, אויפהייטנדיק איר אייביקן כאַראַקטער און סימ־ באָלישער עקספּרעסיע פֿון ליידן און דערהויבונג.

די שאַפונג האָט פעלדמאַן שפּעטער באַאַרבעט און באַרייכערט.

דעם 11־טן נאָוועמבער 1945 האָט דער בוקאַרעשטער פילהאַרמאָני־ שער אָרקעסטער אויסגעפירט „די טראַגישע פּאָעמע", וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, געהאַט אַן ערלעך — פאַרדינטן דערפאָלג. דאָס

האָט באַוויזן, אַז דער שפּעט־געקומענער צו קאָמפּאָזיציע איז נישט קיין פאַרעלטערטער קאָמפּאָזיטאָר.

דער מייסטער זשאָרזש ענעסקו האָט געפאָרשט בלעטל נאָך בלעטל, טאַקט נאָך טאַקט, פעלדמאַנס לעצטע פאָרם פון דער פּאָעמע און געלויבט דעם קאָמפּאָזיטאָר.

דער שוין דערמאָנטער מוזיקער מיכאיל זשאָרא שרייבט: „...לו־דאָוויק פעלדמאַן איז אַ ווערטפולער וויאָלאָניסט, אַ מוזיקער מיט הויך — קינסטלערישער באַגאַבונג, אַ טאַלאַנטירטער קאָמפּאָזיטאָר וועלכער פאַר־שאַפט כבוד דער מוזיקאַלישער באַוועגונג פון אונדזער לאַנד“.

זשאָרזש ענעסקו שרייבט וועגן לודאָוויק פעלדמאַן־ „...דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער מוזיקער, זייער באַגאַבט פאַר קאָמפּאָזיציע“.

„די טראַגישע פּאָעמע“ און „סאָנאַטע פאַר פידל און פּיאַן“ — ווערטפולע שאַפונגען פון לודאָוויק פעלדמאַן— זיינען אויסגעצייכנט גע־וואָרן מיט דער הויכער פּרעמיע „זשאָרזש ענעסקו“. ווי דער מייס־טער לודאָוויק פעלדמאַן גיט איבער, האָט צו דער אור־אויפפירונג פון דער „טראַגישער פּאָעמע“ מיט דעם בוקאַרעשטער פילהאַרמאָנישן אָר־קעסטער אַ סך מיטגעהאָלפן, מיט אָרקעסטראַציע און דיריגירן דעם פּאָעם — דער גרויסער רומענישער מוזיקער־הומאַניסט זשאָרזש ענעס־קו. אגב האָט ענעסקו געהאָלפן אַ סך באַגאַבטע דעביוטאַנטן ניט יידן ווי יידן, זיי זאָלן פאַרפולקאָמען זייערע שטודיעס און אָפט אויסגע־בעסערט זייערע קאָמפּאָזיציעס אָדער דערמוטיקט זייערע עפנטלעכע אויפ־טריטן.

די „דאָבראָדזשער ראַפּסאָדיע“, וואָס פעלדמאַן האָט פאַרענדיקט אָנהייב 1961, איז געבויט אויף דעם פאָלקלאָר פון די פאַרשידענע נאַציאָ־נאַליטעטן, וועלכע לעבן אויף דער דאָבראָדזשער ערד. ווי אַ פאָדעם, וואָס פאַרבינדט די פאַרשידענע טיילן און פאַרענדיקט די ראַפּסאָדיע, האָט גע־דינט דער טאַנץ „זוראַליאַ“, וועלכן פעלדמאַן האָט פרעכטיק אויסגעאַרבעט מיט רייכע וואַריאַציעס און רייכער אינסטרומענטאַציע.

לודאָוויק פעלדמאַנס שאַפונגען ווערן אויסגעפירט אין רומעניע ווי אויך אין אויסלאַנד, ווייט מחוץ די גרענעצן. מיר דערמאָנען אייניקע: טריאָ פאַר פידל, בראַטשע און וויאָלאָנטשעל אין פּאַריז 1960, „סוויטע נו־מער צוויי“, אין ענגלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, בולגאַריע; „סוויטע פאַר בלאָז־אינסטרומענטן“ — אין פּראַג, דעם 24 יאַנואַר 1947; „פּלייט — קאָנצערט“ אין מאָסקווע און אין סאָפיע 1963.

דעם טיטל „לאורעאט פון דער מלוכה־פּרעמיע" אין 1953, האָט מען צוגעטיילט פעלדמאַנען פאַר דער „באַלאַדע פאַר פידל און אָרקעסטער" און „אכט באַלעט סצענעס".

לכבוד דעם 15־טן באַפרייאונגס־טאָג פון רומעניע האָט ער קאָמפּאָנירט און אויסגעפירט זיין פייערלעכע „העראָישע אוווערטורע".

אין משך פון 30 יאָר טעטיקייט אַלס קאָמפּאָזיטאָר, האָט לודאָוויק פעלדמאַן געשאַפן א גרויסע צאָל מוזיקאַלישע אַרבעטן אין פאַרשידענע זשאַנרען. חוץ די שוין דערמאָנטע קאָמפּאָזיציעס דאַרף מען פאַרצייכענען: „קאָנצערטאַנטן פּאָעמע פאַר פידל און אָרקעסטער", זיבן „מיניאַטורן" פאַר אָרקעסטער, א „סימפאָנעטע" „פינף סוויטן" א „פייערלעכע אָדע", א „סאָנאַטע פאַר פידל און פּיאַן".

פעלדמאַנס „סימפאָניע נומער איינס" שפּיגלט אָפּ די שווערע איבער גאַנגס־יאָרן נאָך 1944.

צו פעלדמאַנס מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס געהערן אויך: „פיר נאָוועלעטן", זעקס בענד „מעלאָדישע שטודיעס" פאַר פידל, 21 קאָמפּאָזיציעס פאַר געמישטן כאָר און מערערע קלענערע אַרבעטן, ווי צום ביישפּיל: „פּרעלודיע און טאַנץ" פאַר פּיאַנאָ, „אַוונט ליד", „זוראַליאַ" און אַנדערע. די לעצטע קאָמפּאָזיציע זיינע איז די „סימפאָנישע אָדע" — א רייפע פּרוכט פון טאַלאַנטירטן קאָמפּאָזיטאָר.

לודאָוויק פעלדמאַן האָט אויך א רייכע פּעדאַגאָגישע טעטיקייט. צווישן זיינע תּלמידים איז כדאַי צו דערמאָנען דעם מוזיק־פּראָפעסאָר אין לוצערן (שווייץ) און אויף דעם פאַקולטעט פון זאַלצבורגער „מאָצאַרטעאום" — ערנסט וואָלפיש און די באַגאַבטע פידלערין פּאַולאַ דאַווידעסקו.

פאַר זיין לאַנגיאָריקער פּילזייטיקער טעטיקייט און שאַפונג, האָט די סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע אויסגעצייכנט לודאָוויק פעלדמאַן אין 1957, מיטן הויכן טיטל „פאַרדינסטפולער מייסטער פון דער קונסט", מיט אָרדנס און מעדאַלן.

לודאָוויק פעלדמאַן איז א ליבער מענטש און ייִד. זיין מוזיק איז פול מיט פאַרכאַפּנדער ענערגיע, קראַפט און אָפּטימיזם. דער אכציק יאָריקער שעפערישער קאָמפּאָזיטאָר איז פול מיט גייסטיקער יוגנטלעכקייט.

דער פילם און טעאַטער קאָמפּאָזיטאָר האַרי מאַיאָראָוויטש

ער האָט זיך פּאַרמאָסטן צו ווערן אַ מוזיקער און איז געוואָרן אַ מוזיקער פאַר עקסעלאַנס. ער איז מלא כרימון מיט מוזיקאַלישע מעלות. מו־זיקאַליש איז ער ווייל דאָס האָט ער אַ מתנה פון גאָט. והשנית, איז ער אויפגעכאָוועט און דער סאַמע מיט פאַרביקן, זינגענדיקן, פרומען מאַראַמאַ־רעש. והשלישי האָט עס אים געצויגן אין דער ברייטער וועלט אַריין, וווּ ער האָט באַוויזן זיינע פעיקייטן און באַקומען אין דער ווינער קאָנסערוואַ־טאָריע, פאַכמענישע מוזיקאַלישע אויסבילדונג און פערטנס, אַ וויכטיקע מעלה, ער האָט זיך אומגעקערט אַ היים, און באהבה אָנגעהויבן זיין קאָמ־פּאָזיטאָרישע קאַריערע אין נייעם רומעניע.

אַ קליינוואוקסיקער, גוטגעבויטער מיט קוטשעראַווע־שוואַרצע האָר, אַ הויכן שטערן — אַ גלייכן, און אין ווינקל פון זיינע ליפּן, גליט שטענ־דיק אַ ציגאַרעטל. ער רעדט גיך דעם זאַפטיקן מאַראַמאַרעשער יידיש אָבער דאָס אמתע לשון זיינס איז מוזיק.

איך האָב אים געזען ביי דער אַרבעט: בעת ער האָט געשאַפן די מוזיק צו חיים סלאָוועסעס „צען ברידער זענען מיר געווען", און צו אַנדערע פּיעסן פאַרן יידישן מלוכה־טעאַטער. זיין טאָג האָט זיך אָנגעהויבן, פּונקט דעמאָלט, ווען ער ענדיקט זיך ביי אַנדערע. געאַרבעט האָט מאַיאָ־ראָוויטש אָן אויפהער, גאַנצע נעכט. ער האָט ליב וואָס אַלע שטערבלעכע מענטשן האָבן ליב, נאָר שטערבלעך פאַרליבט איז ער, אין דער מוזיק גופא. ווען ער פילט אַז זיין קאָמפּאָזיציע האָט דערגרייכט שלמות, פאַר־געסט ער אין דער מידקייט פון נישט געשלאָפענע נעכט, צינד נישט אָן קיין ציגאַרעט און מיט יום־טובדיקער פייערלעכקייט, שפּילט ער פאַר נאָ־ענטע פריינט זיין קאָמפּאָזיציע, שאַפונג. זיין שפּילן אויף דער גרויסער

אַרגל פון אַ קאַטעדראַל, כדי אויפצונעמען אויף טאַשמעס זיינע קאָמפּאָזי־ציעס צום ספּעקטאַקל „צען ברידער זענען מיר געווען" פון חיים סלאָ־וועס אָדער אויף אַ גוטן פּיאַן פאַר אַן אַנדערן ספּעקטאַקל, איז אַ גרויסער גענוס פאַר דעם צוהערער בכלל און פאַר מוזיק־פריינט בפרט.

געבוירן איז האַרי מאַיאַראָוויטש, אין דער מאַראַמאַרעשער הויפּט־שטאָט סיגעט, דעם 6־טן סעפּטעמבער 1918. דאָרט האָט ער פאַרענדיקט די פאָלקס־שול און באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג: געגאַנ־גען אויך אין חדר, תלמוד תורה, געלערנט תנ"ך.

פון קינדווייז אָן האָט אים געצויגן צו לערנען מוזיק. אַ יינגל נאָך, לאָזט ער זיך אַוועק צו פוס, קיין ווין, וווּ ער קומט אָן, נאָך חדשים־לאַנ־גע וואַנדערונגען איבער טשעכאָסלאָוואַקיע. אַ צייט געאַרבעט אַלס מילך־פאַרטיילער פון אַ פאַרם. פון די קליינע פאַרדינסטן האָט ער אָפּגעשפּאָרט אויף צו באַצאָלן די פאַרשידענע לערערס פון דער וויענער קאָנסערוואַטאָריע, פאַר די לעקציעס וואָס זיי האָבן אים געגעבן.

יאָרן לויפן און ערב עסטרייכס באַזעצונג פון די נאַצישע חילות, פאָרט מאַיאַראָוויטש צוריק קיין רומעניע און באַזעצט זיך אין קלוזש. דאָ זעצט ער פאָר זיין מוזיקאַליש־פאַכמענישע אויסבילדונג, ביז די ראַסיס־טישע געזעצן, צווינגען די יידיש־אונגאַרישע שוישפּילער צו שאַפן אַן אייגענע טרופּע. פאַר אָט דער טרופּע, שאַפט האַרי מאַיאַראָוויטש די מוזיק צו צוויי ספּעקטאַקלען אָבער אינגיכן, נעמט מען אים אַוועק אויף צוואַנגס־אַרבעט און ער שפּאַרט אָן אין אַ לאַגער, אין מיידלינג־עסטרייך.

נאָך דער באַפרייונג, אין 1945, קומט מאַיאַראָוויטש צוריק קיין רו־מעניע, קודם אין זיין געבוירנשטאָט סיגעט, וווּ ער געפינט נישט מער קיינעם פון זיין משפחה, און דערוויסט זיך אַז זיינע עלטערן זענען אומ־געבראַכט געוואָרן אין אוישוויץ, דערנאָך באַזעצט ער זיך אין קלוזש.

ה. מאַיאַראָוויטש אַלס טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר

די אייגנטלעכע טעטיקייט אַלס קאָמפּאָזיטאָר, הייבט אָן האַרי מאַ־יאַראָוויטש אין קלוזש, וווּ ער שאַפט די מוזיק צו טשעזאַר פּעטרעסקו און אַדריאַנאַ קיסעליעוו'ס פּופּן־שפּיל „פּראַם — דער פאָלאַרער בער". דער ספּעקטאַקל האָט אַ ריזיקן דערפאָלג. ער ווערט געשפּילט אין רומענישן און אונגאַרישן מלוכהשן פּופּן־טעאַטער פון קלוזש, פון צענטראַלן מאַריאָ־

נעטן־טעאטער פון האנאי (וויעטנאם)' און פון אנדערע טעאטערס, איבער דער גאַרער וועלט. דער ספעקטאקל בכלל און די מוזיק באזונדער איז הויך אָפּגעשאצט געוואָרן.

דער מחבר, דער באקאנטער ראָמאניסט־אקאדעמיקער טשעזאר פּע־טרעסקו, שרייבט אין א בריוו צום קאָמפּאָזיטאָר ה. מאיאראָוויטש, דאטירט 3 יוני 1958: „ביי דער געלעגנהייט פון אינטערנאציאָנאלן פעסטיוואל פון פופן־טעאטערס, האָב איך געהערט אייער מוזיק צו „פּראָם, דער פּאָ־לארער בער", און בין זיך מודה אז זי איז געווען אן אנטפּלעקונג פאר מיר. דאָס איז א סימפאָניע וואָס האָט א סך איבערגעשטיגן מיינע דער־וואַרטונגען, ווייל זי דעקט אויף נייע שטריכן אין מיין שאפונג. איך קאָן זאָגן אז אייער קאָמפּאָזיטאָרישע אינספּיראציע, שטייגט איבער דעם טעקסט, אייער מוזיק האָט עפּעס פון די הימלשע הייכן, אין וועלכע, מע האָט דאָס פאַרגעפיל אז גאָט שוועבט."

א צווייטע פופן־שפּיל, צו וועלכער מאיאראָוויטש האָט געשאפן די מוזיק, איז א. גוזבארעוו'ס „דער כישופמאכער" און די דריטע פופן־שפּיל איז עלע קאַנאָוויטש און עודזשעניא דימיטריו'ס „דעם פישערס זון" און אנדערע ספעקטאקלען, אין קלוזשער מלוכהשן פופן־טעאטער.

אין בראשאָווער מלוכהשן טעאטער, האָט ער געשאפן די מוזיק צו קארלאָ גאָלדאָני'ס „דער ליגנער". אָט דער גאָלדאָני ספעקטאקל, איז גע־שפּילט געוואָרן אויך פון קלוזשער מלוכהשן נאציאָנאל־טעאטער, וווּ מאַ־יאָראָוויטש האָט געשריבן אויך די מוזיק צו גונאר פּריעדע'ס „די פּעריען פון יינגערן ברודער".

פארן קלוזשער אונגארישן מלוכה־טעאטער, האָט מאיאראָוויטש גע־שריבן די מוזיק צו עטלעכע פּיעסן, מיר דערמאנען נאָר איינע: קארלאָ גאָלדאָני'ס „משרת ביי צוויי באַלעבאַטים."

פארן יידישן מלוכה־טעאטער פון רומעניע, דאָס הייסט יידישע מו־זיק לרוב, האָט ה. מאיאראָוויטש געשאפן צו: יעקב גאָרדינ'ס „גאָט, מענטש און טייוול" (רעזשי איזאָ שאפּירא), „שפּילט א פריילעכס" מוזיקאַ־לישער ספעקטאקל אין וועלכן, א וואַגיקער בייטראַג איז געווען אויך די באלעט־פּאנטאָמימע „דער אויפשטאנד אין וואַרשעווער געטאָ"; צו מאָליערס „שול פאר פרויען" האָט ער געשריבן די מוזיקאלישע פּארטיטור, נאָכן צו־זאמענגיסן פון ביידע טעאטערס, האָט ה.מאיאראָוויטש, אין בוקארעשטער יידישן מלוכה־טעאטער, געשאפן די מוזיק צו פאָלגנדיקע ספעקטאקלען: צו חיים סלאָוועסעס „צען ברידער זענען מיר געווען" (רעזשי פראנץ

אוערבאך), צו שלום עליכמס „סטעמפעניו״, (רעזשי בענא פאפליקער) צו לודאוויק ברוקשטיינס „ישראל בעל שם־טוב“ (באגעגעניש אויף די בארג־שפיצן) (רעזשי זשארזש טעאדארעסקו), צו „איוואנאוו״ פון אנטאן טשע־כאוו (רעזשי איזא שאפירא) א.א. לעצטנס האט מאיאראוויטש געשאפן די מוזיק צום שעדעווער פון אונדזער גרויסן קלאסיקער שלום עליכם — „טביה דער מילכיקער״ (רעזשי אדריאן לופו.) זאל אונדז דערלויבט זיין, צו געבן אייניקע ציטאטן פון די צאלרייכע אפשאצונגען, פון קאמפעטענטע פאכ־לייט, וועגן מאיאראוויטשעס מוזיק צו די ספעקטאקלען אין יידישן מלוכה־טעאטער:

וועגן דער מוזיק צו „צען ברידער זענען מיר געווען“, לייענען מיר אין דער ווארשעווער „פאלקס שטימע“ פון 24 אקטאבער 1967: „...די אויף טאשמעם איבערגעגעבענע ארגל־מוזיק, האט קאמפאנירט און אויסגעפירט ה. מאיאראוויטש. דער ניגן פון „קינות“ מיט רייכע וואריאציעס, ווי אויך די כאראלן, זענען נישט שרייעריש, פילדעריש, נאר פארפלאכטן מיט די דראמאטישע הויכפונקטן; זיי פארטיפן די לירישע און דראמאטישע מאמענטן פון ספעקטאקל, דערגייען צום הארצן פון די צושויער.“

דער באקאנטער דראמאטורג דר. חיים סלאוועס, וועלכער איז בייגע־ווען ווי אן אפיציעלער מלוכה־גאסט, בא דער פרעמיערע אין רומעניע פון זיין קרעפטיקער דראמע „צען ברידער זענען מיר געווען“ האט אין א אינ־טערוויו דערשינען אין דער רומענישער ליטעראַרישער וואכנשריפט „לוטשעאפערול“ (דער מארגנשטערן), פון 1־טן מערץ 1968, געזאגט פאלגנ־דעס וועגן דער מוזיק פון זיין דראמע: „...דאס וואס האט מיך באזונדערס בארוישט, דאס וואס האט היפש בייגעטראגן צו דער שיינקייט פון אט דעם ספעקטאקל, צו זיין דערפאלג (דער ספעקטאקל איז געגאנגען אין בוקארעשט, אין א טורנע, איבערן לאנד און אין ישראל!) דערלויב איך מיר צו זאגן, איז די מוזיק, אן אינספירירטע מוזיק, געשאפן פון הארי מאיאראוויטש. ער האט סינטעטיזירט א יידישן מוזיקאלישן פאן מיט מאַ־דערנע, עלעקטראנישע, קאנקרעטע עלעמענטן, און אזוי ארום געשאפן א דינאמישע, פונקציאנעלע אטמאספער און דאס מוזן מיר אנערקענען, איז שווער צו פארווירקלעכן“.

וועגן דער מוזיק צו „סטעמפעניו“ (רעזשי בענא פאפליקער), לייע־נען מיר אין דער ווארשעווער „פאלקס שטימע“ פון 11־טן מאי 1967: „... וואגיק אין ספעקטאקל איז די מאדערנע מוזיק און אינטערפרעטאציע פון יידישן פאלקלאר, געשאפן פון דעם באגאבטן קאמפאזיטאר ה. מאיא־

ראַוויטש. וועלכן מיר געדענקען פון דער רירנדיקער און בילדלעכער מו־זיק צו גאַרדינס „גאַט, מענטש און טייוול“, צום פאַנטאַמימע־באַלעט פון „שפילט א פריילעכס“ און א ריי אנדערע ספּעקטאַקלען. אין „סטעמפּעניו“ איז מאַיאַראַוויטשעס מוזיק נישט בלויז אין האַרמאָניע מיטן שלום עליכם טעקסט נאָר גיט צו באַזונדערן פאָלקס־חן, גלאַנץ און קאָלאָריט דעם ספּעקטאַקל“.

וועגן דער מוזיק צו „טביה דער מילכיקער“, געשאַפן פון ה. מאַיאַ־ראַוויטש, צו דער לעצטער פּרעמיערע פון בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער, רעזשי אדריאַן לופּו, שרייבט די באַקאַנטע פובליציסטין־רעצענ־זענטין שרה שטיין, אין דער בוקאַרעשטער „צייטשריפט“ פון 15 אפּריל 1975: „...דער גאַנצער ספּעקטאַקל טובלט זיך אין ה. מאַיאַראַוויטשעס מו־זיק, וועלכע איז א פירוש און שטיצע פאַר די קרעפטיקע מאָמענטן פון דער פּיעסע און שאַפט, וואָלט איך זאָגן נישט שטימונג, נייערט גייסטיקע צושטאַנדן פון די פּערסאָנאַזשן ווי אויך פון די צושויער אין זאַל“.

שוין אלס טעאַטער קאָמפּאָזיטאָר, אָנערקענט פון פּאַבליק און אָנגע־זעענע קולטור און קונסט פּערזענלעכקייטן, איז צו זען מאַיאַראַוויטשעס בייטראַג צו די הויכקינסטלערישע דערגרייכונגען פון יידישן מלוכה־טעאַ־טער (און ווי מיר האָבן געשריבן פריער) אויך פון אנדערע מלוכהשע טעאַטערס פון רומעניע. די מוזיק וואָס ה. מאַיאַראַוויטש האָט קאָמפּאָנירט צו די ספּעקטאַקלען פון יידישן מלוכה-טעאַטער, איז אַן אָרגאַנישער טייל פון די פאָרשטעלונגען, און האָט דערגאַנצט און באַרייכערט סיי דאָס לשון פון דעם דראַמאַטורג און סיי די אויסדרוק-מיטלען פון די אַקטיאָרן, גע־קרעפטיקט דעם טעקסט הייסט עס און דעם שוישפּילערס אויסדרוק. מאַ־יאַראַוויטשעס מוזיק פאַרמאָגט א באַזונדערן צויבער, ווייל זי קאָמבינירט זיך שעפעריש מיט די אנדערע קונסט־עלעמענטן פון ספּעקטאַקל. זיין מו־זיק, אין יידישן מלוכה־טעאַטער, האָט אלע מאָל געהאַט א שטאַרקע ווירקונג, ווייל ער דריקט אויס אין זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען, פאַרשיידע־נע שטימונגען: פון פרייד צי פון צער, פון יום־טוב צי פון טרויער.

ה. מאַיאָראָוויטש, דער פילם־קאָמפּאָזיטאָר

אין 1955. בעת א פאָרשטעלונג אין קלוזשער מלוכהשן נאַציאָנאַל־טעאַטער, באַקענט ער זיך מיטן פיינפיליקן, באַגאַבטן פילם רעזשיסער סאַ־וועל שטיאָפּול. א מזלדיקע באַגעגעניש.

בארוישט פון מאיאראָוויטשעס מוזיק צו יענעס ספעקטאקל, שלאָגט אים פאָר דער פילם־רעזשיסאָר סאוועל שטיאָפול, ער זאָל מיטארבעטן ווי א קאָמפּאָזיטאָר. ביי זיינע פילמען. עס דויערט נישט לאנג און די פּרוכטבאַרע מיטארבעט, ווערט קאָנקרעטיזירט אין פילמען וועלכע נעמען אויס ביים עולם און באקומען אויסצייכענונגען און פּרעמיעס אין לאנד און אין אויסלאנד. לאָמיר דערמאנען אייניקע פון זיי: „וועגן לעבן און שאפן פון אקטיאָר שטעפאן בראבאַרעסקו", די גרויסע פרעמיע אין רוים, 1957; די לעצטע נאכט פון דער קינדהייט", די גאָלדענע פּרעמיע פון דער געטין אפסארא אין פּנאָם־פּענג (קאמבאדזשיע), אין 1968; „דער עקיפּאַזש", די פרעמיע „קאַרטינא ד'אמפּעצאָ", איטאליע, 1969; „פּלי אין ווייסן", די פּרעמיע פון יוגאָסלאווישן פילם; „דאָס געיעג" — די ספּעציעלע פּרעמיע פון יורי אין פראנקרייך; די גרויסע פּרעמיע „דער גאָלדענער קרייץ פון זידן" אין אדעלאידע, אויסטראליע, ווי אויך די גרויסע פּרעמיע „דער גאָלדענער דעלפין", אין טעהעראן, איראן, אין 1971.

א היפשער טייל פון די אויבן אויסגערעכנטע פּרעמיעס זענען צוגעטיילט געוואָרן די פילמען רעזשיסירטע פון באקאנטן רעזשיסאָר סאוועל שטיאָפול און דעם קאָמפּאָזיטאָר פון אלע די אויבן אויסגערעכנטע פילמען — הארי מאיאראָוויטש.

איך האָב געזען דעם קינסטלערישן פילם געבויט אויפן פּאָעם „דער טויט פונעם ציגעלע", פון הויכבאגאבטן רומענישן דיכטער ניקאָלאיע לאביש, יונג אומגעקומען אין אן אומגליקספאל. דער רעזשיסאָר קריסטו פּאָלוקסיס, שילדערט אונדז אויף א קינסטלערישן אופן, א יאגד אין די קארפּאטן־בערג פון רומעניע, אין זייערע שיינע, ווילדע וועלדער. דאָס איז א יאגד פון הירשעלעך און ציגעלעך — סימבאָל פון ריינקייט וועגן אָט די וואלד־באשעפענישן פון די רומענישע קארפּאטן־וועלדער. דער פילם־פּאָעם, פּאַרמאָגט א הארמאָנישע דימענסיע. ער איז זייער געראָטן־פּלאסטיש און מוזיקאליש.

מאיאראָוויטש האָט אן אייגענעם און באשטייענדיקן סטיל, וועלכן ער האָט אנטוויקלט און אויסגעלייטערט אין טעאטער און פילם, אין די קאָלעקטיוון, אין און דורך זיי, אין דער צוגעבונדקייט דורך א בשותּפותדיקער אידעע, דער לאנג־יאָריקער רעזשיסאָר מיט וועלכן מאיאַראָוויטש ארבעט מיט קרוב צוואנציק יאָר, סאוועל שטיאָפול, דרוקט אין דער חודשלעכער קינאָ קולטור־שריפט „טשינעמא" (קינאָ), נו־

מער פיר, פון אפריל 1972, ז. 23, א פראָפיל א.ט. „פאש“ וועלכן מיר גיבן אין אונדזער יידישער איבערזעצונג:

„... פאש איז דער „פילם־גרופקע נאָמען פון קאָמפּאָזיטאָר ה. מאַיאָראָוויטש, צוגעצויגן דורך מיר, צוריק מיט 18 יאָר, צו אָט דעם פאַרשווענדערישן לעבן וואָס הייסט קינאָ. איצט, זעט אים, ווי ער בלישטשעט אין די טויזנטער פאַצעטן פון א צירונג פול מיט הארמאָניע און בילדער, ווי אָט דער אויסגעצייכנטער, קורצמעטערדיקער „דער טויט פונעם ציגעלע“.

זייענדיק א גאַנצקייט מיטן רעזשיסאָר און אָפּעראַטאָר, לעבט ער איבער די געשפּאַנטקייט פון א רעוואָלוציע, אַנטפּלעקונג, אין דער היסטאָרישער צייט פון א דערמאָנונגס־פּאָעזיע. ה. מאַיאָראָוויטש האָט געאַנט וואָס דאָס בילד האָט געשטרעבט אונטערצושטרייכן בדרך משל, דורכהאַלטן, דורכקריגן זיך א געשיכטלעכע און לעבנס־תּקופה — די צייט פון זיך מקריב זיין.

ס'איז געווען צו דערוואַרטן אָט דאָס טיפע, טראַגישע אָפּהילכן ביי אָט דעם מוזיקער, וועלכנס שטימע, איז אַלע מאָל די זעלבע, אין דער פאַרשידנאַרטיקייט פון זיין מוזיקאַלישן אויסגעפינס, אויסטראַקטעניש. ס'איז כמעט איבערראַשנדיק ווי אַזוי דער וועלכער וואַרפט זיך אונטער אַזעלכע פאַרשידענע טעמאַטיקעס ווי „די לעצטע נאַכט פון דער קינדהייט“ (רעזשי סאַוועל שטיאָפּול), „באַלאַגערונג“ (רעזשי מירטשעא מורעשאַן) און „דער טויט פונעם ציגעלע“ (רעזשי קריסטו פּאָלוקסיס), אַזאַ פאַרשידןמינימקייט פון אומשטאַנדן, בלייבט דער זעלבער דערציילער (דורך מוזיק י.ש.) פון אַן איינציקער, יחידישער איבערלעבונג, פון אַן איינציקער נאָסטאַלגיע, פון די זעלבע רופן.

מיט טיפל ערנסטקייט טייטשט ער אויס זיינע קאָמפּאָזיציעס! דאָס וואָס האָט אַמאָל געבילדעט זיין באַהאַלטענע פרייד, איז היינט א קינסטלערישער פאַקט, באַקאַנט אַלעמען: ה. מאַיאָראָוויטש איז אַן אָריגינעלער און ווערטפולער קינסטלער פאַר דער פילם־קונסט, א פרייד פאַר אַלע די וועלכע טרעטן אַריין אין א זאַל פון שאָטנס און קלאַנגען.“

זאָל אויך אונדז דערלויבט זיין, צו זאָגן א באַשיידענע מיינונג, וועגן מאַיאָראָוויטשעס מוזיק: זי אַנטשפּרעכט פולשטענדיק די אידייען און סענטימענטן, די מיינונגען פון מחבר און רעזשיסאָר פונעם פילם. דורך איר טיפקייט און וואָגיקייט, קאָן זיין מוזיק, אָפּט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דיאַלאָג, זיין פונקציע.

ווי א גאסט פון דער געזעלשאפט פאר פריינדשאפט צווישן דער סאָ־ציאליסטישער רעפובליק רומעניע און ישראל, האָט מאיראָוויטש באזוכט די מדינה אין 1974. אויף א פייערלעכער אויפנאמע, פארן קאמפּאָזיטאָר, זענען געוויזן געוואָרן „דער טויט פונעם ציגעלע“ און „פּויול“ מוזיק פון מאיראָוויטש, אין דער אָנוועזנהייט פון חשובע געסט. אין דער פרעסע פון ישראל, זענען ביי דער געלעגנהייט, דערשינען ווארעמע אָפּשאצונגען וועגן דעם שעפערישן בעל־יובל.

טעטיקייט פון יידיש־רומענישן קאמפּאָזיטאָר און מוזיקער אויגען קאָפּלער

מיט א פידל אין דער האנט דער טאטע־לעאָן קאָפּלער, באגלייט ביים פּיאַן פון טשעטשיליא די מוטער, צומאָל מיט א ליד אויף די ליפּן־די שוועסטער, איז יעדן אָוונט א „מוזיקאלישע סעראטע“ אין הויז פון די קאָפּלערס. קרובים, שכנים קומען ניט פארבעטענע און שעפּן תענוג פון די קאָנצערטן פידל־פּיאַנע, קלאסישע און קאמער מוזיק. באזונדערס אויפ־מערקזאם איז דער קליינער אויגען. פון ווען און ווען כאפּט ער זיך צו צו דעם פּיאַן, גלעט אים ווי א לעבעדיקן נפש, רירט אָן די קלאַפּעס און הערט אויס ערנסט דעם וואלד טענער וואָס ער ברענגט ארויס... די קלאנגען שוועבן איבערן צימער און דער פינעף יעריקער יאט פּרוווט צו סדרן די קלאנגען, שפּילן גאמעס.

דער פאטער וועלכער האָט אין די יוגנט יאָרן, ווי א סטודענט, גע־שפּילט אין סימפאָנישע אָדער קאמער אָרקעסטרעס האָט איינגעזען די מוזיקאליטעט פון זיין זון און אים געפירט צו א באקאנטער לערערין פון פּיאַן אין זיין וווינשטאָט גאלאץ (מאָלדעווע), די פרוי פון באקאנטן שרייבער זשאן בארט־מאנוע באָטעז, און נאָך צוויי יאָר בא דער פּראָפעסאָרן עליזא טשערנאוואָדעאנו. א חוץ האָט ער געלערנט קאמער מוזיק און הארמאָניע מיטן אויסגעצייכנטן וויאָלאָנטשעליסט סאשא פּוקס, זשוראוועסקי, ווילאנט. מיט אים, האָבן אלע שילער פון דער פּראָפעסאָרן גענומען לעקציעס ביי די אויבן דערמאנטע.

ווי א ליציי שילער האָט אויגען געגעבן פּיאַן קאָנצערטן לטובת הכלל פאר דער גאלאצער קהילה, פאר דעם לאָקאלן רויטן קרייץ א־אנד. שפּעטער באגלייט ספּעקטאקלען פון ליבהאָבער, מוזיקאלישע און טעאטער פאָרשטע־

לונגען. איינער פון די ליבהאָבער שוישפּילער איז שפּעטער געוואָרן א באַ־רימטער פוסבאל שפּילער אין בוקארעסט—צאובער, אין אַט די ספּעקטאקלען דעבוטירט אויגען קאָפּלער אלס קאָמפּאָזיטאָר.

געראטן פון זיינ'ע גאלאצער פּראָפעסאָרן, פאָרט אויגען אוועק קיין בוקארעשט, ווו ער נעמט לעקציעס ביי דער באקאנטער פּעדאגאָגין־קינסט־לערין מוזא טשאָמאג. אין יאָר 1932 פאָרט ער קיין ווין ווערט אויפ־גענומען אין זיבעטן יאָר (די שטודיען האָבן געדויערט 9 יאָר). צווי יאָר איז ער געווען דער שילער פון פּראָפעסאָר קערשבאומער און זיך ספּעציאַליזירט אין קאָנצערט. ביי איין פּיאן איז געווען דער פּראָפעסאָר און ביי דעם צווייטן אויגען קאָפּלער. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט ווייטער צו שטודירן, צוליב מאנגל אין געלד, פּרוווט ער געפינען ארבעט אין ווין און מוז זיך אומקערן קיין גאלאץ. דאָ ווערט ער אויפגענומען אין דעם אָרקעסטער פון דער מיליטערישער מארינע ווו עס שפּילט אויך דער וואיאָליניסט י. רייגינגער. מיט וועלכן ער שאפט שפּעטער אַן אָרקעסטער און מאכט א לאנג דויערנדיקן טורנע אין עגיפּטן, סודאַן פּאריז. געשפּילט האָבן זיי קלאסישע און פּאָרוויילערישע מוזיק און באזונדערס אויסגענומען מיט רומענישער פאָלקס מוזיק.

צוריק אין לאנד האָבן זיך אָנגעהויבן די ראסן רדיפות און אים איז אויסגעקומען צו ארבעטן אין טעאטער פאר יידן „באַרא־שעום". כדאי צו דערמאנען אז אין אָרקעסטער איז געווען א מוזיקער פיליפּ בערמאן וועלכער האָט געשפּילט אויף מערערע אינסטרומענטן און א אויסגעצייכנטער אָרקעסטראַטאָר ער איז אומגעקומען מיט דער שיף „סטרומא" אויף וועלכער ער האָט געהאָפט זיך ראטעווען און זיך באזעצן אויף א זיכער אָרט.

אן אנדערער מוזיקער וועלכער איז געפאלן א קרבן פון די נאצישע מושלים איז דער לייטער פון א גרויסן אָרקעסטער אין בוקארעשט־ש' ענפעלד. דער פאָטער איז געווען א ייד און די מוטער א דייטשקע, א פארברענטע נאצי'קע וועלכע, לויט מען האָט מיר דערציילט, פלעג אויפשטיין און באַ־גריסן ווי די נאצים, מיט דער אויסגעשטרעקטער האנט, אזוי לאנג וויפל ס'האָט געדויערט די רעדע פון „פירער" אָדער פון די אנדערע „גדולים" פון יענעם „דריטן רייך" .... דער מוזיקער שענפעלד איז אומגעקומען אויף א מיסטעריעזן אופן, בעת דער וועלט מילחמה, אין איטאליע!

בעת דער מילחמה האָט אויגען קאָפּלער געגעבן קאָנצערטן מיט טעאדאָר קאָזמא־ביי צווי פּיאנעס, אין בוקארעשטער זאל „באראשעום",

און געהאט א גרויסן דערפאָלג. אונטער דער לייטונג פון קאָמפּאָזיטאָר דיריזשאָר העגרי מאַלינעאַנו, איז אויסגעפּילט געוואָרן קאַפּלערס ערשטע קאָמפּאָזיציע: א טעמע פון באַך, האָט אינספּירירט זיין מאָדערנע קאָמפּאָזיציע און דער עולם האָט גאָר וואַרעם אויפגענומען דעם דעביוט פון אויגען קאַפּלער אלס קאָמפּאָזיטאָר.

מיטן באַקאַנטן מוזיקער אלפרעד מענדעלזאָן דערגאַנצט קאַפּלער זיינע שטודיעס, אין די מילחמה יאָרן. ער נעמט לעקציעס פון קאָמפּאָזיציע, מוזיק טעאָריע און דיריגירן.

אונטערן טיטל „א וויזיט אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער" פון רעזשיסער יעקב ראַטבאַום, דערשיינען אין דער וואַרשעווער „פאָלקס שטימע" פון 20 נאָוועמבער 1971, לייענען מיר פאָלגנדע אָפּשאַצונג:" (די שוישפּילער) האָבן גוט געשפּילט און געטאַנצט מיט אן אויסערגעוויינלעכן טעמפּעראַמענט, ביי דער גלענצנדיקער באַגלייטונג פון דעם „איינפּערזאָניקן אָרקעסטער".־פון פּיאַניסט קאַפּלער, וועלכער האָט אויף דער אָפענער בינע צווישן די זינגענדיקע און טאַנצענדיקע שוישפּילער, מייסטערהאַפט געשפּילט גאָלדפאַדענס גוט באַקאַנטע און אזוי פּאָפּולערע ניגונים פון דער „כישופמאַכערין" אין אן אויסגעשפּראָכענעם דזשאַז־קאַראַקטער."

מיר דערלויבן זיך צוצוגעבן אז אויגען קאַפּלער האָט באַאַרבעט די אָריגינעלע מוזיק פון גאָלדפאַדענס „כישופמאַכערין", כדי צו באַקומען אן אַנדער מין ספּעקטאַקל, נעמלעך "א מיוזיקל קאַבאַרעט„ נאָענטער אפשר צום געשמאַק און פאָדערונגען פון היינטצייטיקן טעאַטער־באַזוכער." (נייע פּרעסע", פּאַריז 26־27 דעצעמבער 1970. אויגען קאַפּלער האָט קאָמפּאָנירט מוזיק צו מערערע ספּעקטאַקלען אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער. מיר דערמאָנען נאָר אייניקע ווי למשל: די רעווי „מזל טוב". וועגן קאַפּלערס מוזיק, לייענען מיר אין דער „נייע פּרעסע," פּאַריז פון 21־22 פעברואַר 1970:" די מוזיק פון אויגען קאַפּלער פאַרמאָגט יידישע מעלאָדישקייט, איז חנעוודיק, מיט אן אייגנאַרטיקן יידישן טאָן. קאַפּלער האָט קאָמפּאָנירט מוזיק צו אייניקע טעקסטן פון "סע זאָל אַלעמען געפעלן„ פון הארי עליאד און יוליאַן שוואַרץ, וועגן וועלכע די „נייע פּרעסע" פּאַריז, פון 20־21 מערץ 1971 שרייבט: קאַפּלער האָט געשאַפן זייער געראָטענע מעלאָדיעס. וואָס דער עולם כאַפּט זיי אויף טאַקע בעתן ספּעקטאַקל און ברומט זיי נאָך ביים אַוועקגייען." אין ספּעקטאַקל „מאַנגעריאַדע", צוזאַמענגעשטעלט פון י. בערקאָוויטש, לויט די שאַפונגען פון איציק מאַנגער, זענען פאַראַן קאָמפּאָזיציעס פון אויגען קאַ־

פלער. אין דער „נייע פרעסע“, 29 מאי 1968 לייענען מיר: „אויגען קאָ־פלערס ערנסטע און אינטערעסאנטע קאָמפּאָזיציעס אין ספּעקטאַקל העלפן שאַפן שטימונג און פאַרדינען א לויב“.

קאָפלערס ערשטע קאָמפּאָזיציעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין טעאטער פאַר יידן בעת דער לעצטער וועלט מלחמה „באַראַשעום“, ווו ער האָט אויך געגעבן קאָנצערטן ווי א ווירטואָז. נאָך דער מלחמה האָט ער גע־שריבן לייכטע מוזיק פאַר מערערע רומעניש טעאטערס און מאַסן לידער פאַר וועלכע ער האָט באַקומען אויסצייכענונגען און אפילו אן ערשטן פּרייז. געבוירן אין גאַלאַץ דעם 4 אָקט. 1908. ער איז אויך דיריגענט אין בוקאַ־רעשטער יידישן מלוכה טעאטער כאָטש א פּענסיאָנער. א גוטער, ליבער מענטש. א מאָגערער, מיטלוווקסיקער, רעדט כמעט נאָר פון מוזיק און איז טאַקע מלא כרימון (ווי א מילגרוים) מיט מוזיקאַלישע מעלות. קאָמפּאָנירט דיריגירט, שפּילט אויף מערערע אינסטרומענטן איז זייער מוזיקאַליש און האָט גוטע פאַכמענישע, מוזיקאַלישע אויסבילדונג. ער טוט זיין ארבעט באהבה און דערפאַר האָבן אים ליב אַלע די מיט וועלכע ער אַרבעט. ער איז אויך אן אויסגעצייכנטער אָרקעסטראַטאָר.

פראָפילן פון יידישע קלעזמער אין אמאָליקן רומעניע.

וועגן באגאבטע יידישע קלעזמער אין רומעניע האָבן מיר ידיעות און דאָקומענטן שוין פון אָנהויב 18־טן יה. א כתב מלכות (קארטע דאָמנע־אסקע) איז געגעבן געוואָרן אינעם יאָר 1744 דעם יאסער ייד שלמה צימ־בלער. אינעם יאָר 1835 האָט אין יאס עקזיסטירט אויך דער יידישער קלעזמער־צעך מיט אן אייגעניעם סטאראָסטע. דער אָנפירער פון צעך און איר לעגאלער פאָרשטייער איציק צימבלער, איז בשעתו באטראכט גע־וואָרן ווי אן אמתער נאציאָנאלער טרובאדור.

די מינדלעכע טראדיציע האט אויפגעהיט דעם נאָמען פון א וועלוול דער גרויסער, וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע גאָלדפאדן מוזי־קער און האָט איינשטודירט מיט די אקטיאָרן די מוזיק צו גאָלדפאדנס „די באבע מיטן איניקל“.

א פאָפולערער יידישער קלעזמער אין דאָראָהאָיער און באָטאָשאנער געגנט איז געווען חנא, וועלכן אונדזער יעקב גראָפער, האָט אין זיין פאָעם „סביבה“ אזוי דערמאנט:

וי סע קלייבט צו מיר קיין שלאָפן
קומט מיך חנא קלעזמער שטראָפן:
חנא מיט די זיי׳ו׳עס אלע
ביז צו פרעהן לויטער סמאָלע...
מיט דעם זיידן וואָס דעם פידל
מיטגענומען אין גן עדן.

קינדער נאָך, פון אויס די וויגן
טאנצן זיי שוין און זיי שפילן.

שפיל זשע קלעזמער,
זיין, הייסט שפילן.

איינער פון זיי זאָגט רעב אלי
יאָרנלאנג אין דער קאפעליע
אי א פידלער אי א שפילער
און נאָר יידיש ריידן וויל ער.

רעדט נישט ער, נאָר מער דער פידל
פרייט זיך גוי, דערפרייט דאָס יידל
חתן מאָל, ניי יאָר קיין סברה
פלאמט א טאנץ שוין, דרייט די האָוט.

קומט רעב מאירל אין לאנד
הנא ׳מ פידל אין דער האנט
ציפט די סטרונעס, פרוווט א לידל
פידל... וואָרט, זיין וואָרט ווערט פידל.

באָרד און פידל אויף איין הויך
און דאָס קול נאָך העלפט זיי אויך
בייגט דעם קאָפּ ער אויף א זייט
האָרכן נאָענטע, שווייגט די ווייט.

פידל יאָמערט, שמיטשיק, פריטשיק
ווי די אויגן וואקסט דער שמיטשיק
ווייסלען וואקסן, סטרונע סאָפּעט.
און מיין אויג אין אים זיך טאָפּעט.
שיין, געשטרעקט וואָס ניט זיין גלייכן;
אויסגעבאָדן אין די טייכן.

דער באַרימטער רומענישער מוזיקער זשאָרזשע ענעסקו, דערמאָנט ערגעץ אז א יידישער קלעזמער האָט אים, דער ערשטער, געגעבן א פידל אין די הענט, היות ענעסקו איז געבוירן אין יאָר 1881, אין ליטעני, דאָראָ־האָיער געגענט, אין דער זעלבער סביבה און צייט ווען חנא האָט גע־

לעבט און געשפּילט, איז גאַנץ מעגלעך אַז ער, חנא, איז דער יידישער קלעזמער וועגן וועלכן עס דערמאַנט זשאַרזש ענעסקו. אגב האָבן מיר אַלטע דאַראָהאָיער יידן באַשטעטיקט אַז, וויפל מאָל ענעסקו פלעג דאָרט קאָנצערטירן, האָט חנא נישט פאַרפעלט אַ קאָנצערט און ענעסקו האָט ניט פאַרגעסן אים געבן־כמעט מיט געוואַלד אַ גוטן פּדיון.

יידישע קלעזמער־טיפּן האָבן אויפגעוועקט אינטערעס בא רומענישע שרייבער ווי נ.נ. בעלדיטשעאַנו, קאָנסטאַנטין סטערע, עמיל נ. גריגאָראַוויצא א. אַנדערע.

ס'איז כמעט נישט געווען אַ שטאָט אָדער שטעטל אין דער מאָלדעווע אָן יידישע קלעזמער. באַקאַנט זענען געווען די פּאָלטיטשענער, באָטאָשאַנער, גאַלאַצער און יאַסער קלעזמער. די פּראָפעסיע פון קלעזמער פלעג איבערגיין פון'עם פאָטער צום זון, צום אייניקל, צו גאַנצע משפּחות, דורותוויז.

אַזוי דערקלערן זיך די באַרימטע קלעזמער און מוזיקער משפחות פון די פּסנתירס, לעמיש'עס, ליוויקס, דיאַמאַנטס, בוגיטשעס א. אַנדערע. דאָס רוב פון זיי געשולטע און באַגאַבטע, זענען געוואָרן באַרימט און האָבן אָנגעפירט מיט מיליטערישע און ציווילע מוזיקאַלישע פאָרמאַציעס, אין לאַנד און חוץ לארץ.

ט.ט. בוראַדאַ אין זיין „געשיכטע פון טעאַטער אין דער מאָלדעווע" 1915. ב'1, ז. 339, גיט אָן דעם נאָמען פון י. (צאַלעק, איציק,) לעמיש אַלס ערשטער פידלער און ב. (בערל) לעמיש אַלס צווייטער פידלער, אין דעם אָרקעסטער פונעם יאַסער נאַציאָנאַל־טעאַטער, אָנגעפירט פון אַלעקסאַנדער פלעכטענמאַכער, אין יאָר 1846.

בערל לעמיש איז אין 1857 קאַפּעלמייסטער פון אַן אָרקעסטער וואָס באַשטייט פון 12 קלעזמער. פון אַן אַפיש וועלכן מיר האָבן פאָטאָקאָפּירט, דערוויסן מיר זיך אַז דער זעלבער בערל לעמיש מיט זיין אָרקעסטער, באַטייליקט זיך אין מאַטעי מילאָ'ס טרופּע און שפּילט ווי אָווערטורן, אַנטראַקטן, די פּאַסיקסטע און שענסטע האָרא און פּאָטפּוריעס פון דער רומענישער פאָלקס־מוזיק, אין 1871.

חיים לעמיש מיט זיין אָרקעסטער, באַגלייט אין די יאָרן 1892, 1895, צוויי טורנעען מיט קאָנצערטן פון יידישער פאָלקס־מוזיק, אין וועלכע ס'עבאַטייליקן זיך יונגע יידישע זינגער און זינגערינס, צווישן וועלכע די שפּעטער באַקאַנטע אַקטריסע ראָזאַ ראָזענשטיין־זיגלער און רעגינאַ סימאָוויטש.

אברהם־וואָלף לעמיש פון באַקוי, מאָלדעווע, איז באַוווּסט סוף פאַריקן יאָרהונדערט מיט זיין אָרקעסטער אין וועלכן ס׳האָבן געשפּילט ייִדן מיט ציגײַנער.

מיללאָ לעמיש איז אַ באַרימטער זינגער און פידלער. ער פירט אָן זיין אָרקעסטער אין דער טרופּע נ. לוקיאַן בעת איר טורנע פון אָפּערעטן און וואָדעווילן אין קישינעוו, אין 1868־1869.

אַרמאַנד לעמישאַנאָ (רומאַניזירט פון לעמיש) איז ערשטער טענאָר אין דער פּראַגער „גרויסער אָפּערע" און האָט גרויס דערפאָלג אין גאַלאַץ און בכלל אין רומעניע, מיט זיינע קאָנצערטן אין יאָר 1895.

די מוזיקער־משפחה בוגיטש, ציילט מיטן אור־אייניקל דומיטרו בוגיטש, פיר דורות אינסטרומענטיסטן. דער נעסטאָר פון די ייִדישע מוזי־קער אין רומעניע דוד בוגיטש האָט געלעבט אין בוקאַרעשט. אַ פאָטאָ־גראַפיע (אַ בילד מיט וועלכן מע פלעג זאַמלען „די קעטע" מיטן טעלער, געפינט זיך אין מיין רשות און דאַטירט פון סוף פאַריקן יאָרהונדערט. דעמלט פלעגן די בוגיטשעס, (די קאַפּעליע איז באַשטאַנען פון די בנים און קרו־בים) אַרומפאָרן איבערן לאַנד און אין אויסלאַנד, איבער די באַלקאַן־לענ־דער, בולגאַריע, גריכנלאַנד, טערקיי, באַזונדערס אין איסטאַמבול.

די ליוויקס (באַקאַנט ווי די ברידער סגל, זענען די מוזיקער פון אונדזערע יאָרן), ווי די בוגיטשעס, אַלע יאָרן פאַרבונדן מיטן ייִדישן טעאַטער פון רומעניע ווי קאָמפּאָזיטאָרן, קאַפּעלמייסטערס (דירי־זשאָרן) און גוטע מוזיקער. איינער פון זיי, בערל סגל, האָט זיך באַזונ־דערס אויסגעצייכנט אַלס קאָמפּאָזיטאָר צו ייִדישע קלאַסישע פּיעסן און רעוויס, אין ייִדישן מלוכה־טעאַטער.

וועגן מערקווירדיקן פאָלקסזינגער און צימבלער יעקב פּסנתיר און יעקב יונה דיאַמאַנט, זייערע אויבן אויסגערעכנטע מיטצייטלער, ווילן מיר באַהויפּטן אַז זיי, אַלע, האָבן געהאָלפן דעם פאַנאַנדערבלי פון ייִדישן און אויך ניט־ייִדישן מוזיקאַלישן און פאָלקלאָרישן אוצר אין רומעניע, אפילו ווען מיר קאָנען דערווייל, ניט אָנווייזן ביי יעדן איינעם זיינע מוזיקאַלישע, אינסטרומענטאַלע ווערק.

מיט אונדזערע פּראָפילן זענען מיר אויסן, אַ באַשיידענעם ביי־טראָג צו דער רייכער געשיכטע — דערווייל ניט גענוג אויסגעפאָרשטע — פון ייִדישער מוזיק אין רומעניע.

מאָלט אייך אויס אַ קאַפּעליע אין דער מאָלדעווע, צוריק מיט 100 יאָר. דריי — פיר ייִדישע קלעזמער שפּילן אויף פידלען, אַנדערע ווידער

בלאָזן מיט כח און כעס אויף פלייטן. אין מיטן־דער קאפעלמייסטער, דער יידישער מוזיקער מיללאַ לעמיש.

ער איז א הויכער, איידלער מאן, א צארטער מיט שווארצע אויגן, לאנגע, טונקל־שווארצע האָר און טראָגט א שליאפע אָדער קושמע־לויט דעם וועטער און צייט ווען ער וואנדערט מיט זיין קאפעליע. געקליידט איז ער ווי א „דייטש".

לעמיש שפילט... דער קאָפּ מיט געקרייזלטע האָר און גרויסע ברע־נענדיקע אויגן, שטייען נישט א רגע. די האָר טרייסלען זיך, די ווינקלען פון זיינע ליפּן באוועגן זיך און די נאָזלעכער אָטעמען אלץ איין און אויס, לעמיש שפּילט.

סארא ליידנשאפט אין זיין הארץ און הענט. א דור האָט ער מחיה געווען, הן בא קערמעשלעך און בא גרעסערע הוליאנקעס הן בא שמחות און חתונות. מע פלעג זיך ארייַנלאָזן אין ווילדן טאנץ אונטער זיינע פארכי־שופטע מעלאָדיעס. ניט געווען א שמחה אָן אים. ווען לעמיש פלעג שפילן, פלעגן יונגע מוזן טאנצן, עלטערע לייט פלעגן קריגן ספרוזשינעס אין זייערע פיס און אלטע, פלעגן כאָטש הייבן די פיס צום טאקט און זיך דער־מאנען אין די יונגע יארן. די גאָר אלטע לייט פלעגן כאָטש רירן מיט די פיס, צוקוקנדיק מיט א שמייכל צו דער וויווענדיקער יוגנט.

די אלטע באַיארן (פריצים) וועלכע פלעגן פאר מינדסטן פּעלער לאָזן שמייסן „לא סקארע", אויף די שטיגן, פארן פריצישן הויז, זייערע לייב איי־גענע ציגיינער און טרייבן יידן פון אָרט צו אָרט, בארויבן און ממיתן זיי, פלעגן זיך ממש צעגיין פאר תענוג, ווען עס פלעג זיי שפילן און זינגען מילאַ לעמיש.

מע האָט אים ממש אויף די הענט געטראָגן, פון איין עק לאנד צום צווייטן. סארא אָפּקלאנג אין די הערצער פלעגן האָבן די דאָינעס און ראָ־מאנצן, די אנדערע פאָלקסלידער. ער פלעג זיי שפילן צומאָל געדעמפּט און ארייַנלייגן אין זיי א שטיק אייגענע נשמה, דורותדיקע יידישע ליידן...

מילאַ לעמיש איז געווען א קינד פון דעם אָרעמען יידישן יאס ווו סע האָט געבליט טרובאדורן ליד און לייד. אין דער רומענישער ליטע־ראטור פירט פארביי אונדזערע אויגן זיין לעבעדיקע, רעאלע פיגור און אויפטו, דער שרייבער קאָנסטאנטין סטערע, דער מחבר פון א מער־בענדיקן מעמוארן ראמאן אונטערן טיטל: ערב דער רעוואָלוציע דערציילט סטערע וועגן לעמישן, אין צווייטן באנד ז' 18־20, פאָלגנדעס:„... דער קלעזמער לע־

מיש, דער באַרימטער קלעזמער פון אַמאָל, וועלכער האָט תמיד אַ זאַק מיט ידיע־ות וועגן די געשעענישן פון אַלע פּריצישע הייף, וואָס ער פלעג אָן אויפ־הער באַטרעטן, האָט אויף די פּריצימס באַשטעלונג, אָנגעהויבן שפּילן אַ „האָר־רע״.ביי דער געלעגנהייט, האָט זיך דער קלעזמער לעמיש איבערטראַפן און אַרויסגערופן אַזויפיל באַגייסטערונג, ענטוזיאַזם, אַז נאָך דער האָרע האָט דער פּריץ פּעטראַקע באַרסיאַנו פון באַראַסעני, פאַרגעסנדיק אין זיין יחוס־טיטל „מאַרשאַל פונעם אַדל פון דער צאַרישער אימפּעריע״, באַפוילן:

— ברע, לעמיש ברודער, זאָג אונדז אַ מאָלדעווישע דאָינע, דו ווייסט שוין... ווי אַ טשאַקאַרליע. (ביי די מאָלדעווער, איז אָט דאָס ליד אויך אַ מין האָרע י. ש.).

אין סאַלאָן, נאָכן שפּילן די דאָינע, האָט לעמיש אָנגעהויבן זינגען מיט זיין זיסער, פאַרכאַפּנדער טענאָר שטימע, רומעניש פאָלקסלידער, ראַמאַנסן, אַלעקסאַנדריס לידער, באַזונדערס די צו וועלכע עס האָט געשאַפן מוזיק דער יידיש רומענישער מוזיקאַלאָג און קאָמפּאָניסט מאָוריטשיו קאָ־הען־לאַנאַרו.

לעמישעס רעפּערטואַר האָט אַלעמאָל געמאַכט אַ רושם, סיי אין די פּריצישע הייף, סיי ביי די פּויערישע שמחות אין בעלץ, קישינעוו און אין די אַרומיקע דערפער.

וועגן לעמישן האָט געשריבן באַגייסטערטע זייטלעך אַפילו אַזאַ צורר היהודים ווי פּאַוועל אַלעקסאַנדראַוויטש קרושעוואַן, ימח שמו, אין זיינעם אַ ראָמאַן א.ט. „מיליאַנען״ וואָס איז דערשינען אין אַן אַלמאַנאַך פון מאָסקווע, אין 1903. אויף זייטל 360 פונעם דערמאַנטן ראָמאַן, באַשרייבט ער אַ באַל אויף אַ גוט, פון דער פּריצישער משפּחה ראַדאָוועאַנו אַרום 1880 יאָר:״...

די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן אויפן באַלקאָן. דאָס איז געווען דער אָרקעסטער פונעם גוט־באַזיצער מיליוטין, בראש מיטן זינגער פון מאָל־דעווישע ראָמאַנסן מילאַ לעמיש. „ווייטער אויף זייטל 371, שרייבט ער:„... אויפן באַלקאָן האָט לעמיש געזונגען אייניקע קופּלעטן אויף מאָטיוון פון האָרעס, וועלכע פלעגן אָנהייבן מיט די ווערטער: „אָף, אָף, אָף, סופּלעטע, אָף און אוי, אוי, נשמהלע, אוי״ י.ש.).

די האָרע האָט נישט לאַנג געדויערט, נאָר ביז די אַלטע פּריצע העלענאַ איוואַנאָוונאַ ראַדאָוועאַנו, האָט אָנגעהויבן ווישן זיך די טרערן״.

אַרום 1877, פלעג מען אין יענע קאַנטן זינגען מיט באַגייסטערונג, פאָלגענדע לידער, זיכער פאַרשפּרייטע פון מילאַ לעמישן: דאָינע, „אויגן

צווײ״ און „איך וויל שטארבן מיט דיר״. שרײבנדיק וועגן דער „דאָינע“, דערמאָנט ער ווידער אין מילאָ לעמישן.

זאַמפיר ק. אַרבאָרע, אַ פאָרגעשריטענער מאָלדעווישער שרײַבער האָט נאָך פאַרכאַפּט מענטשן, וואָס האָבן געקענט לעמישן, וועלכער פלעג זינגען אַלטע מאָלדעווישע פאָלקסלידער, בענקשאַפט לידער און דאָינעס, האָרעס, מיט זײַן מאָלדעווישן אָרקעסטער פון יאַס. ער פלעג שפּילן אויפן פידל און בעת ער פלעג זינגען, פלעג ער האַלטן דעם פידל אין דער האַנט אַן זיך אוועקשטעלן פאַרן אָרקעסטרער.

ווי מיר האָבן געזען, זענען די לעמישעס, טרעגער פון יידישער און רומענישער נאַציאָנאַלער מוזיק. כדאי צו דערמאָנען אײניקע קאָמפּאָזיציעס פון זעליק איציק לעמיש, דער פאָטער פון מילאָ לעמיש, נעמליך דעם „נאַציאָנאַל קאַדריל״ און „גאָלדפּאַדען מאַרש“ וואָס זענען אַ לאַנגע צײַט געשפּילט געוואָרן אין גאָרטן „זשיגניצאַ“ פון בוקאַרעשט, פון „דעם באַריהמטען אָרקעסטער אויס יאַססי, אונטער דער לײַטונג דעס בעריהמטען אַרטיסטען זעליק איציק לעמיש אונד זײַן זאָהן מיללאָ,“ ווי מיר לײענען אין בוקאַרעשטער „יידישן טעלעגראַף“ נומער 284 פון 30 אַפּריל 1878.

די לעמישעס, באַגאַבטע און געשולטע מוזיקער, האָבן אויך געהאָלפן אויפהיטן און אַנטוויקלען דעם מוזיקאַלישן און פאָלקלאָרישן אוצר אין רומעניע.

יידישער טאַנץ אין רומעניע

די ראַבוסטקע וויטאַליטעט פונעם רומעניִשן ייִדן, דריקט זיך אויס אויך אין זיין ליבע צום טאַנץ. שבתים און יום טובים, אויף חתונות און אַנדערע שמחות, איז טאַנץ אַן עיקר אויסדרוק פון פרייד:

„הוליע קבצן, טאַנץ דעב פייוול!
הייב די פּיאַטעס, רייס די שיך!
מאָרגן כאַפּט דער רוח דעם פּידל אָדער דיך!"

אַט אַזוי האָט אונדזער אליעזר שטיינבאַרג באַזינגען די פרייד פון טאַנץ, אין זיין ליד „דער טאַנץ".

פאַרשטייט זיך אַז מייִנסטנס טאַנצט מען ספּעציפיש ייִדישע טענץ ווי „אַ ברוגזל", וועלכן עס פלעגן טאַנצן ייִנגלעך מיט מיידלעך־פּאָרלעך: אַ ייִדישע האָפּקע־ אַ טאַנץ אַזאַ ס אָ ל אָ, פון איינעם אליין, אַ יינגל אָדער אַ מיידל, און ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ הייסער, אימפּעטיקער, צעוואַלגערטער און שטאַרקער. דער ייִנגער עולם פון אָרום האָט געפּאַטשט אין די דלאָ־ניעס, צוגעטופּעט מיט די שטיוול, אונטערגעהעצקעט די טענצערין. די „אַלטע וואַמע" איז דער ייִדישער נאָמען פון דער גאַס ספּענטול לאַזאַר אין יאַס.

„האָפּ, האָפּ האָפּ,
גיטל פון דער אַלטער וואַמע טאַנצט!"

דאָס איז אייגנטלעך אַ ייִדיש דריידל. אַנדערע ייִדישע טענץ ביי רומע־נישע ייִדן זענען געווען „אַ פריילאַכס", „שער", ביי־געלע" און אַנ־דערע. ווען עס האָבן נישט געקלעקט די אייגענע טענץ, האָט מען איבער־גענומען פונעם רומעניִשן פאָלקס־טאַנץ אוצר: „אַ וואַלעך", אַ „זשאַק";

פונעם אוקריינישן א „קאָזאַטשקע“; פון די אַלגעמיין פאַרשפּרייטע טענץ:„ א פּאָלקע“, א קאַדריל א. אנד.

וועגן אָט דער פרייליעכקייט פון טאַנץ ביי רומעניש ייִדן, און וועגן דער באַציונג צום טאַנץ מצד די היגע רבנים און נגידים, האָבן מיר באַשרייבונגען פונעם 15 טן יאָרהונדערט. מהר״י ווײַל גיט איבער, אַז“ אין דאָנאַו־געגנט, פּלעגן ייִדן יום־טוב, לאָזן שפּילן ביי זיך קריסטלעכע קלעזמער און טאַנצן, אָבער די רבנים זענען געווען דערמיט שטאַרק אומצופרידן“

די“חשובע פּרנסים״, די באַשיצער פון די געטאָס, האָבן אפילו פאַרבאָטן צו גיין מיט כלי, זמרים, איבער די גאַסן באַנאַכט. אַזאַ מין פאַראָרדענונג, איז צו געפונען אין דעם סטאַטוט פונעם קראָקעווער קהל, וואָס שטאַמט פון יאָר 1595: „מע זאָל נישט מיט כלי־זמרים איבער די גאַסן גייען בלילה“.

אין“קיצור שולחן ערוך“ פון שלמה גאַנצפריד, קאַפּיטל ה: “א טייל פון די מלאכות, (48 בסך הכל) וואָס מע טאָר נישט טון אום שבת“. דער פּאַראַגראַף 87 (פון 97 בסך הכל) קלינגט אַזוי: מע טאָר נישט אַרויסברענגען קיין שום קול און געזאַנג דורך אַן אינסטרומענט אָדער מיט די הענט.“

אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער און דראַמע“, ערשטער באַנד, 1930, זז׳ 452־454, געפינען מיר אינטערעסאַנטע דאָקומענטאַציע, צום ענין חרם אויף טאַנץ און פאַרווײַלונג. ר׳ ידידיה ווײַל׳ס קאַמף קעגן מאַסקעראַדן און טענץ אין קאַרלסרוע, אייגנטלעך קעגן געזעליקייט אין דייטשן געטאָ, סוף 18־טן יאָרהונדערט. ער האָט דער רעגירונג איבערגעשיקט א בקשה, אין וועלכער ער בעט „שוץ און הילף אין קאַמף קעגן די פאַרווײַלונגען אין זײַן קאַרלסרוער קהילה.“ די סיבה פון חרם זאָל זײַן כלומרשט פאַרהיטן די מאָראַל... „קעגן דער פאַרדאַרבונג פון די זיטן“, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן דער היגער ייִדישער יוגנט און די מאַטעריעלע לאַגע „ווען א ייִד האָט גענוג זאָרגן ווי אַזוי זיך צו דערנערן און צו פאַרדינען „אויף זײַן ברויט׳ טאָר קיינער נישט פאַרשווענדן זײַן געלט.(...) ווײַל די באַציונגען צווישן מאַנספאַרשוינען און פרויען געהערן צו לוסטבאַרקייטן, א פּשיטא נאָך־ ווען דער גייסט ווערט אויפגעפלאַמט קאָן ער ברענגען צו זינד“. ענלעכע פּרטים גיבן אָן די בוקאַרעשטער מייסטער באַלעבאַטים פון ווערקשטאַטן, אין אן אַנ־

קלאגע קעגן זייערע ארבעטער־געזעלן לערניינגלעך און לערנמיידלעך, סוף 19־טן יאָרהונדערט ווי מיר וועלן שפּעטער, פּרטימדיק באַווייזן.

שווער האָט דער רומענישער ייד געהאָרעוועט פאַרן שטיקל ברויט. אָפט האָט איבער אים געהאַנגען די סכנה פון גירוש, אָבער אז עס איז געקומען שבת־צייט, א יום־טוב, א פאמיליע־שמחה באזונדערס בעת חתו־נות, אָדער פורים און חנוכה־צייט, מיט א גלעזל אָדאַבעשטער אָדער קאָטנארער וויין, ביי א פיין געדעקטן טיש מיט גוט עסן, איז די פריילעכ־קייט געוואָרן א קאָלעקטיווע, א לויטערע, א פרישע און געזונטע. רומעניע שמט אויף דער וועלט מיט אירע גוטע מאכלים און ווייגען. און אז ס'איז פריילעך אויפן הארצן, ווילט מען זיך און מע לאכט. דערצו העלפן די לצים וויצלער, וועלכע מאכן פריילעך מיט קאָמישע מאָנאָלאָגן און געפעפערטע וויצן, אונטערהאלטן דעם עולם מיט זייער הומאָר און קאַטאָוועס טרייבן; די קינצנמאכער, בדחנים, און פריילעכע שפּילער זענען משמח דעם עולם. אָט די אלע פאַרווײלער גיבן אכטונג אז די שמחות זאָלן זיין פאַרביק און לעבעדיק, דער עולם זאָל פריילעך זיין.

צוליב די פלאָיעשטער און ראָמאַנער יידן וועלכע ווארפן די קוטש־מעס בעת זיי טאנצן, באַגלייטע פון נישט יידישע קלעזמער, אום שבת, ווערן די פרומע רבנים אויפגעציטערט: סטייטש. מע גייט אראָפּ פון דרך הישר, און זיי גיבן ארויס אן איסור, א פאַרבאָט! א רומעניש־יידישער קוואַל, אנטפּלעקט אזא מין אסור. „די געשיכטע פון דער פלאָיעשטער קהילה" לויט שריפטלעכע קוואלן און מינדלעכע דערקלערונגען מיט א צוגאָב וועלכער אנטהאלט" אָריגינעלע דאָקומענטן" פון ישראל שאַפּירא, מיטגליד פון דער היסטאָרישער געזעלשאַפט „יוליו באַראַש", 1889, אָפּגעדרוקט אין די „אנאַלן" (יאָרביכער) פון דער היסטאָרישער געזעלשאַפט „דר. יוליו באַראַש", דריטער יאָרגאנג, ערשטע און צווייטע בראָשור, זייטל 28־29: זאָגט זיך"... אין אלע שבתים און אלע יום־טוב טעג, באַגלייך מיט די רומענער זונטיק און אין זייערע יום־טובים, פלעגן זיך פאַרזאַמלען אלטע און יינגע, מענער און טאנצן" „האָרע" ביזן אָוונט, ביי א סקריי־פענדיקן פידל".

קומענדיק קיין פלאָיעשטי, איז דעם רב מוידל, אויסגעקומען שווער צו קעמפן קעגן אָט דעם מנהג. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן אָבער ד'ערביי האָט א גרויסער טרויער אלע ארומגענומען, אוז זיי האָבן געזאָגט אז „דערמיט האָט מען זיי פאַרשניטן די יום־טובדיקע פרייד." צו אָט דער ידיעה וועל־כע מיר האָבן געגעבן איבערגעזעצט פונעם רומענישן טעקסט, גיט צו משה

שווארצפעלד פאָלגנדיקן קאָמענטאַר: „היות אָט דער מנהג איז געווען א בולטער עובר הדין, האָבן די פּלאַיעשטער רבנים זיך באמיט מע זאָל אָפּ־שאפן אָט דעם מנהג ווי אויך אנדערע, ווייניק פּאסיקע צו דער הייליקייט פון יום טוב שבת.“

אין דעם בוקאַרעשטער „היועץ“ נומער 247 פון 11 אָקטאָבער 1880, איז אָפּגעדרוקט א פּראָטעסט קעגן די „קאַמפּלעטן“ טאַנצפּלעצער, ווו מע טאַנצט...„ ווייל די יונגעלייט ברענגען צו די גאַנצע נאכט מיט טאַנצן און מיט הויך מאכן, אַם צווייטן טאָג, איז ער נישט אויסגערוט און שלאָפט ביי דער ארבעט, און דער אָרעמער מייסטער נעבעך, מוז דורך אים פאַרלירן, אַנשטאָט געווינען. די אָרעמע שניידערס וואָס באהעלפן זיך מיט מיידלעך, גייט עס אויך נישט בעסער־קורץ די קריטישע לאַגע וואָס דורך דעם קאָמ־פּליעט קומט ארויס, איז צום באדויערן.

מייסטערס ווערן באַטראָגן ווייל די געזעלן ארבעטן פאַרשלאָפן. די יונגעלייט ווערן פאַרדאַרבן און לידערליך (אויסגעלאַסן י. ש.) די מיידלעך באַקומען נאָך א שלעכטן שם. „געחתמעט מ׳ק.

מאָדנע זענען די „הזהרות יקרות“ פון „ספר זכרון צדיקים“ גע־דרוקט אין 1936, פונעם רב מנחם זעליג שווארץ פון אַפּאַכידא זז׳99:“... אינדעם די עבירה פון טאַנצן בחורים ובתולת צוזאַמען זייער גרויס און הארב איז, דען ערשטנס איז דער לאו פון גלוי עריות מן התורה און דאָס ארומנעמען און מנשק זיין“. ווייטער שרייבט ער, דער רב זעליג שווארץ „אויסער דעם קומט מען נאָך צו אנדערע עבירות וואָס דאָס פייער פון יצר הרע איז גורם“ און לויט דעם מחבר, קאָן מען דאָס נישט פאַרהיטן „נאָר מ׳ע זאָל גאָר קיין טאַנץ מאכן אפילו אין דער נאכט פון דער חתונה, דאָס הייסט חתן־מאָל זאָל מען נישט מאכן, און ווער עס וועט עובר זיין, „וועט געשטאָכן ווערן פון דער גיפט פון א שלאַנג וואָס האָט קיין רפואה“. אָט די „טייערע און זער ניצלעכע דינים“ פון דעם הייליקן גאון וצדיק המפורסם מו״ה משה טייט ־ב אבד״ק אוהעל זל״ה „פּאַסן נישט פאַרן יאָר 1936 נאָר מיט עטלעכע הונדערט יאָר פריער און אפילו דעמאָלט...

אָן ענלעכע מיינונג האָט געהערשט אויך אין דער מיטלאַלטערלעכער, נישט יידישער וועלט. די פאַרבאָטן האָט מען אָבער נישט אָפּגעהיט, און רומעניש׳ע יידן־ווי די יידן פון אנדערע מקומות, האָבן געטאַנצט ווי דער בדחן פון י.ל.פּרצס „ביינאכט אויפן אַלטן מאַרק“ רופט אויס: „טאַנצט, טאַנצט... טאַנצט אריין אין גרויסן טאָג דעם גרויסן טאַנץ!...“

*

מיר האָבן אָנגעוויזן אז געוויסע יידישע טענץ זענען איבערגענומען געוואָרן פון רומענישע פאָלקס־טענץ (א זשאָק, א וואַלאַכל א.א.וו.) און איבערגעפורעמט, איבערגעאַנדערשט אויף א יידישן, חסידישן שטייגער, זענען זיי אריין אין יידישן פאָלקס־טאַנץ אוצר.

רומענישע פאָלקסטענץ וועלכע האָבן משפיע געווען יידישע

איניקע רומענישע פאָלקס־טענץ, האָבן משפיע געווען אויף יידישע טענץ און מנהגים. וויאַזוי איז דאָס מעגלעך געווען? חוץ די אלטע יידישע תושבים אין רומעניע וועלכע האָבן געקאָנט זיין מעגלעכע פארמיטלער צווישן דעם רומענישן און יידישן פאָלקס טאַנץ, האָבן די טענץ אין אלע צייטן, געקאָנט פריי וואַנדערן איינעם מיט די וואַנדער קלעזמער, בעלי מלאכות, שניידער און שוסטער געזעלן, בלעכערס און הויזירערס וכדומה.

צוליב פראָפעסיאָנעלע טעמים, פלעגן זיי קומען אין נאָענטער באַ־רירונג מיט דער נישט יידישער באַפעלקערונג פון זעלבן פאַך און דערמיט איז שוין צוגעגעבן אז טייל טענץ האָבן געקאָנט אנטליגן ווערן אין דעם 19 יאָרהונדערט. די אנטלייונג אָדער די השפעה, איז פאַרגעקומען שוין פון לאַנג זינט צום ביישפיל דעם רומענישן טאַנץ „אונטערן קלייטל־לאָדן״ (Sub poale de dugheană) און „די יידישקע“ (Ovreicuta) און אנדערע.

אויף זייטל 55, פונעם „מאַנואַל דע דאַנסורי נאַציאָנאַלע“ (האַנטבוך פאַר נאַציאָנאַלע טענץ), דערשינען אין בוקאַרעשט 1929, געפינען מיר אזא באַשרייבונג פון דעם רומענישן טאַנץ „אָוורעיקוצאַ סאָו שירימבויול“ (די יידישקע) מוזיק פון געאָרגע אָקי־אַלבי, א באַוווסטער רומענישער מוזי־קער, (1916 — 1870) וועמענס שאַפונגען זענען שוין פון לאַנג א רשות הרבים, פאָלקלאָר.

„.... די טענצער שטעלן זיך אויס ווי צו א האָרע. ערשטער טייל: זיי קערן זיך אום מיטן פנים אויף רעכטס און מאַכן שפרינגענדיקע צוויי שפאַן, ווי די פון גאַלאָפּ, דעם ערשטן מיטן רעכטן פוס, דעם צווייטן מיטן לינקן פוס (איין טאַקט) זיי קערן זיך אום, מיטן פנים אריין, צו דער מיט פון דער האָרע, און מאַכן א פאָלקא שפּאַן צוריק (מיטן רעכטן פוס), פאַר־גרעסערנדיק דעם קרייז, פאַרברייטערן דעם קרייז (איין טאַקט). זיי קערן זיך אויף לינקס, און מאַכן די זעלבע שפּאַן ווי די אויבן באַשריבענע. מע חזרט איבער גענוי אויף רעכטס און אויף לינקס.

צווייטער טייל: די טענצער קערן זיך ווידער אום מיטן פנים אויף רעכטס און מאכן צוויי שפרינגענדיקע שפאן (איין טאקט) בשעת יעדער טענצער האלט די הענט פאר דער ברוסט, מאכט א „מילעכל". (ווי מע לייגט תפילין י.ש.) דאס מיינט דרייען איין האנט ארום דער אנדערער, אבער נאר פארן קולאק. אנשטאט דעם פאלקא־שפאן צוריק, קערן זיך די טענצער מיטן פנים אריין צו דער מיט פון דער הארע, און פאטשן דריי מאל מיט די הענט (איין טאקט). זיי קערן זיך אום מיטן פנים אויף לינקס און טאנצן דאס זעלבע. מע חזרט איבער דעם צווייטן טייל.

דריטער טייל: די טענצער מאכן זעכצן שפרינגענדיקע שפאן אויף רעכטס צו, צוויי מיטן פנים (איין טאקט), צוויי מיט דער פלייצע (אן אנ־דערן טאקט). אלע טענצער קערן זיך אום לינקס צו, און מאכן ווידער זעכ־צן שפרינגענדיקע שפאן, צוויי מיטן פנים, צוויי מיט דער פלייצע. מען קען איבערחזרן דעם טאנץ פון אנהייב אן."

אונדזער קינסטלערין סעווילא פאסטאר, האט דעם זעלבן טאנץ, אויסגעפירט ווי א שלום־טאנץ. איינשטודירט האט זי דעם טאנץ, מיט אן אוקראינישן טאנץ־מייסטער, וועלכער האט בולט ארויסגעבראכט דעם יידישן אינהאלט פונעם טאנץ.

דער טאנץ „די יידישקע" (אורעיקוצא), ווי ער איז אויבן באשריבן, איז אריין אין דעם באשטאנד פון די רומענישע פאלקס־טענץ פון לעצטן פערטל פון נייגצענטן, יארהונדערט און פארבליבן.

די רומענישע יוגנט, האט קענטיק געמוזט נעמען א גאנץ היפשן אנטייל אלס טענצער און מיטשאפער פון אזעלכע טענץ, בשותפות מיט די יידן. אנדערש לאזט זיך נישט דערקלערן זייער ענלעכקייט צו די יידישע פאלקס־טענץ.

אונדזער השערה אז דער טאנץ „אונטערן קלייטל־לאדן" (סוב פאא־לע דע דוגיאנע) איז ענלעך צו א יידישן טאנצליד, שטיצן מיר אויך אויף י.ל.כהן׳ס ארבעט: „צום אויפקום פון יידישן טאנצליד, „ייווא־בלעטער", נומער איינס, באנד 1, יאנואר 1931, זז׳ 28־39. א באמערקונג: י.ל.כהן, איז א פיינער קענער פון יידישן פאלקלאר. מיט זיינע וויסנשאפטלעכע פאר־שונגען פון יידישן פאלקלאר, און אויך א דאנק זיין באהאוונטקייט אין דער אלגעמיינער אייראפעישער פאלקס דיכטונג, האט ער זיך קונה־שם געווען, אלס אן ערנסטער, וואגיקער וויסנשאפטלער. און איצט צום ענין גופא:

י.ל.כהן שרייבט אין דער ציטירטער ארבעט אויף ז.31: וועגן א יידישן טאנצליד וואס שטאמט פון אייבעראונגארן (די הייגטיקע סלאָוואַקיע, דער מעריבדיקער טייל קארפאטן מיט די טאטרא־בערג), און ווערט געבראכט צוזאמען מיט אנדערע פאָלקלאָר נאָטיצן פון א געוויסן לעאָפּאָלד קליין, (אין די „מיטטיילונגען צור יודישען פאָלקסקונדע" 63, ז. 125־128, ווי זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן. אָט וואס דער לעאָפּאָלד קליין זאָגט וועגן א פאָלקס־טאנץ: „שבת בייטאָג קומט זיך די יונגט צוזאמען: זומער אין דרויסן ווינטער אין דער וווינונג פון א פרוי, וואס ווינט אליין. זי לעבט פון דעם וואס די מיידלעך גיבן איר. די עלטערן קאָנען איר די קינדער געטרויען.

אברהם האלט איין ברעג פון א טאשנטיכל אין דער האנט און דעם אנדערן, דערלאנגט ער מרימען, וועלכע הייסט נאָך נישט „פריילין" מארי, פונקט ווי ער הייסט נאָך נישט „העררי" נ.ב. און זיי טאנצן אויף דער פריש געקאַלעכטער ליימענער פּאָדלאָגע".

און אָט פון דעם דאָזיקן פרימיטיוון, פארוואָרפענעם ווינקעלע, ווערט געבראכט דאָס ווייטערדיקע טאנצליד:

"מאיער הייבט דעם ראכטן פיס'
און דעם לינקען שלעפּט ער נוך —
היפּקע אנס און היפּקע צוואַ,
און דערנוך — היפּקע דרא."

„שיין מיט די פיסלעך שאנזשירען
אין ע ביסלע פראַמענירען:
דראַדעל דיך אים גרינען קראנץ,
אין דעם איז דער צעפּערל־טאנץ."

א באשרייבונג, אזא גענויע, איז באמת א גרויסע זעלטנהייט. אונדז אינטערעסירט דער אָנהייב פון דער בשרייבונג ווייל ער איז געגוי דער רומענישער טאנץ וועלכן דער פאָלקלאָר־פאָרשער ט. ט. בוראדא האלט פאר אן אלטן, זייער אלטן טאנץ.

„אונטער קליייטל־לאָדנס", איז אן אילוסטראציע פון די קעגנזייטיקע השפעות. דער רומענישער פאָלקלאָריסט ט.ט. בוראדא באשרייבט אין זיין ארבעט: „פאָרשונגען וועגן רומענישע טענץ און מוזיקאלישע אינ־

סטרומענטן", דערשינען אין "מוזיקאַלישן אַלמאַנאַך" (יאַרבוך), יאַס, 1877, זז׳ 42־58, אַזוי אַט דעם טאַנץ: „...דאָס איז זייער אַן אַלטער טאַנץ. מע טאַנצט אים אין שטעטלעך און דערפער, א מאַן מיט א פרוי, וועלכע האַלטן א פאַטשיילע ביי די עקן, און פון ווען און ווען דרייען זיי זיך צונויף, איניינעמדיק, אונטער דער פאַטשיילע."

ערשטע באַמערקונג מיינע: אַזוי ווי דער פאָלקלאָריסט בוראַדא, באַשרייבט דעם טאַנץ, איז ער ענלעך צו א פויליש־יידישן טאַנץ „א האָנגע"

צווייטע באַמערקונג מיינע: דאָס טיכל ביים טאַנץ וויל הייסן צניעות, אומשולד, מע וויל שאַפן דיסטאַנץ־דאָס זענען השפעות פון א חסידישן טאַנץ׳

דער טאַנץ „האָנגע", איז מיט לעבעדיקע, רירנדע קינסטלערישע מיטלען אויפגעטויכט אין שלמה רויטמאַנ׳ס ליד „ווי מע טאַנצט א האָנגע", דערשינען אין דער וואַרשעווער „פאָלקס שטימע" נומער 179 פון 1964. ס׳איז גאַנץ מעגלעך אַז די וואַנדערנדיקע באַלמעלאָכעס, חסידים, קלעזמאָרים, הויזירערס וכדומה, פון גאַליציע קיין רומעניע, האָבן דעם טאַנץ אַהער געבראַכט. די אַנטלייונג אָדער די השפעה איז שוין פון לאַנג פאַרגעקומען (ביי אַלע פעלקער איז דאָס טאַנצליד, א פראָדוקט פון דער קאָלעקטיווער פאָלקסשאַפונג) און דער דאָזיקער טאַנץ איז אַריין אין דעם באַשטאַנד פון רומענישן פאָלקסטאַנץ.

יידישע טענץ האָבן משפיע געווען אויף די מאַקעדאָנישע טענץ. אויף די חתונות פון די מאַקעדאָנער (געבויער מאַקעדאָ — רומענער וועלכע לעבן אין מאַקעדאָניע, גריכנלאַנד), שפּילט מען א טאַנץ (א יידישן) „אָורעעסקו" און אויף רומענישע חתונות, לויט דער אַרבעט „די חתונה ביי די רומענער", פון דער פאָלקלאָריסטין העלענאַ סעוואַסטאָס, בוקאַרעשט, 1889, זז׳ 282, שפילט מען ביי דער חופה, צווישן אַנדערע טענץ אויך דעם פריער באַשריבענעם טאַנץ „די יידישקע" (אָורעיקוצאַ סאַו שירים־בויול").

לשם אינפאָרמאַציע נאָר, ברענגען מיר א רשימה פון אומבאַקאַנטע רומענישע טענץ, וועלכע זאָלן האָבן א שייכות צו יידן: אָט די טענץ זענען אויפגענומען אויף דיסקן (פּלאַטעס) און געשפילט האָבן זיי די באַקאַנטסטע רומענישע און אויך יידישע מוזיקער פון אַמאָליקן רומעניע: האַרעס: „עמאַנועל, מאַראַמאַאַיקאַ (אויף ציגיינעריש: א יידישקע), „ערנעסטינאַ", עווריאַסקאַ, (די יידישע האָרע (א דריידל), האָרע פון די סוחרים,

און אנדערע יידישע האָרע, שבת צו נאַכטס, פרענקישע האָרע, יודא־האָרע, זשידאָווקוצא, זשידאַנקאַ, א פּאַטשיילע טאַנץ.

סערבינקעס: די יידישע סערבינקעס, די פון די פּוסגייער (אויסוואַנדערער), פון די שוחטים. א הויזירער־טאַנץ און א מין „בוקר־טאַנץ" (דינספּרע זיוא) און די האָרע פון דער פּיעסע מיט יידן־פּיינטלעכע סצענעס „די דאַרפס־פּיאַווקעס". אין שייכות מיט אָט דער האָרע, דערמאָנט דער שרייבער זאַמפּיר ק. אַ ר ב אָ ר ע,: „בעסאַראַביע אין 19־טן יאָרהונדערט", אויף ז. 164, די ווירדיקע האַלטונג פון באַרימטן יידיש־רומענישן מוזיקער און פאָלקסזינגער מילאָ ל ע מ י ש: „...א פּריץ האָט באַשטעלט די האָרע פון די „דאַרפס־פּיאַווקעס", אָבער לעמיש האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן די האָרע. ס'איז געוואָרן א רעש, און לעמיש האָט אַנטשלאָסן געענטפערט" ניין, דאָס נישט! איך וויל נישט!... און האָט די דערמאָנטע האָרע נישט געשפּילט!"

אין די געדרוקטע זכרונות פון יידישע אינטעלעקטואַלן ווערן דערמאָנט רומענישע קלעזמער וועלכע פלעגן שפּילן אויסגעצייכנט יידישע פאָלקס מוזיק ווי: יאָן סטענגע, אונטשיקע, קאָסטאַקע ציגיינער, יאָרגו אנגעל פון פאָלטיטשעני, באַלוצא און מאַרין ווינטילע פון הוש, מאָלדאָוואַ, פלעגן שפּילן אויף חתונות, דעם געוויינלעכן רעפּערטואַר פון די יידישע קלעזמאָרים, אייניקע האָבן גוט גערעדט יידיש, געשפּילט חסידלעך, און אפילו געקאָנט גראַמען ווי א בדחן ווי יאָרגו אנגעל פון פאָלטיטשעני, וועלכן דער באַרימטער מאָלער ראובן רובין, האָט געמאָלט מיט א סך ליבע און דער פּאָרטרעט איז באַרימט געוואָרן, אויך אין די מאָנאָגראַפיעס וועגן רובינען, איז ער דערמאָנט.

איך וויל אויספירן, פון די אָנגעוויזענע פאַקטן אַז: די אויסגערעכנטע טענץ, אינסטרומענטאַלע שאַפונגען, זענען מעגלעך די שאַפונגען אויך פון יידישע מוזיקאַנטן ווי לעמיש, פּסנתיר, דיאַמאַנט, פינקעלשטיין און אנדערע אָנפירער פון געמישטע יידישע מיט ניט יידישע קאַפּעליעס. אויך רומענישע קוואַלן דערמאָנען זיי. פון א שטודיע „די הכנסות און הוצאות פון א גרויס פּריציש הויז פון יאַס, אין יאָר 1816, דאָס הויז ראָסעט ראָזנאָוואַנו" געשריבן פון באַקאַנטן רומענישן פאָרשער און היסטאָריקער געאָרגע אונגורעאַנו, דערשינען אויף רומעניש אין „שטודיעס און אַרטיקלען פאַר געשיכטע", בוקאַרעשט 1956, ציטירן מיר פון ז' 134: „...אויך אין הויז פון פּריץ ראָזנאָוואַנו פאַרברענגט מען נישט אָן מוזיק, צום נייעם יאָר קומען דריי ער ליי קלעזמער און פינף ערליי מוזיקער און אפילו דער טערקישער אָרקעס־

טער פונעם פרינצ׳ס הויף״עס שפילן צוויי קאפעליעס: פון יידישע און דייטשע מוזיקאנטן.“

אויב א גאנצע קאפעליע יידישע מוזיקאנטן שפילן ביי א שמחה פון אזא גרויסן פריץ, באווייזט דאָס ווי טיכטיק, ווי אַנגעזען ס׳זענען געווען, די יידישע מוזיקאנטן מיט הונדערט פופציק יאָר צוריק!

סוף פון פאַריקן י״ה זענען אין דער מאָלדעווע באַרימט געווען די מוזיקער־טשפּחות פון די ליוויקס, די בוגיטשעס, די ליטמאנס און אין בוקאַרעשט די פאולמאנ׳ס, דיאמאנט׳ס, סעגאלעסקו׳ס און אנדערע. פארשטייט זיך אז זיי פלעגן אריינברענגען, אריינפירן יידישע ניגונים און גלייכצייטיק זיך אָננעמען מיט נישט־יידישן פאָלקלאָר פון דער יידישער און נישט יידישער סביבה ווו זיי פלעגן שפילן אויף חתונות, שמחות, אין דערפער, אין פריצישע הייף, אין שטעטלעך און שטעט, פריצישע גיטער און אפילו אין לאנגע טורנעען מחוץ די גרענעצן!

רומעניש יידן זענען ווייניק וואָס געווען סאָציאַל דיפערענצירט, אין 19־טן י״ה. קליינע סוחרימלעך, באלמעלאָכעס, און קלייט־ייִנגלעך, (אין די באלמעלאָכעשע קרייזן, פלעג מען זיי רופן „די קוימענקערערס״), פלעגן זיך צונויפקומען, מאכן שבת קאָמפּלעטן. טאנצן. דאָס פלעג אָפּטער פאָרקומען אין דער היים פון די באקאנטע מיידלעך זייערע, אָדער אין טאנץ שטיבער. אין דער פאָן זענען געשטאנען די בלעכערס, מאָליערס און שוסטערס־פריילעכע מענטשן!

צום קאפּיטל יידישער טאנץ אין רומעניע געהערט אויך דער טאנץ־רעפּערטואר פון די חסידים אין רומעניע.

איניינעם מיטן דיריגענט ה. שווארצמאַן און שוישפּילער יעקב מאנסדאָרף, בין איך בייגעווען די חתונה פון שיינע־רחל די נעפּאָטע (קוזינע), בת בני הרב מר יעקב־דוד פרידמאַן פון פּאַשקאַני (מאָלדעווע), מיט ברוך, דער זון פון רב דוד שפּערבער פון בראַשאָוו, וועלכע איז פאָרגעקומען מיטוואָך 23 יאַנואַר, 21 שבט תש״ו, 1946, אין בוקאַרעשט. דער מוזיקאליש־כאָרעאגראפישער רעפּערטואר פון די חתונה געסט, מייסטנס רבנים און חסידים, איז באשטאנען פון פאָלגנדע נומערן, וועלכע מ׳האָט געשפּילט, געזונגען און אויסגעטאנצט. באָריס (בערל) סעגאל (הייַנט אין קאנאדע, א 95־קער עד מאה ועשרים) איז אין זעלבן אָוונט געווען פידלער, דיריגענט און בדחן באגלייך אויף דער רבנישער חתונה: אָט זענען די נומערן:

1) „די כוסות.‟

2) „אשת חיל‟ (א געבעט פון פרייטיק צו נאכטס, א לויב דער כלה.)

3) „צבי, צבי,‟ (פון אפריכטן „חצות‟, ווען מע זאגט קלאג־לידער אין האלבער נאכט אויפן חורבן פון בית המקדש. „צבי, צבי‟, מיינט מען ארץ ישראל.)

4) ונשגב ה׳ לבדו ביום ההוא‟ (אין יענעם טאג וועט אייעדער אנ־ערקענען ווידער, אז גאט איז אלמעכטיק, ווערט געזאגט ביים ארויסנעמען א ספר תורה.)

5) „ויהו‟

6) „זה דודי‟ (פון שיר השירים. דאס איז מיין געליבטער, מיין חבר.)

7) „בואי בשלום‟ (פון די פרייטיק־צו־נאכטס געבעטן — די מלכה שבת זאל קומען אין פרידן.)

8) „שבת‟ (א טאנץ.)

9) „א מצווה־טענצל‟ (ס׳איז א מצווה צו דערפרייען די כלה. גע־טאנצט האט מען דאס מצווה־טענצל אנגענומענע ביי א טיכל.)

10) „רינה, דיצה וחדוה (פון ישעיה הנביא), ביי די ברכות, ווען מען איז מסדר קידושין.)

11) „פלגי מים‟ (פון גשם־בענטשן), ליד פון פרייד, שפע.

12) „זשאק‟

13) „א דודע‟

14) א „וואלעך‟ און אנדערע לידער און טענץ. ווי (שר־טאנץ, בוקר.

וויפל ס׳האט געדויערט די חתונה, זענען די פרויען געזעסן אין א באזונדערן חדר. די שמחה איז געווען גרויס און אפילו די וועלכע האבן געהאט שטולן, זענען געשטאנען. נישט געקוקט אויף דעם גרויסן געדרענג געניש, האט מען געגעסן נישט נאר מיט לעפל ווי דאס פאלקסליד דער־מאנט:

„ווער עס האט נישט קיין שטול,
שטייט ביי דער וואנט;
און ווער עס האט נישט קיין לעפל,
עסט מיט דער האנט.‟

נאָר מען האָט געגעסן פײַן געקאָכטע, טראַדיציאָנעלע ייִדישע חתונה מאכלים, מיט זילבערנע לעפל און גאָפל.

אונדזער אַרבעט וויל זײַן אַן אָנרעגונג פאַר פאָרשער. צו פאַרטיפן דעם רײַכן, פאָלקלאָרישן מאַטעריאַל וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך דער ייִדישער טאַנץ אין רומעניע, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער טאַנץ־קונסט און פון דער ייִדישער פאָלקס־שאַפונג בפרט.

יידישע טרובאדורן אין רומעניע

דער טרובאדור וואָלף ערענקראַנץ — זבאַרזשער אין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו

ס׳איז קיין חידוש נישט וואָס דער זבאַרזשער לערער בנימין וואָלף ערענקראַנץ, וועלכער פלעג לערנען מיט די קינדער תנ״ך מיט משה מענדעלזאָנס „באור״, אין דעם תרגום אשכנזי (מיט דייטשער איבערזעצונג), האָט אַזוי אויסגענומען ביי די „פּראָסטע״ רומענישע יידן.

פון זייער גרויסן לעבנס־בוך האָבן רומענישע יידן געלערנט זיין פרייד, לויטער, פריש און געזונט און בייקומען דערשלאָגנקייט, דראַנגען, נאָך זייער פאַרבייגיין, מיט לאַכן פון אַלץ און פון אַלעמען, מיט מוזיק און געזאַנג, און נישט זעלטן, באַזונדערס עמך, פלעג זיך משמח זיין אויך מיט טאַנץ.

דער בעל מלאכה האָט טאַקע געשפּייזט זיין פאַנטאַזיע מיטן דעמלט פאָפּולערן „קול חסידים״ אין רומעניע, אָבער אין דער זעלבער צייט ליב געהאַט די פריילעכמאַכער, די פאָלקס־דיכטער, די בדחנים, וועלכע פלעגן מיט אַ וויץ, אַ קאַלאַמבור, אַ קופּלעט אָדער גלייכווערטל, באַרירן אויך אַקטועלע, טאָג־טעגלעכע טעמעס, אָפּשפּיגלען די היימישע סביבה, פּראָבלעמאַטיק. פאַרשטייט זיך אַז אייניקע פון זיי, פלעגן דעם סאַטיריש־הומאָריסטישן שטאָף, פאַרפלייצן מיט ביליקן וויץ און בלאָסע סאָציאַלע אַקצענטן.

איז געקומען אין די פערציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, אין דער מאָלדעווע, בנימין זאב (וואָלף) ערענקראַנץ. דער פון מרחקים אָראָפּגעקומענער זינגער־רעבעל, איז געווען אַ מענטש מיט סאָלידער יידישער און וועלטלעכער בילדונג. די נאָך וויסן דאָרשטיקע יוגנט: בעל מלאכות, קליינע סוחרימלעך, האָבן דערפילט אין די אימפּראָוויזירטע, פּליסיקע פּערזן צו וועלכע וועלוול זבאַרזשער פלעג קאָמפּאָנירן אויך די מוזיק, זייערע וויציקן און בענקשאַפטן. מיט זיין שאַרפקייט און בייסיקייט קעגן די „חשובע״ קהל־פירער, קעגן די „גוטע און פרומע״ כלי קודש, בעלי מופתים, גורל

וואָרפֿערס און אַנדערע פּרומאַקעס־פּאַרפֿירערס, האָט זיך וועלוול זבאַרזשער פֿאַרמאָסטן צו פֿאַרוועלטלעכן דאָס ייִדישע לעבן אין אַמאָליקן רומעניע.

וועלוול זבאַרזשער, ווי מ'האָט אים דאָ מיט ליבע און נאָענטקייט, ווי אַן אייגענעם גערופֿן, איז געוואָרן אַ וועגווייזער פֿאַר דער יוגנט. מיט זיינע לידער געווידמעט די שטיינהאַקערס פֿון פּאָנס באַרג, פֿון יאַס, „דעם מצבה שלעגער", דעם טרעגער „דעם משורר", דער „נאַכטיגאַל," „דעם נאַכטוועכטער" און אַנדערע פּראָפֿעסיעס, האָט זבאַרזשער אויפֿגעהויבן די ווערדע פֿונעם פֿאָלקס־מענטש.

צו שאַנד און שפּאָט האָט זבאַרזשער געמאַכט דאָס פּעקל שנאָרער וועלכע האָבן דעמאָלט געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויפֿן פֿאָלק. אין משך פֿון פֿערציק יאָר, צוויי דריטל פֿון זיין לעבן, מיט קליינע הפּסקות ווען ער פֿלעג זיך אַריינכאַפּן קיין טשערנאָוויץ, האָט וועלוול זבאַרזשער געלעבט, געשאַפֿן, משפּיע געווען אין רומעניע. פֿאַר דער צייט, איז ער געוואָרן זייער פּאָפּולער, באַליבט, און פֿון וואָלף ערענקראַנץ איז געוואָרן וועלוול זבאַרזשער! סיי אין די אָרעמע שטיבלעך, סיי אין די גבירישע הייזער האָבן אָפּגעהילכט זיינע לידער, אַריינגעדרונגענע אין פֿאָלק. נישט געקוקט אויף זיין פֿאַרליבטקייט אין רומענישע געטראַנקען, אַרום וועלכע עס זענען אויפֿגעקומען אַ רייכע אַנעקדאָטיק, גלייכווערטלעך, בלייבט בנימין וואָלף ערענקראַנץ, „דער אליקום צונזער פֿון אונדזערע קאַנטן און אַ לערער פֿון זיין דור" ווי סע פֿלעג אים כאַראַקטעריזירן אונדזער יעקב גראָפּער.

זבאַרזשערס ערשטע לידער זאַמלונג איז דערשינען אין העברעיש, אין יאַס, אין יאָר 1855, א.ט. „חזון למועד". דר סאַטעק, האָט אַרויסגעגעבן אין בראַילאַ אין יאָר 1902, אַ זאַמלונג פֿון זבאַרזשערס ייִדישע לידער, אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע. דאָס רוב לידער זיינע, האָט זבאַרזשער געשאַפֿן אין רומעניע, אויף העברעיש און ייִדיש. בעת אַ טורנע מיט דעם "איקוף טעאַטער", אין 1946, האָב איך אויפֿגעקויפֿט פֿונעם אַלטן יאַסער אַנטיקוואַר יוסף גאַבער, פֿאַרטיטורן פֿון פֿאַרשיידענע ייִדישע פּיעסן. אין איינער פֿון זיי, האָב איך צווישן די „שטימען" געטראָפֿן אַ צוואַנציק בויגן געקעסטלט פּאַפּיר, מיט אַ פּערלדיקן כתב־יד, וועלכן כ'האָב פֿאַרגליכן מיט אַ פֿאָטאָקאָפּיע פֿון זיין כתב־יד, און געהאַלטן אַז ס'איז זבאַרזשערס. די לידער זענען געווען אין צוויי שפּראַכן: אויף איין עמוד ייִדיש, אויף דעם צווייטן העבראיש דעם דאָזיקן כתב־ יד, האָב איך אָנפֿאַרטרויט עמעצן, כדי זיכער פֿעסט־שטעלן די אויטענטישקייט. מעגלעך זענען צווישן זיי, אויך נאָך נישט פֿאַר

עפנטלעכסע לידער. דער כתב־יד, געפינט זיך איצט אין ניו יאָרק, אין „ייוואָ“ ארכיוו.

דאָס רוב לידער האָט זבארזשער געשריבן אין רומעניע, זיי זענען נוגע די יידן פון רומעניע, שפּיגלען אָפּ אונדזער קולטור־מצב צווישן די פערציקער ביז די אכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

דאָ איז ער באַרימט געוואָרן, מיט זיינע לידער וואָס זענען ווען ריין לירישע, ווען בייסיקע סאַטירעס, תמיד פאַרטיפט דורך אידייען און געפילן. די שפּראַך פון זבארזשערס לידער איז אונדזער רומעניש־יידיש, פּראָסטע ווערטער פון דער גאַס און מאַרק. זבארזשער׳ס סטיל־א לייכטער פּאָפּולערער א פאָרביקער, אין וועלכן זבארזשער פלעכט אריין איידלע געדאַנקען, פאָלקס־באַלערנדיקע, פאָלקסטימלעכע, א שפּראַך וועלכע האָט דעם כח צו איבער־צייגן אויפן אָרט.

דער געלערנטער משכיל אברהם בער גאָטלאָבער האָט שטאַרק גע־לויבט זבארזשערס לידער. מיר ציטירן בלויז א טייל פון אָן אָפּשאַצונג: „אין זיין ליד, איז כמעט יעדער פערז א נייער געדאַנק און ווי וואונדערלעך זע־נען די בילדער וואָס שפּיגלען זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן: ווי אין א ביל דער מוזיי פליען אונדזערע אויגן פון איין בילד צום אנדערן״־און די אויגן ווערן נישט זאַט קוקנדיק״; כדאי צו באַמערקן אַז גאָטלאָבערס באַציונג צו יידיש איז געווען א גינסטיקע. אין יידיש לשון האָט ער דאָך געשאַפן די קאָמעדיע אין דריי אקטן „דער דעקטור“, דאָס סאַטירישע ווערק „דער גלגול“, די דערציילונג „דער סיים“ און אַנדערע.

און איצט לאָמיר זען ווי האָט אָפּגעשאַצט זבארזשערן, דעם וואָס האָט געמאַכט יום טוב פון וואָכעדיקע טעג פאַר די פאָלקס־מענטשן, די רו־מעניש־יידישע פּרעסע און פּעריאָדיק.

אין יאָרבוך פאַר יידן „אַנואַר פּענטרו איזראַעליצי“, זיבנטער יאָר־גאַנג, 1884־1885 תרמ״ד, איז אָפּגעדרוקט א נישט געחתמעטע נאָטיץ, אויף זייטל 125, די ערשטע נאָטיץ אין דער רומענישער שפּראַך, וואָס גיט א קורצע אָבער גרינטלעכע אָפּשאַצונג פון זבארזשערס ווערק. די דאָזיקע נאָטיץ, האָב איך איבערגעזעצט אויף יידיש, ווייל איך האַלט אַז זי האָט א וויסנשאַפטלעך־ביאָגראַפיש־ליטעראַרישן אינטערעס.

„וואָלף ערענקראַנץ, וועלכער איז מער באַקאַנט אונטערן נאָמען זבארזשער, איז נפטר געוואָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פאָריקן זומער (ד.ה. 1883 יאָר). ער איז געווען א גרויסער דיכטער, און האָט געשריבן אין העברעיש מיט דער זעלבער לייכטקייט ווי אין יידישן פאָלקס־לשון, זיינע

געדיכטע זענען ווען ריין לירישע, ווען בייסיקע סאטירעס, תמיד פארטיפט דורך אידייען און געפילן.

די מערסטע און שענסטע לידער זיינע, האט ער פארפאסט אויף פארוויילונגס־אווונטן, ווען ער פלעג אימפראוויזירן זיינע פליסיקע פערזן, פלעג ער קאמפאנירן אויך די מעלאדיע צום ליד; אט די מעלאדיעס, וואס זענען ארייננעדרונגען אין פאלק איניינעם מיט זיינע געדיכטע, זאגן עדות אויף וועגן זיין באדייטנדיקן מוזיקאלישן טאלאנט."

ערענקראנץ איז געווען אן אמתער פאלקס־דיכטער. זיינע לידער, האבן אפגעהילכט און ווען נאך לאנג אפהילכן סיי אין ארעמענס בוזשדע (שטוב), סיי אין נגידס פאלאץ (נגידישע הייזער י.ש.).

א גאר גרויסע השפעה האט ער געהאט אויפן פאלק. באזונדערס וויכטיק איז זיין בייטראג צום וועקן די איידלע געפילן, צום באזייטיקן געוויסע פאלשע גלויבונגען און פאראורטיילן, איינגעווארצלטע פון דורות אין פאלק. איבערהויפט איז ער געווען די בייטש קעגן די רביים־בעלי מופתים און פרומאקעס, וואס פאר א ראלע זיי זאלן נישט האבן געשפילט.

באזונדערס וויכטיק איז ערענקראנץ פאר אונדז רומענישע יידן, כאטש ער איז געווען א פוילישער ייד, האט ער דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אלס טרובאדור, פארבראכט אין רומעניע.

א סך פון זיינע לידער, זענען בוגע די יידן פון לאנד, זענען לידער וואס שפיגלען אפ אונדזער קולטורעלן מצב, אין משך פון עטלעכע צענדליק יארן.

די ידיעה וועגן דער פטירה פונעם באליבטן דיכטער, האט טיף גערירט די יידן, באזונדערס די רומענישע און די פוילישע יידן."

עד כאן, די נישט געחתמעטע נאטיץ. אין דעם זעלבן יארבוך, אין דער אפטיילונג „פארשיידענעס" (ווריא), איז אנגעגעבן דער מחבר פון דער נאטיץ. דאס איז דער בשעתו באקאנטער יידישער פובליציסט אורעל טורקו, וועלכער האט אנגעשריבן די ערשטע ביאגראפישע סקיצע וועגן וואלף ערענקראנץ זבארזשער און זי אפגעדרוקט אין דער צייטונג „ברודערשאפט" (פראטערניטאטיא) אויף רומעניש, דעם 11־טן יולי 1885.

היות נישט ש'ס־ראמאן אין זיינע ארטיקלען אין דער רומעניש־יידישער צייטשריפט „אדאם" (אדם) פון ערשטן פעברואר 1938, און אין די „איקוף בלעטער" פון 8 יוני 1950, און נישט אי. קארא, אין זיין ארטיקל „די לעבעדיקע זבארזשער טראדיציע", דערשינען אין דער ווארשעווער „פאלקס שטימע" פון 4 יאנואר 1964, האבן נישט אנגעגעבן דעם אינהאלט פון דער נאטיץ, און לויט מיין מיינונג, נישט געענוג כאראק־

טעריזירט, אפגעשאצט, זבארזשערס ליטעראַרישע ארבעטן, און האָבן נישט דערמאָנט ווי אַזוי ס׳האָבן אים אָפּגעשאַצט אַנדערע פּערזענלעכקייטן, האָבן מיר אַ גאַנץ גרויסן דאַנק צו זיי.

טאַלאַנט איז ווי רויִ־ערד; מע דאַרף אים פיל און גוט באַאַרבעטן כדי צו באַקומען פון אים אַ גוטן שניט, גוטע פּירות. וועלוול זבאַרזשער באַשטעטיקט אָט דאָס געזעץ!

באַרימט, באַליבט און געשאַצט געוואָרן איז זבאַרזשער, פאַר זיין פאַרשיידנאַרטיקער טעמאַטיק, אין קאַמף צווישן השכלה און חסידות וואָס האָט געטומלט אין זיינע לידער, פאַר זיין שאַרפקייט און בייסיקייט. זבאַרזשערס שפּראַך האָט אין זיך דעם כּח צו איבערצייגן על רגל אחת, אויפן אָרט.

וועלוול זבאַרזשערס ליד איז געוואָרן פאָלקסליד אויך אַ דאַנק דעם קפיצת־הדרך סוד פון מוזיק, געשאַפענע פונעם דיכטער אַליין, און אפשר, אינספּירירט פון אַלטע, היינט פאַרגעסענע רומעניש־יידישע פאָלקסלידער!? דער רומעניש־יידישער קיבוץ האָט אין זיין יאָרהונדערטער עקזיסטענץ אויף דער רומענישער ערד, זיכער געשאַפן פאָלקלאָר־אוצרות אָבער, ווי סע געשעט ווען מען פאַרשרייבט נישט אָדער מען ווערט אָפּגעפרעמדט פון אייגענעם שטאַמבוים. אַ קליינער טייל איז אויפגעהיט געוואָרן און ערשט אין די לעצטע פערציק יאָר, געזאַמלט געוואָרן פון פאַנאַטישע ליבהאָבער ווי שלום שיינבוים, זעליק באַרדיטשעווער, דר. פורמאַן, הערש סעגאַל, עמיל סעקולעץ, אי קאַראַ, מאַקס אייזיקאָוויטש, ח. שוואַרצמאַן, דער שרייבער פון די שורות און אַנדערע.

צו שאַנד און שפּאָט האָט וועלוול זבאַרזשער געמאַכט דאָס גאַנצע פּעקל שנאָרערס די בעלי מופתים־די עמי־הארצים, אין זיין ליד „רב אברהם יאַנקעניו“:

„איך קען טאַקע נישט קיין תורה,
דאַווענען אויך נישט קיין וואָרט,
די וועלט אָבער האָט פאַר מיר מורא,
מסתמא בין איך עפּעס פאַרט.“

באַזונדערס שאַרף גרייפט אָן זבאַרזשער די בעלי־טאַקסעס:

„גאָלד און זילבער איז אייער תורה,
געלט איז אייער גאָט!“

אין דער" גזרת־התונות" ווייזט ער אָן ווי מע פאַרשלײַערט יונגע קינדער:

„אייידער מע זאָל א זעלנער זיין,
איז דאָס געמיינסטע ווייב שוין בעסער."

דער אומרויקער, צערייצטער בונטאַר וועלוול זבאַרזשער, האָט געהאַט דעם גויטיקן פלאַקער, דעם כח צו באַגייסטערן יוגנטלעכע בענק־שאַפט, וועלכע האָט זיך פאַרמאַסטן צו פאַרוועלטלעכן דאָס פעאָדאַלע יידישע לעבן פון אַמאָליקן רומעניע. זבאַרזשער האָט אַרויסגעריסן ווילד־קרויט נאָך ווילדקרויט, פון איר שמאָלקעפּלדיקייט. פאַר אַט דער יוגנט, איז זבאַרזשער געוואָרן א וועגווייזער, א שעפער וועמען די יוגנט, האָט אויפגעשטעלט זעלטענע מאָנומענטן, אין דמיון און אין האַרצן.

מיט רעכט קאָנען מיר דרינגען אַז זבאַרזשערס לידער, טראָגן דעם געאָגראַפישן און גייסטיקן חותם פון אונדזער רומעניזשן פייסאַזש, שפּיגלען אָפּ די געשעענישן און די פּראָבלעמאַטיק פון זיין צייט: כאָליערע, אייזנבאַן־פאַנאַטיזם. דער פּאָעם־פּאַמפלעט "רומאַניע", דערמאַסקירט די ברוטאַלע האַנדלונגען קעגן יידן מצד די דעמאָלטיקע מושלים, און איז אָפּגעדרוקט אין „השחר", פינפטער העפט יאַרגאַנג דריי, תרל"ד. אויף זייטל 547 איז דערשינען „שיר א׳ אָן דעם טיטל „רומאַניע" ביז שיר ד׳. דער המשך אויף זייטל 623, טראָגט שוין דעם טיטל „רומאַניע" שיר ד׳ביז שיר ח׳ און גיט אַלץ נישט אָן דעם מחבר. אויף זייטל 684 איז אָפּגעדרוקט דער סוף פון דעם פּאָעם, פון שיר ח׳ביזן סוף שיר יא, אָבער אפילו צום סוף איז אויך נישט אָנגעגעבן דער מחבר. אָבער אין "לוח המאמרים משנת החמי־שית" אָפּטיילונג „שירים", אויף זייטל 730, איז אָנגעגעבן „רומאַניע" מאת ערענקראַנץ". אַזוי האָט מען זיך דערוווּסט ווער דער מחבר איז, און דאָס האָט גורם געווען מען זאָל אים אַרויסשיקן פון לאַנד.

מיר דערמאָנען אַז ביז היינט, איז נאָך נישטאָ קיין שום איבערזע־צונג פון זבאַרזשערס לידער, אויף רומעניש. אין אוקראַאיניש איז זבאַרזשער איבערגעזעצט געוואָרן פון איוואַן פראַנקאָ. דער באַרימטער דיכטער, האָט

אין 1914, זיך געגרייט ארויסגעבן א זאמלונג איבערגעזעצטע לידער פון וואלף יערענקראנץ זבארזשער און נישט דערשינען צוליב דער מלחמה. אן אויסוואל פון ערענקראנצס לידער, אין אוקראינישער איבערזעצונג, מיט א הקדמה פון פראנקא, איז דערשינען אין 1905 אין „ליטעראטורנא נאוקאוו־נאיא וויסטניק״.

דער גראפיקער לאזאר זין דערציילט מיר אין שייכות מיט זבארז־שערס בארימטקייט, אז ווען מ'האט זיך דערוווסט אז ער גיט זיך אפ מיט צייכענען און מאלן, האט אים זיין באבע א נאמען געגעבן וועלוועלע, אזוי האבן פאלקסמענטשן געצערטלט, היימיש גערופן זייערע אייגענע, צוקונפ־טיקע באגאבטע קינסטלער, מיטן נאמען פון באליבטן קינסטלער וועלוול זבארזשער!

פון זבארזשערס לידער האבן געשעפט פשטות, חן, סאטירע און פראָ־טעסט, לויט אונדזער מיינונג, הערש־לייב גאָטליב (סיגעטער). פון סיגעט מאראמאָרעש, דער יאסער אקטיאָר־מחבר זעליק יהודה העלמאן, די טאלאנ־טירטע טרובאדורן זעליק בארדיטשעווער און שמשון פערשט, די שפרודל דיקע פאָלקסדיכטער.

דער לעצטער טרובאדור אין רומעניע: שמשון פערשט

געבוירן אין בוקאווינער שטעטעלע נאָוואָסעליץ דעם 5־טן מאי 1886, האט שמשולע אפגעפינצטערט זיין יוגנט און א היפש ביסל לעבנס־יארן, אין שטעטלעך און דערפלעך פון דער בוקאָווינע און בעסאראביע. א בחור, קיינמאל קיין באוייבטער, האט ער געוואנדערט פון ארט צו ארט. דער נע ונד'ניק שמשון האט געווינט איבעראל... אין קאמער, אין שטאל צי גאר אונטער א סטריכע און איז געווען פון פאך א שניידער. נישט קיין פערוועשבעפערווע אבער אויך נישט נעביך און ארעם!

אלע מאל א מאגערער מענטש, אן אויסאָדידאקט, נאר א שטאָלצער, ווערדיקער „עמך״. אט ווי ער כאראקטעריזירט זיך אין א ליד:

"איינגעטונקען אין הומאָר,
אין חוזק מיט לצנות;
ווער מיט אים זאַטשעפּעט נאָר,
שיקט ער א שלח־מנות"

יאָרנלאַנג האָט שמשולע ארויסגעגעבן הומאָריסטישע בלעטער צו כמעט אלע יידישע יום־טובים, געשריבן גראַטענע משלים און לידער וועל־כע זענען שוין היינט, טיילווייז, א רשות הרבים־פאָלקלאָר און דאָך... אויב מע פלעג אים פאַרשטעלן ערגעץ אין א געזעלשאַפט אלס שראַבער (אין אונדזער רומענישן יידיש), פלעג ער שנעל איבערקערן דעם לאַפּן פונעם רעקל, וווּ ס'האָט תמיד געשטעקט א נאָדל מיט א פאָדעם און צוגעבן „שנאַדער".

פון א שאַרפן וויץ איז אים שווער געווען זיך אָפּצוזאָגן. אויף איינעם א האַמטענעס, גראָבן פאַרשויך, זאָגן מיר וואָוועס, גראַמט ער „א פערד מיט פּאַטקאַוועס", און רייסט אראָפּ די כלומרשטע גייסטיקע פיגור פון דער־מאַנטן. אפילו דעם בעסטן גוטן ברודער האָט ער נישט געשאַנעוועט און געשטאָכן מיט א שאַרפן וויץ און אויף זיך אליין געמאַכט וויצן.

איינמאָל, בעת ער האָט מיך באַזוכט אין דער היים, האָב איך אים געפרעגט:

— פאַרוואָס רופט מען אייך שמשולע? האָט ער מיר געענטפערט:

— אזא טבע האָט שוין עמך, צי פאַרציען גנבים, רבנים און טרובאַ־דורן!

איך האָב אים איינמאָל געפרעגט פון ווען ער שאַפט לידער? האָט ער באַלד צוגעגעבן: ווילסט זאָגן גראַמען? פון די יונגע יאָרן מסתמא. אין זומער 1916, בין איך מיט א צאָל אנדערע יידישע, בוקאָווינער זעלנער, צוגעטיילט געוואָרן דעם מיליטערישן זאַמל־פּונקט פּרווידענטאַל פון שלע־זיע. מ'האָט שוין אפּנים געהערט פון מיר און יעדע פרייע שעה פלעג מען מיך ארומרינגלען און זיך אַמוזירן מיט מיינע לידלעך, גלייכווערטלעך, וויצן. אָט איז א לידל, וואָס כ'האָב פאַרצייכנט פון געזעלשאַפטלעכן טוער שאול שנאַפּ, וועלכער האָט מיט שמשולען געדינט אין זעלבן אָרט.

אין דעם ליד שילדערט שמשולע, דאָס דעמאָלטיקע זעלנער־לעבן:

„זייט דער ליבער גאָט האָט מיך באַגליקט
און האָט מיך אהער פאַרשיקט,

אין דעם שטעטל פראווידענטאל
וו ס׳ארגער ווי אין קרימינאל

וו מע מוט זיך נאָר א דריי,
לויפט אלץ נאָך די פּאָליציי
און פארלאנגט א דאָקומענט:
ווער און וואָס, פון וואנעט איר זענט?

„צו האָט איר שוין אזוינס געזען,
פרעג איך אייך, ווי א ייד איר זענט,
ווי דאָס 24־טע רעגימענט?
הלוואי וואָלט דאָס, דער ריעך געקענט!

דאָס איז נאָר א פראגמענט פון לידל. די מעלאָדיע א נישט יידישע, האָט שמשון צוגעפּאסט ווי איבריקנס ביי אלע זיינע לידער.

ווי מיר האָבן שוין דערמאנט, פלעג שמשון מאכן „טורנעען״ איי־בער דער בוקאָווינע און באסאראביע, באלד נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג. א טשערנאָוויצער קראנקען־שוועסטער, ליובצע, מיין שוועסטערס א קאָלעגין פון דאָרטיקן יידישן שפּיטאָל, האָט מיר געזונגען אין 1932, שמשונס א סאטיריש ליד:

„צי האָט איר שוין געהערט,
וואָס מ׳האָט אויסגעקלערט,
א טענצל „אָנעסטעפּ״ — אן אנטיק:
מ׳ העפּקעט ווי א ציג,
מע דאַרף נאָר טאנצן גרינג,
און זיך באוועגן פלינק,
און ווער דאָס טענצל, טאנצט נאָר גוט,
הייסט שוין א ווילער־יונג!

„די מוזיק שפּילט טא־רא־רא־רא
מע טאנצט, מע שפּרינגט טי־רא־רא־רא
און מע שאָקלט זיך צום טאקט,
מ׳האָט מיר פילע פאַרגעשטעלט,
איך האָב פשוט אָנגעקוועלט

ווי חיים־זרח דער האָרבאַטע,
חיה־לאה די היקעוואַטע,
סאָסיע־ביילע — די פּאַרכעוואַטע,
שמשון פערשט־דער פּאָנפּעוואַטע,
היפּקעו. שפּרינגען ווי די זשאַבעס;
יידן האָבן ניט אויף שבת —
אָבער „אָנעסטעפּ“ ווערט געטאַנצט!...

פאַרשטייט זיך אַז אַט די לידלעך זענען נישט דערשינען אין שמשון פערשט'ס לידער ביכל ווייל ער האָט געהאַלטן אַז דאָס זענען בלויז גראַמען... געהאַט הייסט עס קריטישן חוש.

אונטערן איינפלוס און ראַט פון אַ געוויסן יוסף שוואַרץ, אַ געלערנטער, צוגעלאָזטער מענטש און ייד פון נאָוואָסעלעץ, האָט שמשון אָנגעהויבן לייענען די דייטשע קלאַסיקער און... שרייבן דייטשע לידלעך.

ביי אַ געלעגנהייט, באַקענט זיך שמשון מיטן טשערנאָוויצער פּראָפעסאָר חיים לעקערט, וועלכער האָט, אויסהערנדיק אייניקע לידלעך, זיך אָנגערופן:

— וואָס טויג דיר דייטשמעריש! שרייב בעסער אויף מאַמע־לשון, אויף יידיש!

נאָך אַ צייט האָט ער אויפגעשריבן פון שמשולען עטלעכע יידישע לידער און זיי צוגעשיקט צום באַקאַנטן ליטעראַטור־קריטיקער שמואל ניגער, אין יענע יאָרן אין וואַרשע; דער ענטפער איז געווען אַז „אין דעם אויסוואַל פון מאַטיוון, טעמעס פאַר זיינע לידער, ווייזט אַרויס שמשון פערשט אַ פיינעם געשמאַק.“

אין די מלחמה־יאָרן שרייבט שמשולע לידער אין וועלכע עס ווערט בולט די טראַגיק פון דער ערשטער וועלט מלחמה. לדוגמא דערמאָנען מיר „דער בלינדער אינוואַליד“, „דער קריגס־יתום“ און אַנדערע.

די מיט לאַטיינישע אותיות געשריבענע לידער פון שמשון פערשט, האָבן געזען די ליכטיקע שיין, ערשט נאָך דער מלחמה. זיי זענען שוין געווען פּאָפּולאַריזירט נאָך איידער די טעכנישע מיטאַרבעטער פון דער טשערנאָוויצער „פרייהייט“ און „דאָס נייע לעבן“ האָבן אַרויסגעגעבן זיין ערשט ביכעלע „געקליבענע לידער“, טשערנאָוויץ, 1922, זייטן 80, פאָרמאַט 155/115 מילימעטער. די הקדמה צום ערשטן ביכעלע פון שמשון פערשט, האָט ניט געשריבן אַן אייגענער, טשערנאָוויצער אינטעליגענט,

נאָר אַ פרעמדער — יעקב באַטאַשאַנסקי. וועלכער האָט עטלעכע יאָר ליטעראַריש געווירקט אין רומעניע. די אויפשריפט „דרוק און פאַר־לאַג האַרניק און בירנבוים“ איז לויט די היגע געזעצן געווען נויטיק פאַר יעדן בוך, כאָטש די נויטיקע מאַטעריעלע מיטלען, זאַץ, דרוק און פאַפּיר, האָבן אַן שום באַצאָלטס, פון דער אייגענער קעשענע און מי צוגעשטעלט די זעצערס גופא.

די בולטע סאַטיריש־סאַרקאַסטישע סטרונע קומט צום אויסדרוק אין זיינע הומאָריסטישע לידער, אין זיינע „פּעריאָדישע“ בלעטלעך ווי: „דער גראַגער (20 נומערן) מצרים־וואָד“ (8 נומערן), שבועות־קניש“ (2 נומערן) דער לץ (2 נומערן) טשערנאָוויצער פליאַטקעס“ (6 נומערן), דאַרנער הו־מאָר (8 נומערן), דאָס רוב פון די דערמאַנטע בלעטלעך זיינען דערשינען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה און זענען אָנגעשריבן געוואָרן אינגאַנצן נאָר פון שמשון פערשט.

כדאי צו באַמערקן אַז די סאַטיריש־סאַרקאַסטישע סטרונע, קומט צום אויסדרוק אויך אין שמשונס פּאַרשפרייטע, פּאָפּולערע משלים.

שמשונס סאַטירע האָט אָפט אומברחמנותדיק געטראָפן אייגענע און נאָענטע אָבער אויך אים אַליין. אין איינעם פון די „גראַגערס“ זיינע, איז דערשינען אויף דער ערשטער זייט אַ צייכענונג פון גראַפיקער ליכטענ־דאָרף, איגספּירירט טאַקע פון שמשונען:

שמשון זיצט אויף אַ טיש און נייט. עס קומט אריין אַ יונגערמאַן מיט אַ כתב־יד — איר זענט דער שנאַדער שאַמשעלע?

— יאָ! — ענטפערט שמשון.

— כ׳האָב אייך געבראַכט אַ לידל פאַר אייער „גראַגער“.

אויף דער צווייטער זייט אַן אַנדערע צייכענונג: שאַמשעלע בייַם שרייב־טיש, עס קומט אריין אַ יונגערמאַן מיט אַ מלבוש.

— איר זענט דער רעדאַקטאָר פערשט?

— יאָ! ענטפערט שמשולע.

— ... כ׳האָב עפּעס אַרבעט פאַר אייך, צום נייען.

אין נאָוועמבער 1944, האָב איך פאַרגעשלאָגן און דורכגעפירט אַן אָוונט מיט שמשון פערשט. אַליין כמעט אַלץ צוגעגרייט. געדרוקט איינטריטס קאַרטן, אַפישן (וועלכע כ׳האָב אַליין אויסגעקלעפּט), פאַרבעטן עטלעכע פריינט וועלכע זאָלן רעדן און אַליין געזאָגט מיט ליבע וועגן דעם טרובאַדור שמשון פערשט: "... כאָטש ער איז געקומען פערציק יאָר נאָך די בראָדער זינגער און וועלוול זבאַרזשער, איז שמשון אונדזער טרובאַדור, דער לעצטער טרו־באַדור! אַליין שאַפט ער די ווערטער, פּאַסט צו די מוזיק און טראָגט אַליין

פאַר זײַנע שאַפּונגען אַזוי מײַסטערהאַפט, אַז ער האָט פּרי באַקומען אָנער־קענונג מצד דעם עולם, מצד די פּשוטע מענטשן וועלכע האָבן שמשונס לידער, אַרײַנגענומען אין האַרצן און זכרון. דער טרובאַדור האָט ניט גע־דאַרפט וואַרטן אויפן טויט כדי אָפּגעשאַצט צו ווערן פון זײַנע מיטצײַטלער און פּען־קאָלעגן.

אין ערשטן אָוונט געווידמעט שמשונען, האָבן אים באַגריסט חיים קראַפט, העליאָס העכט, דוד רובין, שאול שנאַפּ. דעם גאַנצן אָוונט האָט פאַרנומען שמשולע וועלכער האָט אין משך פון א צוויי שעה, ממש באַצוי־בערט די צוהערער מיט זײַנע משלים און לידער. און דאָ איז דאָס פּלאַץ צו זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן שמשולעס אַרט פאָרטראָגן.

דער עמכדיקער דיכטער האָט אויסגענומען ניט נאָר מיט זײַנע לידער, גלײַכווערטלעך, משלים, וויצן, נאָר אויך מיט זײַן אַרט פאָרטראָגן זײַנע שאַ־פונגען, מיט דעם אופן ווי ער האָט זיי אינטערפּרעטירט, זיי אויסגעשפּילט! דאָס האָט שמשון פּערשט שוין איינמאָל געקענט! אָן די עלעמענטאַרסטע טעאַטראַלע מיטלען פון די פאַרגײיער־א טישל מיט צוויי לײַכטער, אָן די דעקאָראַטיוון ... דערמאַנטע רעקוויזיטן האָט שמשולע דאָך באַצויבערט די צוהערער. ווי איינגע־אַרטיק ער פלעג „אויסשפּילן" זײַנע משלים, זינגען זײַנע פאָלקסטי־מלעכע לידער. וויפל האַרציקייט און לירישקייט ער פלעג פאַרוועבן אין זײַן אינטערפּרעטאַציע. מיט וויפל קונסט האָט שמשולע געשאַפן די פּאַסיקע, נויטיקע שטימונג!

אין 1933 האָב איך פאַרבראַכט צוויי וואָכן אין וואַטרא־דאָרנעי און דער ליבער מענטש און גוטער פרײַנד י. זינגער האָט מיך באַקענט מיט שמשון פּערשט. דערהערנדיק מײַן פאַמיליען נאָמען האָט ער באַלד א זאָג געטאָן: „שוואַרץ, שוואַרץ, זיס ביים האַרץ!"

דעמאָלט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו הערן און זען אים, שמשולען, ווי ער דעקלאַמירט און זינגט זײַנע, שוין דעמאָלט פּאָפּולערע לידער און פאַבלען. אַזוי באַליבט און געשעצט איז שוין שמשון געווען, אַז יעדן טאָג פלעג מען אים פאַרבעטן, אַלס גאַסט, צו אַן אַנדע־רער משפּחה. און ווו האָט ער נישט פאַרגעטראָגן זײַנע שאַפונגען? אין גאַנץ רומעניע: אין בוקאַרעשט ווי אין יאַס, אין טשערנאָוויץ ווי אין קישינעוו.

שמשונס מויל, אויגן און אויערן זײַנען געווען אָפן פאַר אַלע פּאַסי־רונגען פון זײַן אַרום און ער האָט זיי אויפגענומען און באַשריבן מיט אַנ־צוהערעניש, מיטן גאַנצן אמת.

דורות יידישע בעלי מלאכות און לערנייגלעך אין רומעניע האָבן אימפּראָוויזירט און געזונגען לידער, אָבער דער אייגנאַרטיקער טרובאַדור שמשון פערשט האָט געגעבן אַ פּאָעטישן תּיקון די וויטיקן און בענקשאַפטן און אַזוי, האָט זייער וואָרט און געזאַנג באַקומען דעם חן און פּרצוף פון פּאָעזיע.

ב״י די וועלכע האָבן פאַרבראַכט זייער קינדהייט אין יידישע היימען מיט זייער ספּעציפישער אַטמאָספער, וועלן די באַקאַנטע, האַרציקע לידער פון שמשון פערשט „קינדער יאָרן“, „וויג־ליד„ א.א. ווי אַלעמאַל, דערוועקן וואַרעמע זכרונות. דורך זייער האַרציקער לירישקייט, פּשטות, פאָלקסטימלעכקייט, זיינען שמשון פערשט׳ס לידער איבערגענומען געוואָרן פון פאָלק, ווערן אויך היינט געזונגען אויף ליטעראַריש־קינסטלערישע אימפּרעזעס, ווערן פאַרוועבט אין טעאַטער ספּעקטאַקלען און אַ היפּשער טייל פון זיי, זענען שוין אַ רשות־הרבים־פאָלקלאָר!

אין „קרית הספר“ פון ישראל, זיינען דערשינען איבערזעצונגען אויף העברעיש, פון שמשונס לידער און פאַבלען פון דר. הוגאָ בערמאַן און אויף רומעניש פון דר עמיל דאָריאַן, קאַרל דרימער, א. אַנדערע. לויט שמשונס פאַרזיכערונג, האָבן זיינע לידער געזונגען נח זילבערבוש, ווערא קאַניעווסקאַ און מישאַ פישזאָן (מענדל בייליס ליד, מוזיק מ. וואַרשאַווסקי) „זיסער גאָט, דריי איבער דאָס ריידל“. אין פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור־בוקאַרעשט איז אין 1962׳ דערשינען אַן אויסוואַל פון זיינע בעסטע לידער „שמשון פערשט־טרובאַדורישע לידער“, 100 זייטן מיט אַ פאָרוואָרט פון י. בערקאָוויטש. דעם 20־טן מאַי 1968, האָט שמשון געמאַכט אויף זיין וויציק לשון „פייער אַבענד“, אין בוקאַרעשט, אין עלטער פון 82 יאָר.

דער לעצטער יידישער טרובאַדור פון רומעניע, איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן בית עולם „דזשיורדזשולוי“. מיר דערמאָנען אים אַלעמאָל, ווי אַ לעבעדיקן.

דער טרובאַדור זעליק באַרדיטשעווער

איך זע אים פאַר די אויגן, דעם לעבעדיקן זעליק: אַ הויכער שטערן מיט צוויי אויסגעהוילטע ווינקלען, לעבעדיקע אויגן, אַ קליינוווקסיקער פול מיט חן. אַלע זיינע יאָרן געקנעלט אין די דערפער אַלס לערער. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך געקויפט אַ גערטנדל און פלעג עס אַליין באַאַרבעטן. אָנהייב פון די 30־קער יאָרן האָב איך מיט אים

געשפּילט שלום־עליכמס איינאַקטערס אין דעם דראַמאַטישן קרייז ביי דער יאַסער „קולטור־ליגע". דעמלט פלעג ער אונדז זינגען זיינע לידער. ער האָט געגלייבט אין דער צוקונפט פון זיינע לידער, און מיט רעכט: אויף די אויספלוגן, ליטעראַרישע טיי־אָוונטן, ליטעראַריש־קינסטלערישע אימפּראָוויזאַציעס און אויף חברישע צוזאַמענטרעפן, פלעגן זיינע האַרציקע לידער מיטזינגען די צוהערער.

די לערערין שרה שמוקלער האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז קורץ פאַר דעם ווי מען האָט אים אַריינגעלייגט אין יידישן שפּיטאָל אין יאַס, האָט זעליק באַרדיטשעווער, אַ קראַנקער שוין, געוווינט ביי איר; ער האָט אָפּגעזאָגט דעם נאָענטן סוף זיינעם, ווייל אין איינעם אַ טאָג, ווען ס'איז אים געווען שלעכט, זאָגט ער צו דער לערערין:

— רופט מיר, איך בעט אייך, דעם מוזיקער טשאַקלער.

— איר זענט אַזוי געפערלעך קראַנק, לאָזט עס אויף שפּעטער, ווען איר וועט זיך בעסער פילן — זאָגט אים די לערערין.

— ניין, איצט, טאַקע שוין, אַנדערש איז מעגלעך אַז מירן פאַרשפּעטיקן... — האָט זעליק כמעט ווי באַפוילן.

די לערערין איז אַוועק און צוריקגעקומען מיט טשאַקלערן. דאָס איז געשען דריי טעג פאַר זעליק באַרדיטשעווערס פּטירה. ווען דער מוזיקער איז אָנגעקומען, האָט אים זעליק אויפגענומען מיט אַ צופרידענעם שמייכל. ער איז מיט די לעצטע כוחות אַראָפּ פונעם בעט און אָנגעהויבן זינגען איין ליד נאָכן אַנדערן.

ווייזט אויס, אַז אָט די טעקסטן מיט נאָטן זענען נישט אַוועקגעשיקט געוואָרן, ווייל און פאַרוואָרט פונעם פליסיקן פאַרשער און אַרויסגעבער, פּראָפעסאָר הערש סעגאַל צו דעם ביכעלע „לידער מיט ניגונים" פון זעליק באַרדיטשעווער, וואָס איז אַרויס צו דער ערשטער יאָרצייט פון דיכטער לייענען מיר: דאָס שווערסטע איז געווען אויפצושרייבן די נאָטן, וואָרום די ניגונים זענען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן בעל־פּה. די אַרבעט איז מעגלעך געוואָרן דער עיקר אַ דאַנק פריינד לייבו לעווין (דער רעציטאַטאָר, וועלכער לעבט איצט אין ישראל). אין ביכעלע זענען אַריין נאָר ניין לידער, ווייל דאָס צענטע „וידבר הזשאנדאר אל הפרימאר לאמור" וואָלט די דעמאָלטיקע צענזור גישט געוועט דורכגעלאָזט און וואָלט געשטעלט אין אַ סכנה דאָס גאַנצע ביכעלע".

פון מויל צו מויל זענען באַרדיטשעווערס לידער מיט ניגונים איבערגעגאַנגען. ביי זיין לעבן האָט ער נישט זוכה געווען זיי צו דרוקן. פיינ

שמיעקערס האָבן געדרייט מיט דער נאָז... ווען פּראָפ. סעגאַל האָט אָנהייב דעצעמבער 1937 אים פאַרגעשלאָגן אָפּצודרוקן א ביכעלע לידער, האָט ער באַלד מסכים געווען און געשריבן צו אים: „... מיין שלאָפקייט פאַרערגערט זיך. איך מוז פאָרן קיין יאַס אויף א לענגערער צייט זיך היילן. איך געטרוי אייך, ווייל איך ווייס, איר וועט זיך מטפל זיין מיט מיינע לידלעך אויפן בעסטן אופן, נישט ערגער ווי איך אליין...

דער באַשיידענער, אויפריכטיקער זעליק באַרדיטשעווער גיט צו: „... אויב ס׳קומט עפּעס א הילע, א צייכענונג, זאָל זיין מיט געשמאַק, אָבער פאָלקסטימלעך, ווי איך האָב ליב... דעסגלייכן דאָס פאָרוואָרט: נישט רעקלאַמע, נישט קיין שירים ותשבחות״.

א דאַנק הערש סעגאַל זענען זעליק באַרדיטשעווערס „לידער מיט ניגונים״ דערשינען אין 1939 אין טשערנאָוויץ און א צווייטע אויפלאַגע האָט אַרויסגעגעבן דער שרייבער איציק ווײַנשענקער אין 1948, אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי. אַזוי איז אויפגעהיט און פאַרשפּרייט זעליקס ליטעראַרישע ירושה.

זעליק באַרדיטשעווער איז געשטאָרבן דעם 30־טן דעצעמבער 1937 יאָר, און צו קבורה געבראַכט קיין בעלץ.

פון דער פריעסטער יוגנט האָט ער געהערט פאָלקסטימלעכע לידער מיט ניגונים, וועלכע ס׳האָט פאַרפאַסט זיין פאַרגייער און בן־עיר ישעיה (שבתי) לערנער (1879 — 1913) און אויך מאָלדעווישע רוסישע און יידישע פאָלקסלידער.

דעם יונגן ישיבה־בחור לאָקט דער גרינער סטעפּ מיט זיין רחבות. ער פאַרלאָזט די ישיבה און ווערט א לערער פון יידיש און העברעיש אין די שטעט און שטעטלעך. זייענדיק אין קאָנטאַקט מיט די פאָלקס־מענטשן ווערט דער תמימותדיקער לערער מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער פאָלקס־קולטור.

נישט סתם קיין בדחנישע גראַמערייַ זענען געווען זעליק באַרדיטשעווערס פאָלקסטימלעכע לידער. אין זיי האָט געלעבט דאָס באַוווסטזיין, אַז די וועלט דאַרף געענדערט ווערן, דער פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג און עוולות לגבי די פאָלקס־מענטשן.

„מיר פילן א ווילן
דעם ווייטיק צו שטילן
מיט א לידעלע, א טענצל,
א ביסעלע שפּיל״.

(„פּאַיאַצן״)

ווי זיין פאָרגייער דער פּאָעט וועלוול זבאַרזשעווער, האָט דער גוטמוטיקער דיכטער מיט די בלויע אויגן, זעליק באַרדיטשעווער, געוואַנדערט איבער שטאָטישע און שטעטלשע גאַסן און געסלעך, צווישן דער יידישער אָרעמשאַפט אין די וואַרשטאַטן מיט פּועלים, לערניינגלעך. זעליק האָט זיי באַקענט מיט די פּערל פון אונדזערע גרויסע קלאַסיקער מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם און פאַרענדיקט יעדעס מאָל מיט אַן אייגן ליד וועגן דעם שווערן לעבן פון בעל־מלאכה:

„ווער סע ווייסט נישט,
ווער סע ווייסט נישט,
זאָל אַצינדערט וויסן,
ווי שווער און ביטער,
קאַרג און שיטער,
ס׳קומט אונדז אָן דער ביסן".

(„מלאכה־מלוכה")

מיט סובטילן הומאָר און שאַרפער איראָניע זינגט ער:

...„ס׳גיסט און ס׳גיסט אַ רעגנדל,
וואַקסט און וואַקסט די בלאָטע,
זיץ איך אויפן בענקעלע
לאַטעווע און לאַטע.
ווייל איז דעם וואָס איז אַ שוסטער
אין אַזאַ פּאַגאָדע;
מאָנט דאָס ווייב ביי מיר אויף פּיתא *(פּלעצל־ברויט)* —
כ׳מאַך זיך כלא ידע".

(„מלאכה־מלוכה")

אָט דאָס ליד פון זעליק באַרדיטשעווער איז אין נוסח פון אַן עכט אויטענטיש פאָלקס־ליד, מיט טעמפּעראַמענט, נאָר ריטמיש, מייסטעריש מאָדעלירט.

דאָס רוב בעלי־מלאכות זענען „פריילעכע קבצנים", און כאָטש ס׳איז זיי שווער און ביטער, ווילט זיך זיי זינגען אַ יידיש לידעלע וועגן דער חשיבות פון דער מלאכה:

...„ העי, לעבעדיק, פויילעך,
לעבעדיק, פויילעך,
וואָס איז דאָ דער חידוש?
מלאכה־מלוכה
זינגט במנוחה
א לידעלע א יידישס".

דאָס פאָלקס־ליד, וואָס ער האָט מיט באגייסטערונג פראָפּאגירט, האָט אים געלערנט דעם סוד פון קפיצת הדרך אין וואָרט און מוזיק. נאָר אין לבוש פון ניגון האָבן זיינע מיט פאָלקס חן באטעמטע לידער געפונען דעם וועג צו ברייטע שיכטן פאָלקס־מענטשן. ער ווערט גיך פּאָפּולער. פּועלים און לערנייינגלעך פון שטעט און שטעטלעך ווייסן, אז דאָס, וואָס עס זאָגט זעליק, איז „היילִיק".

וויפל אָפּטימיזם און פיינע איראָניע, פּראָטעסט, פאראייניקט ער אין זייז פּאָפּולער ליד „עלע־בעלע":

„עלע־בעלע, דלות־דלות,
דו האָסט גאָרנישט,
איך האָב אלעס.
ווער צעזעצט און ווער צעשפּרינגען,
וועל איך דווקא לידלעך זינגען.
עלע־בעלע..."

אָדער אזעלכע סטראָפעס:

..."ווילסטו מיליאָנען —
האָב איך.
ווילסטו גראמאָפאָנען —
האָב איך.
יעדעס קינד איז ווערט מיליאָנען,
אוי, זייער שפּילן — גראמאָפאָנען.
עלע־בעלע.
ווילסטו א שנירל פּערל —
האָב איך.

װילסטו א בריליאַנטל —
האָב איך;
מײַן עלטסטע שניר זי הײסט דאָך פּערל —
און עכט בריליאַנטל איז איר בערל,
עלע־בעלע".

("עלע בעלע")

א בילד פונעם יידישן לעבן אין פריערדיקן מאָלדעװישן שטעטל און דאָרף, שילדערט אונדז זעליק באַרדיטשעװער אין זײַן ליד „אלה תולדות נח". דער קרעטשמער איז א ייד, װעלכער פירט נישט קיין גרינג לעבן. ער האָט אויסצושטיין באַלײדיקונגען רדיפות, חוזק און קלעפּ פון זשאַנדאַר, פּרימאַר און שװאַרצמאַהניקעס. „די בני ויזתא האָבן אים צוגענומען די פּרנסה":

..אלה תולדות נח
אװעק אַלצדינג מיטן רויך...
קלינגט דאָס דאָרף מיט רעדעס, דרשות:
א פּיאַװקע נח און א רשע איז.
אַלע װינקלען מיט געשפּענסטער —
פליען שטײנער אין די פענצטער..."

("אלה תולדות נח")

אין זײַן „דוינע" באַזינגט זעליק באַרדיטשעװער דאָס שװערע לעבן פול מיט לײַדן, װאָס עס פירט דער אָרעמער פּויער?

ס'האָט דער װינט געפּאַטשט, געשמיסן,
די ציגצאַרעס מיך געביסן;
זון געברענט מיך און געבראָטן —
נישט קיין װענט און נישט קיין שאָטן.

ס'האָט געדעגנט, ס'האָט געראַסעט,
נאַלאַקעס שאָף האָב איך געפּאַשעט; —
ער האָט ברינדזע, שאָף און װאָל,
איך געבליבן הויל און גאָל".

די שפּראַך פון זעליק באַרדיטשעווערס לידער איז דורכגעוועבט מיט לאָקאַליזמען, ווי: גאָל־נאַקעט, ברינדזע־שאַפּענער קעז; מינדזע־לאַשעק, זשעליע־טרויער, כראַם־יום־טוב־קערמעשל, גאַלאַקע־מיכאַלאַקע א. אנד. אין זיין „דוינע“ איז זעליק באַרדיטשעווערן געלונגען צו באַהעפטן דאָס יידי־שע פאָלקס־ליד מיט דעם ספּעציפישן אַראָמאַט פון דער רומענישער ערד, קינסטלעריש צו קרייצן זיין קלאָג און טרויער מיט דער האַרציקער בענק־שאַפט פון דער רומענישער דוינע.

„גייען צרות, קומען ליידן
און די שמחות מיט די פריידן
איינגעווייקט אין בלוט און טרערן.
ווייל:
פעטער־לעבן איז א כעסן,
הערט נישט אויף אונדז קנייפּן, שמייסן“.

אָבער זיין בטחון, קאָן מען פון האַרץ פונעם אַרבעטס־מענטש נישט אַרויסיאָגן:

„פרייען זיך איז גוט,
פרייען זיך איז גוט
לאָמיר זיך פאַרגעסן
כאָטש אויף איין מינוט“.

אויב דאָס לעבן איז ליימיק־בלאָטיק ווי נאָך א רעגן אויף רויע וועגן, איז עס נאָך אַלץ נישט קיין גרונט צו פאַרצווייפלען, מחמת דער הימל האָט זיך נישט אַראָפּגעלאָזט אויף דער וועלט. מען דאַרף זיך נישט אונטערגעבן, נאָר אַרויסווייזן ווידערשטאַנד, זיין אַקטיוו און גרייט צום קאַמף.

... ווערן הערצער פול מיט שנאות,
אַלטע ווייבער זאָגן קינות,
יונגע, אויגן שיטן בליצן—
לאָמיר אויך נישט ליידיק זיצן“
(„לאָמיר אויך נישט ליידיק זיצן“)

דער גורל האָט געוואָלט, אַז פונעם שאַפן פון יונגן דיכטער זאָל גאָר ווייניק איבערבלייבן, כאָטש ער האָט נישט ווייניק געשריבן. מיר ווייסן נישט וועגן גורל פון די כתבים, וועלכע זענען געבליבן אין זיין היימשטאָט בעלץ. ס'איז אָבער באַוווּסט אַז זעליק באַרדיטשעווער האָט אויך געשריבן קינדערפּיעסן, פּעדאַגאָגישע אַרבעטן־א סאַרקאַסטיש ליד איז:

„כאָטש איך האָב קיין היים נישט,
קיין שטוב וווּ צו וווינען,
די וועלט, זי טרייבט און יאָגט מיך,
כ'טו איך רק נישט לוינען —
לעב איך,
לעב איך.
אוי, אוי, אוי ווײ, אוי ווײ לעב איך.
אזא יאָר אויף מיינע שונאים,
סאַרא טעם און סאַרא פּנים
ס'האָט מיין לעבן, מיין פאַרמעגן
און מיין וואַנדער אויף די וועגן —
און דאָך גיב איך,
און דאָך גיב איך.
אוי, אוי, אוי ווײ, אוי ווײ לעב איך.
כאָטש איך האָב קיין פּיס נישט,
קיין אבר נישט קיין גאַנצן,
מוז איך זיך אַמאָל דאָך
האַסטיק־ווילד צעטאַנצן —
טאַנץ איך,
טאַנץ איך.
אוי, אוי, אוי ווײ, אוי ווײ טאַנץ איך"

(„כאָטש כ'האָב נישט קיין פּרוטה")

אין רומעניע און אין אַנדערע לענדער קען מען דעם נאָמען פון דעם ייִדיש־רומעניש פאָלקס־דיכטער זייער גוט.

א כמעט פאַרגעסן ליד פון זעליק באַרדיטשעווער

אַנהייב דרייסיקער יאָרן האָב איך מיט זעליק באַרדיטשעווער געשפּילט אין שלום עליכמס איינאַקטערס אין דער יאַסער „קולטור ליגע".

אין א שבת צו נאכטס, בעת מיר האָבן רעפּעטירט (געפּראָבט) ביי א חבר, האָט זיך פּלוצים אויסגעלאָשן דאָס עלעקטרישע ליכט. ביז מע האָט גע־קויפט ליכט און זיי אָנגעצינדן. האָט זעליק, אימפּראָוויזירט א ליד, טעקסט מיט מעלאָדיע מיט א מאָל א ליד וואָס דריקט אויס דעם טרובאַדורס געפיל פון איינזאַמקייט און עלנט און אָנט זיין סוף:

„אין א קליינעם טונקלען צימער
זיץ איך איינזאַם און פאַרגעסן,
דיך מקנא בין איך ברודער,
דיינע פייגל מאָנען עסן.

אין א ווינקל הענגט א שפּין דאָרט,
נאָגט פון פליגל אויס דאָס חיות,
אין דעם ניגון פון דעם גריל דאָרט
הער איך לאַנג שוין ניט קיין נייעס.

ווערסט מיך ראַטן, ווערסט מיך עצהן
זיך א נעסטל אויסצובאָוען.
נאָר מיין האַרץ וואָס פילט דעם שטורעם
לאָזט קיין פייגל מיך ניט כאָוען.

וואָגן טויבן, ווייסע טויבן
פון די כמאַרעס פליען העכער,
פאַלט א רעגן, ריטשקעס יאָגן
פאַרבן בלוטיק רויט די דעכער.

אָך די שפּינען און די כמאַרעס
און ווי ווי מיר טון די טויבן.
דו זעסט ברודער. פייגל ווייגען
און איך־בלוטיק רויטע שויבן."

„שויבן בלוטיק רויטע", זיינען צייכנס פון בלוט און ביטערקייט, פון צייטן וואָס קומען... באַרדיטשעווער האָט פאָרגעפילט די פאַרברעכנס קעגן זיין פאָלק, מצד די מענטשן פיינט, בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה!

דער הומאָריסט און פאָלקסטימלעכער קינסטלער לוצא ענגעלבערג

איך ווייס נישט צי פונעם פאָלקס־בוך „ספר המדות" האָבן זיך די הארעפּאשנע רומענישע יידן געלערנט, אז „ווער עס איז די גאַנצע צייט פריילעך, איז אויך לויטער, פריש און געזונט", צי גאָר פון דעם גרויסן לעבנס־בוך. א פאקט איז — די רומענישע יידן האָבן ליב צו לאַכן פון אלץ און פון אלעמען.

די אַמאָל דערשלאָגענע און באדראָטע יידן, האָבן זיך פריילעך גע־מאַכט בעת פאמיליע שמחות, חתונות, חנוכה און פורים־צייט, צומאָל אויך בעת די שבתים — מיט מוזיק, געזאַנג און טאַנץ.

א וויכטיק אָרט האָבן פארנומען די פריילעכמאכער. למשל: דער יאסער איציקל הארוויץ, וועלכער פלעג בשותפות מיט נאָך עטלעכע יינ־גלעך — אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט־זינגען פאָלקס־לידער און פאָלקלאָריזירטע לידער (באזונדערס י. י. לינעצקי'ס). ער האָט אויך געשפּילט בדחנישע שטיקלעך און פורים־שפּילן אין הייזער, אין קרעטשמעס, אויף חתונות.

א באַקאַנטער בדחן און לץ, איז געווען דער דאָראָהאָיער סרול „שלנו", דער גאלאצער יאָסעלע מאָסקאָוויטש, דער בראילער יעקב יונה דיאמאנט, וועלכע פלעגן שאפן ווערטער און מוזיק, אויך אויף אקטועלע טאָג־טעגלעכע טעמעס. יעקב פסנתיר — דער ערשטער כראָניקער פון די רומענישע יידן. איז געווען זייער באַקאַנט אין רומעניע און מחוץ זיינע גרענעצן, ווי א מערקווירדיקער פאָלקס־זינגער און צימבלער.

אויספירלעכער לאָזט זיך דערציילן וועגן דעם וויצלינג יחיאל (לוצא) ענגעלבערג, געבוירן אין דער מאָלדעווישער בארג־שטאָט פּיאטרא־ניאַמץ דעם 24־טן יאַנואר 1879, אין אן אָרעמער משפּחה. ער פלעג רעדן אין גראַמען (ווי שמשון פערשט), מיט א וויץ, א קאַלאַמבור, א וואָרט־שפּיל אָדער גלייכווערטל.

די הומאָריסטישע סקיצע, דער קופּלעט, דער אנעקדאָט, האָבן אים פּאָפּולער און באליבט געמאַכט פריער ביי די קליינע סוחרימלעך און בע־לי מלאכות פון דער מאָלדעווע, שפּעטער איבער גאַנץ רומעניע. לוצא ענ־געלבערג'ס אופן פון אָפּשפּיגלען די היימישע סביבה און פּראָבלעמאַטיק איז פּרימיטיוו, שטומפּיק. דער בלאסער סאָציאַלער אקצענט פון דעם סאַ־טיריש־הומאָריסטישן שטאָף, פארלירט זיך אָפט אין ביליקן וויץ.

ווען לוצא ענגעלבערג האָט אָנגעהויבן שרייבן, האָט שוין רומעניע געהאַט די זכיה באַזוכט צו ווערן פון יצחק־יואל לינעצקי (וועלכער האָט א צייט געלעבט אין באָטאָשאַני און דאָרט ארויסגעגעבן א צייטונג) נאָר גאָר באַזונדערס פון שלום עליכם, וועמענס אָנוועזנהייט אין רומעניע האָט געמאַכט א רושם אין גאַנצן לאַנד.

ביים אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט זענען שוין ארומגעפאָרן איבערן לאַנד און פאָפולאַריזירט שלום עליכמ׳ס ווערק, משה שויכעט פון פיאַטרא נעאַמץ, יוסף פריש פון גאַלאַץ, קאַרל אייגעס פון באָטאָשאַני און א יידישער ליטעראַט יאַמפּאָלסקי פון רוסלאַנד. דער לעצטער איז געקומען קיין רומעניע, מיט שלום עליכמ׳ס רעקאָמענדאַציע. די אויבן דערמאָנטע פאָרן ארום אויך אין 1906, איבערן גאַנצן לאַנד, אין שטעט און שטעטלעך לייענען און פאָפולאַריזירן די ווערק פון אונדזער גאָניאַלן שרייבער.

די זעלבע ארבעט טוט באַלד וויטער די גרופע „ליכט“ פון יאַס: אפרים וואַלדמאַן, מאָטי ראַבינאָוויטש, איציק רובין. יאָרנלאַנג האָבן זיי אָרגאַניזירט אָוונטן אין כמעט אַלע שטעטלעך און שטעט פון דער מאָלדע־ווע, וו זיי האָבן פאָרגעלייענט שלום עליכמס ווערק וואָלט מען טאַקע גע־קאָנט האָבן טענות צו לוצא ענגעלבערג, אָבער...

ס׳איז דאָ אן „אָבער“. לוצא ענגעלבערג איז געווען שטומפּיק אויף דער עברי, נישט געקענט נישט לייענען און נישט שרייבן קיין יידיש דערפאַר האָט ער באַנוצט לאַטיינישע אותיות ביים אויפשרייבן זיינע זאַכן.

זיין ערשט ביכעלע „זביטקעס“ (Nazbatii), דערשינען אין 1907־טן יאָר, האָט ער געשריבן אין רומעניש.

ווי דאָס רוב וואָלעכישע יידן פון דער ערעמשאַפט, האָט לוצא ענ־געלבערג נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן א פאָלקס־שול און ווען זיינער א חבר האָט אים אמאָל געפרוווט מוסרן דערפאַר, האָט ער אים פאַרגעשלאָגן: — „האָסט דאָך פיר קלאַסן פאָלקס־שול, גיב מיר צוויי פון זיי, וועל איך דיר שיין באַצאָלן דערפאַר“.

אָט ווי עס הייסן לוצא ענגעלבערגס ביכעלעך: 1) „שבת נאָכן קוגל; ג) „די ניין טעג“; (1910) 3) „שבת נאָכן טיש“ (1910.) די צווייטע אויפלאַ־גע „איבערגעזעצן און פאַרגרעסערט“ (1926; 4) „שבת הגדול“ (1908—1914). אַלע די ביכעלעך זענען דערשינען אין פאַרלאַג „אַליינעניו“ — פאַר אייגן געלט הייסט עס!

לאמיר דורכבלעטערן דאָס ביכעלע „שבת נאָכן טיש“ 1926 — „סצע־נען, קופּלעטן, פֿאָלקס־וויצן און אַנדערע פֿאַרשידענע הומאָריסטישע ייִדי־שע דערציילונגען“.

אין דער פֿאָררעדע שרייבט לוצא ענגעלבערג אַז „דאָס ביכעלע איז פֿאָלקסטימלעך געשריבן פֿאַר גרויס און קליין. און אָרעמאַן, וואָס האָט דאָס רעכט צו שטאַרבן פֿון הונגער דעם גאַנצן טאָג, האָט דאָס זעלבע רעכט צו שטאַרבן פֿאַר געלעכטער אויך אַמאָל“.

דער מחבר איז אויסן: „איר זאָלט לייענען און לאַכן, ווערן לעבע־דיק און פֿריש“.

אָט וואָס ער רופֿט אָן א „זאָגעניש“: „שלמה המלך האָט אַמאָל געזאָגט: „צו האָבן א גוטן פֿריינד א נגיד קאָן קיינמאָל נישט שאַטן, נאָר אַז מע דאַרף צו אים האָבן, זאָל אַריין א רוח אין זיין טאַטן.“

אין „א שמחה“ פּרוּווט ער אַריינקוקן אין לעבנס־שטייגער פֿון די מאָלדעווערשע ייִדן. ער רעכנט אויס טראַדיציאָנעלע ייִדישע מאכלים: „זיסע שטרודלען, פֿייגן, צימעסן ווילע, קוגלען געפּלאָכטענע, יויכן, בראַ־טן, געפּראַזשעטע (געבראָטענע) פֿעפֿערלעך, געטרייבערטע, אָפּגעשיילטע פֿערעשקעס, טייגלעך מיט פֿאַסאָליעס, געזאָטענע „באַמבעס“ (גרויסע פֿאַ־סאָליעס) ראָסעלעך און אַנדערע מינים זויערע עסיקפּלייִשן, טרוקענע אָ־דער „נאַסע עסנס“.

אינעם צעטל פֿון די געסט, גיט לוצא ענגעלבערג אָן די צונעמען פֿון זיינע שטאָטלייט, למשל: חיה ספּאַדיק, זלמן מאַסקוויטער, שלמה טאַטער, יאַנקל טויזנט גראַם (א געברעכטעו), זינדל טראַמבאַטש (מיט א גרויסער, לאַנגער נאָז), ראובן פּאַפּעצע (א פֿאַנטאָפּל־העלד) א.א.

דער צונאָמען אַנטפּלעקט כמעט שטענדיק די שאַרפֿזיניקייט פֿון יע־נער סביבה, אין וועלכער ער איז באַשאַפֿן געוואָרן. ס'האָט דאָ געמוזט אָנ־טיילנעמען דאָס שאַרפֿע אויג פֿון א פֿאָלקס־מענטש מיט קינסטלערישע פֿעי־קייטן.

ווען לוצא ענגעלבערג רעכנט אויס, וואָס פֿאַר א קוגלען מע וועט אויף דער שמחה עסן, גלוסט זיך טאַקע זיין דאָרט: „געפּלאָכטענע, לאָקשע־נע, פּאַפּעשויענע, רעטשענע, גריסענע: געבבלעטערטע, געקנעטענע, פֿייגענע, פֿראַנצויזישע, געשמאַלצענע און בילקע קוגלען“.

... נאָר פֿון א געוואָרפֿענעם (נישט געראָטענעם) קוגל, זאָל דער אייבערשטער שומר ומציל זיין, ווייל א קוגל דאַרף זיין „גוט ווי יעקב,

שיין ווי רחל, רויט ווי עשו און פאַרװיינט (פעט) ווי שאול שמש, וועלכן די גובערניע האָט געלאָזט פאָטאָגראַפירן".

און אימפּראָוויזאַציע מיט היסטאָרישע אַנאַכראָניזמען, אומלאָגיש צו־נױפגעפּאָרט און מיט וואָלעכישע אַריינמישונגען. איז „די מגילה שטראָם־גראַם אָדער מגילת ערנעסטינא," דאָס איז אַ „וואָלעכישע פּורים־דרשה" און לויט לוצא ענגעלבערגס אָנווייזונג, ווערט זי „געזאָגט" זינגענדיק, מיט אַ נוסח, ווי אַ מאַרשעליק באַזינגט אַ כלה, אין באַגלייטונג פון משוררים אָדער מוזיק", נאָר אין אַלע שטעט לייענט מען דאָס לאָקאַליזירט, איבער־געביטן די נעמען פון די לעבעדיקע און פון די שטאָט־לייט:

„אוי ווי מיר, טייערע מענטשן, ווילע און שטילע,
הערט נאָר אויס, מיין לאַנגע מגילה,
און נעמט אייך זאָגן, ווייל ס'איז אַ גרויסע סגולה,
אַז נישט, וועט איר באַקומען אַ שאָטן חלילה".

„...'אוי ווי ז'מיר, ווען אהרן הכהן האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון מצרים, האָט אחשורוש פאַרלוירן דעם צילינדער־הוט, לעבן דער אַלטער ראָהאַטקע (זאָגן די משוררים: אָהאָ!). האָט פּרעה גענומען זיינע צוויי זין בלעם מיט זלפן, און האָט זיי געקויפט פאַר צען פראַנק קאָקאָשערעס (גע־פּראַזשעטע קוקורוז־קערנער), זיי זאָלן נישט וויינען, אַז זיי ווילן גיין צו פּוטיפר אויפן קנסמאָל (נאָך אַ מאָל קינדערלעך: אָהאָאָ!".

אינעם צעטל צונעמען דאַרף מען דערמאָנען שׂרה פון דער פּאַנאָראַמע. אָט דער צונאָמען דערמאָנט אין אַ יידיש „צירקוס־מיידל", אפשר די ערשטע אין רומעניע. דער צונאָמען שׂרה פון דער פּאַנאָראַמע, פירט אונדז צו אַ דאַטע און אַ געשעעניש:

אין דעם „בולעטין, פּאַאיע אָפּיטשיאַלע" (בולעטין, אָפיציעל בלאַט) פון יאַס, 1849, לייענען מיר אָט די ידיעה: „אַ יאַסער ייד זעליק סין גאָדעל און זיין פרוי צירל, גיבן אָפּ זייער טאָכטער שׂרה, אַלס לערנמיידל אויף זעקס יאָר צו אַ געוויסן פּרץ אַקסעלראַד, ער זאָל זי אויסלערנען דאָס פאַך „קאָמעדיע". מעגלעך אַז ס'איז די רייד פון זשאָנגלעריע, אַקראָבאַטיק, ווייל זי איז שפּעטער בארימט געוואָרן איבער דער מאָל־דעווע אַלס „שׂרה פון דער פּאַנאָראַמע".

אַ באַקאַנטער קאָמיקער, דער אַקטיאָר זעליק שאָר, אַ גאַליציאַנער וועלכער האָט אַ צייט געשפּילט און שטאַרק אויסגענומען אין רומעניע, זאָל

— לויט אונדזער השערה, — האָבן געדינט אלס פּראָטאָטיפּ, דעם רומעניש־יידישן דראמאטורג ראַנעטי־ראמאן (אליין געבוירן אויך אין גאליציע און זיך באַזעצט אויף א גוט אין נעאמצער געגנט), פאר דעם וויציקן מע־קלער זעליק שאַר, פון זיין דראַמע „מנשה״ (מאנאסע). דערמיט האָט ער אויך פיקסירט דעם הומאָר פון א פאָלסטימלעכן יידישן פריילעכמאכער.

אָט זענען א פּאָר פערלען פון ראַנעטי ראָמאַנ׳ס געשטאלט:״... ער איז אוודאי געווען א מעקלער, דער דאַזיקער משה, באמערקט זעליק שאַר, באטראכטנדיק א בילד מיט משה רבנו, אויב עס איז אים געלונגען נאָר מיט רייד, צו צאַפּן וואסער פון א שטיין!״

אויף אן ענגלישן מיסיאָנער, זאָגט זעליק שאַר: „ער הויזירט מיט רעליגיע!״ נאָר דאָס וואס זעליק שאַר זאָגט אויפן יידישן גאָט איז פשוט א חילול השם: „כ׳האָב אין דער היים א בילד „גאָט אויפן בארג סיני, א זקן מיט א לאנגער באָרד אין דער מיט פון א געדיכטן רויך־דער חילוק איז, וואס יענער דאָרט, רויכערט נישט פון א ציבעק (ווי דער אויף דעם בילד, דאָ״.)

פון דעם ווערסיפיצירטן אנעקדאָט „ברענגע מיטן ציינוויטיק אָדער באבסקע רפואות״ דערוויסן מיר זיך פון א גאנצער ריי סגולות:

„לייגט א קאָמפּרעס, געווערעלטע מאלטיי, געזאָטענער בוימל מיט אן איי, צימערינג אָדער א נעגעלע, פון א מייזל אן אייגעלע, ווערים־קרויט, נעמט אייך בלוט. אָפשפּרעכן; א ביסל כריין, באנקעס שטעלן, איינע קאלטע וואנע. טיי מיט ליפּעווע צוויט, מוזן־פילן מיט בחצוצרות; שמירעכץ מיט רעטשענע גרויפּן אין זויער־מילך צעפירט; ליפּן פּאָמאַדע מיט אָדעקאָלאָן, אריינגעקאפּעט דרייסיק טראָפּן פון אליפּיע דע באזאקאָניע״ (חוזק שמירעכץ־י.ש.). אן אלטע יידענע זאָל אייך אָפשפּרעכן כאָטש דריי מאָל און אז סע וועט אייך נישט איבערגיין, מעגט איר אייך הייסן ארויסנעמען די ציין״.

„ברענגע מיטן ציינווייטיק״ ווי א קופּלעט, איז אויסגענוצט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג, פון די בארימטע קינסטלערינס קלארא יאָנג און מאלי פּיקאָן און אויך פון דער קינסטלערין סידי טאל.

נעבן פּיקאנטע קופּלעטן און ביליקע וויצן געפינען מיר ביי לוצא ענגעלבערג ווערטלעך רייך אין קאָמיזם און אומדערוואַרטער בילדלעכקייט.

״א סוחר אָן פּארעס (אָן געלט), איז ווי א שוחט אָן איצארעס (פויערישע, לייוונטענע הויזן); א סופר אָן אותיות, איז ווי א נאַטאר אָן חרוסת. אָדער: א בית המדרש אָן שמות, איז ווי א שעכטהויז אָן בהמות.

א קלאָץ אָן א צאַנקע, איז ווי א בוהאַי אָן א טאַלאַנקע (א מין גלאָק וואָס מע הענגט אָן דעם שטיר פון דער טשערעדע.)

לוצא ענגעלבערג׳ס „ אנאָנסן“, געמישטע מיט רומעניִשע ווערטער, רופן ארויס געלעכטער, נישט געקוקט אויף זייער מאַקאַבערן אינהאַלט: „נפטרה פרייוויליק ביילי־בתיה די בעקערטע, געבוירן א מיידל אין 1868 יאָר, געשטאָרבן א קבצנטע דעם 16־טן נאָוועמבער 1909.״

א לאַקאָטקעלע פאַרן אייגענעם מיט־מענטש זענען אויך די פּיטאָרע־סקע פיגורן פון שטאָט. וועגן אהרונען (אראָלע) פון דער קבצנים־גאַס, שרייבט לוצא ענגעלבערג:

„...גאָר, גאָר גלייך גייט ער נישט, נישט פונקט (ווייל ער הינקט צו צו ביסלעך), נאָר גיין, גייט ער: ער גייט אין גאַס אריין, ער גייט צו א מת, צו א שמחה, נאָר נאָך בעסער, גייט ער איבער די הייזער בכבוד גדול“.

דעם שווישפּילער פּינקו פרידמאַן, מאַכט ער אַן עפּיגראַם:

„פּינע, פּינע.
דאָס גאַנצע לעבן, איז א פּאָוועטינע.
היינט פּלאָגט מען זיך דאָ, מאָרגן דאָרט,
ביז מע שפּאַרט אָן אויף דעם הייליקן אָרט.“

לוצא ענגעלבערג איז א בריה אויף אימפּראָוויזאַציע. די לאָקאַליזמען וועלכע ער ברענגט אריין, קאָנען דינען פאַר דיאַלעקטאָלאָגישע פאָר־שונגען, פונקט אזוי ווי די מאכלים און צונעמען קאָנען דינען פאַר עט־נאָגראַפישע און גאַסטראָנאָמישע פאָרשונגען.

וועגן א קאַרגן נגיד שרייבט ער אַז „ער עסט א... קרענק מיט פּריסמאַק פון בלויע פּאַטלאַזשעלעס“. אַז „אויף דעם פּאַפּושויענעם געסל, איז מיין מוזינע נעפּריטשקע געווען“.

די לאָקאַליזמען, מאַכן לוצא ענגעלבערגס שפּראַך פאַרביק און דערגענצן די חנעוודיק־שטיפערישע שטריכן פון דעם וויצלינג און גראַ־מענמאַכער.

פאַר אים איז ווי אַנגעמאָסטן געווען דאָס ווערטל: „א סך מלאכות און ווייניק ברכות“. א שטיקל רייזנדער, א שטיקל מוזיקער, א שטיקל לץ און א שטיקל אַגענט פון לעבנס־פאַרזיכערונג, דערפאַר אָבער א גאַנ־צער קבצן, כאָטש זיין עלטער־זיידע איז געווען א בעל־מופת.

זיין לעבנסקוויטל איז פעליק געווארן, ווי ער וואלט זיך אליין אויסגעדריקט, דעם 15־טן אקטאבער 1948, דאס הייסט ער איז געשטארבן אין עלטער פון 69 יאר.

אין לוצא ענגעלבערגס ערפנטלעכע ארויסטרעטונגען: „אין די הומאר פעסטיוואלן", פלעג ער אליין זיין דער קאנפעראנסיע, לייענען די אייגענע סקיצן, אנעקדאטן, עפיגראמען, קונציק כייפן אין די זשמעניעס צי פון א גרין בלעטל, און שפילן מיט דער הארמאניקע, יידישן און רומענישן פאלקלאר און אייגענע קאמפאזיציעס, וועלכע ער האט אליין אפגעדרוקט (מיט אייגן געלט), און אליין פארשפרייט. די מער געראטענע מוזיקאלישע שאפונגען זיינע, מיט חן פון פאלקלאר, זענען אייניקע מאל געשפילט געווארן אין דעם רומענישן ראדיא, נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און זענען אריין אין רעפערטואר פון די דעמאלטיקע ארקעסטערס.

לוצא ענגעלבערג איז אן עכט אייניקל פון דער איינגעפונדעוועטער פריילעכמאכער טראדיציע אין רומעניע.

היסטאָריאָגראַפן — פֿאָלקלאָריסטן

יעקב פסנתיר, דער מערקווירדיקער פֿאָלקסזינגער און ערשטער כראָניקער פון די רומענישע יידן

דער פֿאָלטיטשענער יאריד „ספענטו איליע" (הייליקער אליהו). הילצערנע בודקעס אָדער געשטעלן פול מיט סחורות: ערדענע טעפּ, שיסעלעך, קוילן, קלעפּקעס פאר פעסלעך, עמערס, דישקעס, שאָפּענע פעלעכלעך, סורמאנעס (פויערישע מאנטלען), גראַבע, געדיכטע באַנוולענע לייוונטן, האנטיכער פון פויערישער זייד (באַראַנדזשיק), לאנגע פויערישע קאָבריצן (טעפּיכער), דינערע געוועבן פון פארביקער וואָל, אָפּינקעס (פויערישע סאנדאלן) פון חזיר־פעלן, פּראָסטע הילצערנע לעפל, מילטערס, פּרימיטיווע בינשטאָקן פון ווערבן־האָלץ, מיט איין וואָרט פּראָדוקטן פון בארגמענטשן.

אויף אָט דעם מארק איז א געדרענגעניש פון מענטשן. ארום די בודקעס מיט געטראנקען, ארום די קרעטשמעס, שטייען בראָנפן־טרינקער, וועלכע וואַרפן צו פון ווען און ווען, עטלעכע פארעם (רומעניש קליינגעלד מיט 140 יאָר צוריק) די אָרעמע קלעזמער, יידן, רומענער, ציגיינער (וועלכע פאלן ממש פון די פיס, פון שפילן אָן אויפהער, שהען לאנג, אויפן יאריד. דער אכצן יעריקער יעקב פסנתיר איז צווישן זיי. פּלוצים הייבט אָן קלאַפּן א פויק און איינער שרייט אויס: „היינט בייטאָג ווערט אויסגעפירט דער פסק־דין, דער אורטייל איבער די אכט יידישע בעקערס וועלכע האָבן פארקויפט ברויט פון וועלכן ס'האָט געפעלט צו דער וואָג. קומט היינט דריי א זייגער נאָכמיטאָג אויפן פּלאַץ פאר דער איספּראַווניטשיע" (אנטשפּרעכט דער היינטיקער פונקציע פון א פּרעפעקט): דער עולם האָט זיך פארזאמלט און מען האָט אויסגעפירט דעם אורטייל: אויסגעטון די בעקערס און זיי געשמיסן ביז בלוט, אז ס'האָט אזש פארקלעמט יעדן ביים הארץ. אייניקע האָבן אפילו געוויינט און אלע האָבן זיך געטראַכט אז דאָס האָט ער, דער איספּראַווניק געטאָן, כדי ארויסבאַקומען א גרעסערן כאַבאַר

פון זיי. ס׳איז דאָך אַלעמען באַקאַנט דער „מנהג“ פון געבן אַ „מתנה“ דעם הער איספּראַווניק. ווער סע גייט צו אים מיט אַ בקשה באַגעגנט אים ביים אַנקומען אַ משרת, אַ ציגיינער, און אויב ער באַמערקט אַז דער מיטן עסק האָט נישט קיין פּלאַקאַן (מתנה), (אַריין לאָזן פלעג דער משרת נאָר צו איינציקע) פלעג ער זיך אָנרופן: — „וואָס ווילסטו? — כ׳האָב אַ ביטע. — נו, מיט ליידיקע הענט? — כ׳האָב גאָרנישט געבראַכט, — ס׳פּאַסט נישט, לויט אונדזערע מנהגים, צו קומען מיט ליידיקע הענט. ווייסטו וואָס? איך וועל דיר פאַרקויפן אַן אינדיק וועלכן דו זאָלסט געבן דעם הער איספּראַוו־ניק. דער מענטש פלעג זיך אַ ביסל מישב זיין, זיך דינגען איבער דעם פּרייז און סוף כל סוף אַריינגיין מיט דער בקשה און מיטן אינדיק, וועלכן דער ציגיינער פלעג באַלד אַרויסטראָגן כדי אים פאַרקויפן אַן אַנדערן „קונה“. דער אינדיק איז שוין אַזוי געווען געוווינט מיט דעם משא־ומתן, מיט דעם האַנדל, אַז ער פלעג גלייך אַרויפשפּרינגען אויף די הענט פון די וועלכע פלעגן אַריינקומען אין הויז. פּסנתירן האָט זיך גוט איינגעקריצט אין זכרון אָט די סצענע, נאָר דאגות פּרנסה האָבן אים, ווי אַלע אַנדערע דאָ פאַרזאַמלטע, צוריקגעטריבן אין מאַרק אַריין. ער האָט זיך באַלד באַ־געגנט מיט זיין קלעזמער־באַנדע און אָנגעהויבן שפּילן. פלוצים פילט ער ווי עמעצער טאַרעט אים די פּלייצע. ווען ער דרייט זיך אום, דערזעט ער ירמיהו׳ן, זיין עלטערן ברודער, אַ שטיף ברודער פון פּאָטערס ערשט ווייב, וועלכן יעקב פּסנתיר רופט פעטער ירמיהו.

אָט דער ירמיהו בן אשר זעליק, איז אַ בעל־מופת וועלכן מע רופט אויך בעל־שד, דער הויפּט פון די שדים. ער איז אַ ייד אין די דרייסיקער, וועלכער איז אויך אַ פיזיאָנאָמיסט, איינער וואָס קען זיך אויס אין חכמת־הפּרצוף. ער איז אויך אַ גורל־טרעפער, אַ מכשף וועלכער גיט באַבסקע רפואות, האָט פאַרשידענע בוריאַנעס־קרייטעכצער פאַר אַלערליי קראַנק־הייטן, באַזונדערס ווונדער נאָך נישט געזעענע ביז צו אים... ער זאָגט אַז די קרייטעכצער, האָבן צונויפגעקליבן טאַקע די שדים אַליין און קיין מענטש ווייסט נישט פון זיי...

געשעט אַזוי: אין הויז פון אַ געוויסן שלמה־לייב דער פלייש־האַקער וווּ ירמיהו איז איינגעשטאַנען, זענען אָנגעקומען צוויי געסט, סוחרים פון טערגו־נעאַמץ. איינער פון זיי שבתי טיקולאַטער מיט אַן עפּילעפּטיש מיי־דעלע פון 16 יאָר.

שמועסנדיק מיט ירמיהו׳ן, פאַרשטייען זיי זיך איין, ער זאָל זי אויסהיילן. דערווייל באַפריינדן זיך די סוחרים מיט ירמיהו׳ן און ער זאָגט

זיי צו, אז ער וועט זיי באווייזן זיין כח. דאס וועט געשען שבת צו נאכט אויף זונטיק.

דעם אנדערן טאג, אינדערפרי, איז געווען פרייטיק. פסנתיר איז געגאנגען צו ירמיהו׳ן, פאלגן א גאנג, עפעס איינקויפן פאר אים, רופט זיך אָן ירמיהו:

— זאָג מיר יאנקעלע, ווייסט וו לייבו קלארנעטער און ליטמאן סקאַ־מאטאָר וווינט?

וואס פאר א פראגע? מיר זענען דאך קרוביס און ביי זיי האָב איך געלערנט שפילן אויפן צימבל, און א צייט מיט זיי ארומגעפארן אין נעאמ־צער און סוטשעאווער (שאַצער) געגנט, געשפילט אויף יידישע און נישט־יידישע חתונות, אויף די ירידים, אין די מאָנאסטירן...

— אויב אזוי גיי. און רוף זיי אהער. כ׳האָב א פארדינסטל פאר זיי... א שטיקל ארבעט.

— א חתונה, פעטער ירמיהו? פרעגט פול נייגיר פסנתיר.

— כמו ווי א חתונה... נו גיי שוין גיכער יאנקעלע און ברענג זיי אהער.

אין א צייט ארום קומט צוריק יעקב פסנתיר מיט צוויי יידישע קלעזמער, יונגע, הויכע לייט דהיינו: מיט לייבו קלארנעטער און ליטמאן סקאמאטאר, א קלעזמער און שווארץ־קינצליער א „האקוס־פאקוסניק״. (זיין זון יעקב ליטמאן וועט מיט יארן שפעטער, שפילן און דיריגירן מיליטערישע אָרקעסטערס און ווערן דער מאן פון דער בארימטער קופלע־טיסטין פעפי ליטמאן).

— וואס איז נייעס, פעטער ירמיהו? פרעגט מיט נייגיר לייבו קלאָר־נעטער, דער עלטערער פון זיי. ירמיהו רופט זיי צו נענטער און מאכט א צייכן פסנתירן,ער זאָל שטיין אין א זייט, ווייטער אביסעלע. פסנתיר איז מטש אויסגעגאנגען פון נייגיר, אָבער אז ער האט געזען ווי זיי הייבן אָן זיך סודען, האט ער פארשטאנען און זיך דערווייטערט.

ירמיהו האט צו זיי גערעדט עפעס אין דער שטיל און דערנאָך צו־געגעבן: — האָמיר זיך הייסט עס איינפארשטאנען? איר וועט אייך צו דעם שפיל, פארשטעלן אלס שדים, לפי ערך אזוי: אייער קאָסטיום זאָל זיין א שווארצער מאנטל, קורץ ביז צו די קניעס, אָן ארבל; די פיס און די הענט — נאקעטע, הוילע, זאָלט איר איינעם מיטן פנים, אויסשמירן, אויסגיע־רען מיט סאזשע. אויף די קעפ זאָלט איר טראָגן הויכע היטלען, זשאבענען. קיין וואָרט זאָלט איר נישט רעדן און אייער לשון זאָל זיין נאר א מין

סוויסטשען און גוגערן מיטן מויל. איר זאָלט געבן פאַרשיידענע צייכנס. שבת צו נאַכטס ארום אכט א זייגער, זאָלט איר זיין גרייט הינטער דער שטאָט, מזרח־זייט, לעבן דער „טערגעוויטע״; דאָרט איז א פריי פלאַץ, און ווייל מען מאכט דאָרט ציגל און מע שיט אויס דאָס מיסט פון דער שטאָט, איז דאָס דאָזיקע אָרט זייער פּאסיק. נאָט אייך אויף א טרינק און דערציילט נישט קיינעם, גאָרנישט... פאַרן אוועקגיין, זאָגט אָן דער „בעל־מופת״ ירמיהו די קלעזמער, אז מאָרגן, שבת צו נאַכטס, זאָלן זיי זיין פּינקטלעך אכט א זייגער, דאָרט, ויך אויסבאַהאַלטן הינטער א בערגל מיסט, פופצן שפּאַן פון דער קערנעצע וועלכע מע רופט „סערטשעל״, און בלייבן דאָרט ביז ער וועט קומען מיט זיינע „קונים״, מיט די צוויי סוחרים.

דער פלאַץ איז געווען זייער פּאסיק אויך דערפאַר, ווייל אין דער נאָענט, האָבן אויך געוווינט די צוויי קלעזמער...

פסנתיר איז זיי נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צייט ביזן אָוונט, און נישט געקאָנט דערגיין דעם סוד. ענדלעך האָט אים לייבו קלאַרנעטער, זיין בעס־טער פריינט און קרוב אוועק גערופן אין א זייט און שטיל א זאָג געטאָן:

— קום צו מיר מאָרגן, שבת אינדערפרי, וועלן מיר גיין שפּאַצירן. א גליקלעכער האָט אים פסנתיר ארומגעכאַפּט און געקושט און זיך קוים דערוואַרט דעם אינדערפרי פון שבת, ווען ער איז אין איין אָטעם אוועק צו לייבון, גיין שפּאַצירן מיט אים... לייבו האָט אים געפירט טאַקע צו יענע מיסטן וווּ קיין מענטשן האָבן נישט געטראָטן.

— וואָס זוכסטו אין די פּוסטע ערטער? קיין שענערן נישט געפונען צום פאַרוויילן? פרעגט פסנתיר.

— שוויג ברודערקע, ענטפערט אים לאַכנדיק לייבו קלאַרנעטער. זעסט, אויף אָט דעם פלאַץ, וועלן מיר, איך און ליטמאַן, היינט אויפדער־נאַכט, אָפּשפּילן א שיין שטיקל טעאַטער. אָט דאָס בערגל מיסט, וועט אונדז דינען אלס בינע און יענץ גרינע גראָז, לעבן דער קערנעצע, וועט דינען אלס לאָזשע פאַר די געסט. (מע קאָן זיך משער זיין, אז זיי פלעגן שפּילן אין די „אָרקעסטערס״ פון די וואַנדערנדיקע טרופּעס פריער אין די רומענישע, שפּעטער אויך אין די יידישע.)

דערהערנדיק אַזעלכע רייד פון לייבו׳ס מויל, האָט אים פסנתיר שוין נישט אָפּגעלאָזט, ביז יענער האָט אים אויסגעזאָגט דעם סוד און די צייכנס צווישן זיי און ירמיהון. זיי האָבן זיך איינפאַרשטאַנען, אז פסנתיר זאָל אויך קומען צו דער שפּיל, מיטן באַדינג, ער זאָל זיך גוט פאַרשטעלן

און גוט אויסבאהאלטן, אז דער בעל־שד מיט זיינע געסט זאָלן אים ניט דערקענען.

נאָכדעם זענען זיי זיך צעגאנגען. פסנתיר, מיט זיין יינגלשען שכל, האָט אָנגעהויבן קלערן מיט וואָס פאר א קאָסטיום ער זאָל גיין צו דעם טעאטער, כדי, אויב די פרעמדע מענטשן וועלן אים זען און זיך היטן פאר אים, זאָל ער נישט קאליע מאכן די גאנצע שפיל. האָט פסנתיר באשלאָסן זיך קליידן ווי די אנדערע צוויי ריחות און אויב איינער פון די געסט וועט אים זען, וועט ער אויך געבן די צייכנס וועלכע ער ווייסט שוין. כדי נישט צו פארלירן צייט, האָט ער אָנגעהויבן זוכן מיט וואָס זיך אָנצוטאָן. ער האָט געפונען א גרויסן, אמת, אביסל געלעכערטן דייטשן (דאמען) הוט, א קליינגם מאנטל פאר זיין קערפער האָט ער נישט געטראָפן, אָבער אָנשטאט דעם האָט ער ארויסגענומען פון א קאסטן זיין מאמעס א שווארץ סאמעטענע קלייד, ווי ס׳איז געווען די דעמאָלטיקע מאָדע, און נאָך דער הבדלה, ווען מען האָט אָנגעצינדן די ליכט, היות זיין מוטער איז געווען ביי א שכנה, איז ער ארויף אויפן אויוון און זיך אויסגעשמירט מיט סאזשע פונעם קוימען דאָס פנים די הענט ביז צו די אָרעמס און די פיס ביז איבער די קניעס. דערזעענדיק אים אזוי פארשטעלט, זענען זיינע שוועסטער געלאָפן רופן די מוטער און ביז זי איז געקומען, איז שוין פסנתיר געווען פארטיק, פארפוצט און אויסגעניערט פון קאָפ ביז צו די פיס.

ווי די מוטער האָט אים דערזען האָט זי נאָך געקאָנט געבן נאָר א געשריי: „כאפט אים דעם זון מיינעם, בינדט אים, ווייל ער איז משוגע געוואָרן,״ און איז געפאלן אין חלשות. ער האָט גענומען די פיס אויף די פלייצעס און אנטלאָפן אז קיינער האָט אים נישט געקאָנט כאפן. אָנקומענדיק אויפן באשטימטן אָרט פאר דער באגעגעניש פון די שדים, האָט ער קיינעם נישט געטראָפן. היות עס איז נאָך געווען פרי, האָט ער זיך באהאלטן הינטער דער קערנעצן און געקוקט, זען ווען זיי וועלן אָנקומען. נאָך א האלבער שעה איז אָנגעקומען דער גורל־טרעפער מיט די צוויי געסט אויסגעפוצטע אין שבתדיקע מלבישים. פסנתיר האָט זיך אויסגעשטרעקט אויפן בויך מע זאָל אים נישט זען. דער בעל־שד האָט די צוויי סוחרים צוגעפירט אביסל אראָפצו פון יענער קערנעצע, פאר דעם מיסטבערגל און זיי אוועקגעשטעלט, שטייענדיק, איינעם ליבן אנדערן, מיטן פנים מזרח־צו, צום טייך. און מיט דער פלייצע מעריב זייט פון דער שטאָט. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעטאָן דעם פעלץ מיט פיקסענע פעלעכלעך,

אויסגעטאָן דאָס שטריימל און זיי אוועקגעלייגט אויפן גראָז. ער איז גע־בליבן אין הוילן קאָפּ, נאָר מיט א שווארצן קאפטן און ווייסע זאָקן אויף די פיס.

נאָכדעם האָט ירמיהו ארויסגעשלעפּט פון שויס א פארזשאווערטן שפּיץ פון א שווערד און אָנגעהויבן לויפן ארום די צוויי געסט און זיי אָן אויפהער אָפּגעשפּראָכן, שעפּטשענדיק ווערטער, די ערביי אַלעמאָל אריינגע־שטאָכן דעם שפּיץ פון דער שווערד אין דער ערד. נאָך א פּאָר מינוט איז ער שטיין געבליבן פאר זיינע געסט און זיך אָנגערופן: ברידער מיינע, וואָס איר זאָלט דאָ נישט זען, זאָלט איר אייך נישט דערשרעקן, ווייל אָט די שדים וועלכע איך וועל אייך ווייזן, טאָרן זיך נישט דערנענטערן און אייך אָנרירן, ווייל כ׳האָב ארום אייך געמאכט א קרייז מיט שלמה המלכס שווערד און זיי באשווירן מיט מאגישע שפּרוכן־אָפּשפּרעכענישן, פאר וועלכע זיי ציטערן און היטן אָפּ.

זיי מעגן צוקומען נאָר ביז צום קרייז, אריבערטרעטן אים, קאָנען זיי נישט; אלזאָ ברידער מיינע, קוקט נאָר פאָרויס קוקט נישט צוריק ווייל סע קאָן אייך פּאסירן אן אומגליק, א גרויס אומגליק.

ווען פסנתיר האָט געהערט אָט די רייד, האָט ער זיך דערנענטערט הינטער ארום צו די פּלייצעס פון די געסט, און זיך אויסגעשטרעקט אויפן גרינעם גראָז, אויפן בויך, כדי בעסער צו זען די דאָזיקע סצענע. נאָכן פארענדיקן די רייד האָט דער בעל־שד ווידער אָנגעהויבן ארומלויפן אין אַלע עקן פון אָרט, מיטן שפּיץ פון דער פארזשאווערטער שווערד אין דער הויך, אָנגעהויבן געבן צייכנס פייפן, גוגערן, לויט דעם אָפּמאך מיט די „רוחות" (קלעזמער). זעענדיק אז מען ענטפערט אים נישט, ווייל די שדים זיינען נאָך נישט געווען דאָרט, האָט ירמיהו אָנגעהויבן לויפן אויף א סטע־זשקע וואָס פירט צו א הויז, נאָענט צו דעם אָרט וווּ ס׳האָבן געוווינט די „שדים" — קלעזמער. פסנתיר האָט פארשטאנען אז ער גייט זיי רופן. דער־פאר האָט ער נישט אָנגעווירן קיין צייט, זיך גלייך אויפגעהויבן פון דער ערד און אין איין אָטעם געלאָפן, געשניטן דעם וועג און אויס־געוואקסן פארן בעל־שד אויף דער סטעזשקע. ווען יענער האָט אים דערזען איז ער פאר שרעק אנידערגעפאלן און ס׳האָט מיט אים גע־ווארפן ווי אין א קדחת. ער האָט נישט געקאָנט ארויסריידן אפילו א ווארט און ווען פסנתיר זאָל אים געוועון אָנרירן מיט דער האנט וואָלט ער אויפן אָרט געלאָזט די נשמה פאר שרעק. ער האָט געהאט גערעדט

מיט די צוויי הויכע לייט און דאָ איז גאָר פסנתיר אויסגעוואַקסן, מיט אַן אויסזען פון אַן אמתן שד.

פסנתיר האָט אים נישט אָנגעערירט, נאָר געזאָגט: פעטער ירמיהו, דערשרעקט אייך נישט, שטייט אויף! איך בין יאַנקל, דאָס ייִנגל וועלכער קומט יעדן טאָג צו אייך. מיך האָט איר געשיקט רופן די צוויי קלעזמער צו אייך. נאָך אַט די רייד פון פסנתירן, איז ירמיהו געקומען צו זיך, פסנתירן גוט באַטראַכט און אַ פאַרחידושטער געפרעגט: פון וואַנעט ווייסטו אַלץ און ווער האָט דיך אַזוי געקליידט? אָבער פסנתיר האָט אים געענטפערט אַז ס'איז נישט קיין צייט צו שמועסן, אַז ירמיהו זאָל צוריק גיין צו זיינע געסט ווייל ער פסנתיר, ווייסט גענוי וואָס צו טאָן און אַז ער וועט ענט־פערן אויף אַלע צייכנס. ירמיהו איז צוריקגעגאַנגען צו זיינע לייט און באַלד אָנגעהויבן געבן צייכנס, סוויסטשען, גוגערן, וואַרפן מיט דער שווערד אין דער לופטן, אין אַלע ווינקלען. פסנתיר איז זיך אַראָפּגעגאַנ־גען ווייטער, זיך אוועקגעשטעלט הינטער אַ בערגל מיסט און אָנגע־הויבן „ענטפערן" אויף די צייכנס פון בעל־שד מיט פייפעריי, גוגערן א. א. וו. דערנאָך האָט ער זיך דערנענטערט צו די סוחרים און געשפּרינגען, זיך געוואָרפן אויף זיי. ביז צום קרייז פון דער שווערד, אַזוי אַז סע איז די געסט באַפאַלן אַ גרויסע שרעק אַז זיי האָבן אָנגעהויבן זאָגן ודוי... און אויך געבעטן ביי ירמיהן ער זאָל זיי לאָזן אהיימגיין. ירמיהו האָט גע־געבן דעם צייכן פון אויפהערן און פסנתיר האָט זיך צוריקגעצויגן הינטער זיין בערגל מיסט. דערנאָך האָט דער בעל־שד געהייסן זיינע געסט זיי זאָלן זיך אומקערן צום גאַסטהויז אָבער זיי זאָלן נישט אויסדרייען דעם קאָפּ ווייל סע דראָט זיי אַ גרויסע געפאַר.

ווי אַ פייל אויסן בויגן זיינען זיי אַנטלאָפן און אין גאַסטהויז וווּ זיי האָבן געוווינט, באַשטעלט מען זאָל זיי אָפּבראָטן 2—3 עופות און גע־געסן און געטרינקען מיט ירמיהו. פסנתיר איז געגאַנגען צום הויז וווּ ס'האָבן געוווינט די אַנדערע צוויי רוחות. ווען יענע האָבן אים דערזען האָבן זיי זיך שטאַרק געחידושט און נאָך דעם וואָס ער האָט זיי דערציילט די ערשטע פאַרלאָפענע געשעעניש, איז זיי באַפאַלן אַ געלעכטער און אין דער זעלבער צייט האָט זיי באַנג געטאָן למאַי זיי זענען נישט ביי געווען. אויפן פלאַץ זענען זיי געווען פריער פאַר אַלע און אַז ס'איז קיינער דאָרט געווען, זענען זיי זיך אַהיימגעגאַנגען און געוואַרט מע זאָל זיי רופן.

ווי דער בעל־שד זיצט ביים טיש און יענעם פרייטיק צו נאכטס און טרינקט מיט די סוחרים, זיינע געסט, קומט ווידער צו רייד פון די שדים. רופט זיך אָן ירמיהו, אז ער האָט אין זיין רשות 99 רוחות — א נום, (ווייל איינעם האָט א פנים געטראָפן א דונער און ער איז געשטאָרבן. האָבן זיך אָנגערופן די געסט: איר האָט אונדז געוויזן נאָר איין רוח און נישט פון די אלטע. דערויף האָט זיי דער בעל־שד ירמיהו געענטפערט אז ער האָט נאָר געוואָלט אויספּרוּוון זייער מוט. האָבן זיי אים געענטפערט אז זיי האָבן נישט מורא מער און ער זאָל זיי ווייזן כאָטש צען שדים. האָט זיך אָנגערופן דער בעל־שד: מיט פאר געניגן, מאָרגן באנאכט וועט ער באפעלן צען שדים זאָלן קומען טאנצן פאר זיי.

דעם אנדערן טאָג זונטיק אינדערפרי, איז פסנתיר געקומען צום בעל־שד, אָפּמאָנען די פיר פירפיריקס (עסטרייכיש קליינגעלד. ווי 15 גראָשען, וועלכעס האָט צירקולירט אין רומעניע בעת דער באזעצונג מצד די עסטרייכישע טרופן און אויך שפּעטער), וויפל ירמיהו האָט אים צוגעזאָגט פאר דעם שטיקל ארבעט אלס שד. ירמיהו האָט אויפגענומען פסנתירן מיט גרויסער פרייד און געזאָגט אז ער דארף האָבן צען מענטשן פארן אָוונט. ער וועט זיי געבן צו עסן און א געשאנק. פסנתיר איז געלאָפן צו די צוויי קלעזמער און מיט זיי איינעם צונויפגענומען 12 געזונטע יינגען אָפּגערעדט מיט ירמיהון אויף אכט א זייגער אין אָוונט, אויף דעם שוין באקאנטן בערגל מיסט. ער איז פּינקטלעך אָנגעקומען מיט זיינע געסט, געמאכט דעם קרייז מיט דער שווערד און מוט צעשפּרייטע הענט געזאָגט א שפּרוך: — „קומט צו פליען שדים מיינע, אליע צען פון די גהינום־טאָלן! איך ירמיהו בעל שד רוף אייך. קומט צו פליען! איינס און צוויי איך צייל ביז 13!" אָפּגעציילט און אָנגעהויבן געבן צייכנס. האָבן זיך די צוועלף יונגן אזוי צעפּיפן און צעגוגערט אז מען האָט דערהערט ביזן שטאָט צענטער. היות סע פלעגן דעמאָלט ארומגיין גנבים וועלכע פלעגן אונטערציגדן שטאלן, הייזער, כדי דערנאָך צו ראבעווען, פלעגן ארומגיין אויף די גאסן צו 5—6 זשאנדארן מיט א גרעסערן איבער זיי, אָפּהיטן די שטאָט פון די פארברעכערס. זייענדיק אין דער נאָענט, און דערהערנדיק די קולות, האָט איינער פון אָט די שומרים זיי אָנגעהויבן ארומרינגלען. דערזעענדיק זיי, האָט הענדל קאָפּראל, אויסגעשריגן: קינדער אנטלויפט ווייל די „גאָווערנע" (אוטאָריטעטן, אויף מאָלדעוויש פאָלק־לשון) לייגט די האנט אויף אונדז.

זיינען זיך אלע צעלאָפן. די סוחרים האָבן זיך קוים מיט צרות צוגעשלעפּט צו זייער אכסניה. די יינגן זענען זיך צעלאָפן ווער אהיים, ווער זיך אויסבאַ־האַלטן צווישן די ציגל. ירמיהו און פּסנתיר זיינען אַראָפּגעלאָפן ביז צו אַ טייך, און דאָרט אויסגעבליבן ביז פאַרטאָג, ווען זיי זענען דורך דער באָטאָ־שאַנער באַריערע — אַ קאָנטראָל פּונקט ביים אַריין און אַרויספאָרן פון שטאָט — אַ היימגעקומען. דער בעל־שד איז באַלד אויסגעוועזן די צייט פון פּאַלטי־טשעני און איז אַוועק קיין גאַלאַץ. דעם אַנדערן טאָג האָט מען געזוכט הענדל קאַפּראַל אין דער פּאָליציי, מען האָט אים געזאָגט אַז ער איז געווען צווישן די נעכטיקע לייט לויטן קול, אָבער ער האָט נעלייקנט און געזאָגט אַז ער ווייסט נישט פון גאָרנישט. אַזוי איז פאַרבליבן פאַרהילט דער אמת וועגן דער געשעעניש פון יענער נאַכט אין פּאַלטיטשען אָבער ירמיהו'ס שווינדל, זיינע „מופתים" זענען געוואָרן בולט פאַר איעדן.

די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן זוכן דעם „בעל־שד" און זיין געהילף־פּסנתירן, איז ער אַנטלאָפן קיין יאַס. דאָרט האָט זיך פּסנתיר באַגעגנט מיטן מאָנאַך עפּטימיע וואַסיליו, אַן אַלטער באַקאַנטער, נאָך פון נעאַמצער מאָנאַסטיר, וועלכער האָט געדינט לעצטנס, אין דער יאַסער מיטראָפּאָליע (קאַטעדראַלער קלויסטער־י.ש.).

אין דער צייט וויפל פּסנתיר האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביים מאָנאַך, האָט ער אויסגעלערנט לייענען די קירילישע אותיות, וועלכע וועלן אים העלפן ביים לייענען און דעשיפרירן אַלטע דאָקומענטן.

לאַנג בלייבן ביי זיין פריינט איז נישט מעגלעך געווען. איבריקנס האָט אויך די יאַסער פּאָליציי אים אָנגעהויבן זוכן, אַזוי אַז פּסנתיר איז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אויף אַ צייט רומעניע, (צען יאָר נאָכן פּסק־דין, אַז מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן, פלעג בטול ווערן דער אורטייל — י.ש.) ביז מען וועט מוותר זיין די שטראָף פאַר זיין שולד.

בראש פון אַ באַנדע קלעזמער „שוואַרצט ער די גרענעץ" קיין בעסאַראַביע. פון דאָרט, אין די דעמאָלט טערקישע געביטן: קרים, בולגאַ־ריע, גריכנלאַנד און שפּאַרט אַזש אָן קיין סטאַמבול. ס'אַראַ רייכן רע־פּערטואַר האָט ער פון די לענדער וו ער וואָגלט מיט זיין קלעזמער קאָמפּאַניע! ער לערנט אויסריידן אַפילו טערקיש און אין יאָר ווען עס ברעכט אויס די רעוואָלוציע פון 1848, אין רומעניע, קומט ער צוריק אין לאַנד (דעמאָלט צוויי פירשטנטימער (פּרינציפּאַטן) מונטעניע און מאָלדעווע).

ער באַזוכט די משפחה אין פּאַלטיטשעני, טערגו־נעאַמץ פון דאָרט פאָרט ער קיין פּאָקשאַני וו ער גייט אַריבער די דעמאָלטיקע גרענעץ פון דער מאָלדע־ווע קיין מונטעניע, ער באַזעצט זיך אין בוקאַרעשט, אין קלעזמערישן געסל

טראַדאַ ספּינצילאָר, ער האָט חתונה צום דריטן מאָל, מיט זעלדע בת ר׳אַבֿרהם ווייס, די טאָכטער פון אַ שניידער און לייטישער מענטש, פון בוקאַרעשט. מיט דער פרוי, אַ געטרייע לעבנס באַגלייטערין, בלייבט ער צוזאַמען, ביז זיין אָפּלעבן און 1902.

פסנתיר האָט אָן אויפהער געוואַנדערט מיט זיין קלעזמער קאָמפּאַניע. אין 1849 — 1850 שפּילט ער אין סטאַמבול און סוף יאָר קומט ער צוריק קיין בוקאַרעשט.

פסנתיר דערמאָנט זיך אין זיינע וואַנדערונגען איבער רומענישע דערפער און שטעט, איבער פּריצישע הויפן, די ליבע וועלכע מ׳האָט אים און זיין קאַפּעליע אַרויסגעוויזן, צוליב לעבעדיקייט אין לוסטיקייט וועלכע ער פאַרשפּרייט דורך זיין שפּילן און זינגען. אַ צייט איז ער אפילו געווען קאַפּעלמייסטער אין אָרקעסטער פונעם בוקאַרעשטער נאַציאָנאַל־טעאַטער !...

ער דערמאָנט זיך... איצט איז ער אונטערוועגס, צו אַ פּריצישער חתונה. ס׳איז אַ הייסער זומער טאָג. אַ וואָגן אָנגעלאָדן מיט קלעזמער, בלייבט שטיין אויף אַ באַרג לעבן דעם אַלטן יידישן שטעטל טערגו־אָקנאַ, מאַכן אַ פּאַפּאַס. פאַרשמירטע פּנימער פון שטויב און שווייס, אייניקע גאָר טונקעלע ווי סמאָלע-חנא קלעזמער, יאָרגו אַנגעל, קאָסטאַקע ציגיינער און די איבעריקע לייבו קלאַרנעטער, יאַנקו ליטמאַן, טוביה טראָמבאָניסט, יעקב יונה דיאַמאַנט דער צימבלער, לייזער היטעלמאַן, וועלוול דער גרויסער און דער לעצטער וועלכער שטייגט אויס פון וואָגן איז יעקב פסנתיר, אַ קליין וווּקסיקער, רירעוודיקער, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע און אַ גרויער באָרד. ער האָט אָן אינטעליגענטן אויסזען אַלע טרעסען אָפּ דעם פאָרעך פון זייערע מלבושים און שטרעקן זיך אויס אין דעם הויך געוואַקסענעם גראָז. דער הונגער איז אָבער גובר די מידקייט און נאָך דעם ערשטן דרימל, כאַפּן זיי זיך אויף, כדי אָראָפּצוגיין אין שטעטל.

— נענע יאַנקולע. ווענדט זיך איינער פון זיי, צו יעקב פסנתיר־זייער קאַפּעלמייסטער, גיב אונדז אַביסל באַש (געלט) מיר זאָלן גיין עפּעס איבערכאַפּן...

— זעט נאָר חבֿרה, איר זאָלט נישט פאַרשיכורן אייערע אינסטרומענטן (כלים)... איך האָב איצט נישט מיט וואָס זיי אויסצולייזן.

— זאָרג נישט, נענע יאַנקולע, מיר וועלן זיי אָפּהיטן די כלים, זיי זיינען דאָך אונדזער ברויט.

— אויב אַזוי, זאָגט פסנתיר מיט אַ ברידערלעכן שמייכל, נאַט אייך באַש צום בעדען (עסן) און זאָל אייך ווויל באַקומען.

— גייסט נישט מיט אונדז, נענע יאַנקולע ?

— איך בלייב דאָ... אביסל זיך אָפּרוען... געדענקט חברה, מאָרגן פאָרן מיר ווייטער, צום הויף פון פּריץ אלעקו. דאָרט וואַרט אויף אונדז א שווער שטיקל ארבעט. ווער ווייסט וויפל טעג און נעכט מירן דאַרפן שפּילן אויף דער חתונה פון זיין טאָכטער.

די קלעזמער וואַשן זיך ביי א וואַסערל וואָס לויפט פון די בערג און אויפגעפרישט, געזעגענען זיי זיך פון זייער קאַפּעלמייסטער און לאָזן זיך גיין צום שליאַך, וווּ א קעטיוגעניק (קוטשער) פאַרבעט זיי צו זיך אויפן וואָגן. ער פאָרט אַנלאָדן זאַלץ ביי דער סאַלינע (זאַלצגרובן). חברה צעזיינגען זיך. דער בעל־עגלה איז זיי מכבד מיט א ביסל צויקע (א היימישער בראָנפן), און די קלעזמער נעמען ארויס די אינסטרומענטן און... סע הילכן שוין די אַלטע מאָלדעווישע, טערגו־אָקנער וועלדער פון האָרעס, זשאָקן און חסידלעך...

פּסנתיר וואַשט זיך, קעמט די האָר פון קאָפּ און באָרד... קוים אריבער די פופציק יאָר און די באָרד איז שוין היבש באַזילבערט, די אויגן אָפּ־געשוואַכט אזוי, אז ער מוטשעט זיך ביים לייענען א ספר אפילו אין מיטן העלן טאָג... וויפל ער האָט מיטגעמאַכט אין זיין לעבן! וויפל צער און פּיין אים איז באַשערט געווען. פון די ווינטן און רעגנס איז זיין פּנים גע־קאַרטשעט... פון דאָ ווו ער געפינט זיך, זעט ער גוט דאָס שטעטל טערגו־אָקנאַ, וואָס איז ארומגעגאַרטעלט מיט הויכע בערג. דער ברויזנדיקער טייך טראָטוש, באַקומט דאָ, די פרישע וואַסערן פונעם סלאַניק, וועלכער פליסט פון איינזאַמע פעלזן אין די ריזיקע וועלדער. בריקלעך זיינען דאָ און דאָרט אריבער געוואָרפן איבערן טראָטוש אָבער מענטשן און וועגענער מיט אָקסן, מאַכן זיך א וועג דורך דעם שנעל לויפנדיקן אָבער נישט צו טיפן טראָטוש. אויף ביידע זייטן פון וואַסער, זענען צעשפּרייט פּויערישע שטיבעלעך מיט טענענביימער און פּיכטען, אויבס־ביימער און אויסגעוואַקסענע קוקורוזן ארום.

דער הימל איז לויטער, זעט מען קלאָר אלץ, פון דערווייטנס. אָט זיינען די צוויי בית עלמינס פון שטעטל און ווייטער דער פון טערגו־טראָ־טוש... פּסנתיר טוט א שווערן זיפץ... וויפל דורות ייִדעס ליגן דאָרט... און יעדער פאַרעך וואַרפט אים פאָר אז ער איז א וואַגאַבונד, א פרעמדער אין די מקומות...

אויפן קלעצל פון זכרון וויקלען זיך ווייטער די געשעענישן פון זיין לעבן. ארום אים שפּרייט זיך אויס א שטילקייטס טרויער. דער גערויש פון די ביימער און פון טייך טראָטוש, שפּילן אונטער דעם קלעזמערס גע־מיט. אויף דעם פאָדעם־קלעצל־צייט וויקלען זיך זכרונות...

פון יאָרן זאַמלט ער פאַרשיידענע דאָקומענטן, כתב־ידן וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע. אָט די אַרבעט טוט ער אָן אויפהער, אין די זעלטענע שעהן פון מניחה, אונטער וועגס, בעת פאַפּאַסן. ער טוט דאָס זומער צייט, אין סעזאָן, ווען ער פאַרווײַלט מיט זיין קאַפּעליע די געסט פון די צפון־מאָלדעווער מאַנאַסטירן און אין די אַי־בעריקע חדשים, אין זיינע לאַנגע וואַנדערונגען איבער מאָלדעווע און וואַ־לאַכיי (מונטעניע). אַ היבשע אַרבעט אָפּגעטאָן אויפן געביט פון יידישער עפּיגראַפיע. די שפּורן און עדות פאַר דורות, פון פינף הונדערט יאָר יידי־שער ישוב אין רומעניע זענען די בית עלמינס. אַ גרויסע צאָל עפּיטאַפן (כתבת־מצבה) דעשיפרירט און אויפגעשריבן. גאַנצע טעג מיט לײַדנשאַפט גע־האָרעוועט; אָפּגערייניקט די פאַרוואַקסענע מיט מאָך אָדער צווייגן, אויס־געגראָבן, אויפגעהויבן מצבות און מיט אייפער פאַרשריבן די נעמען פון די פאַרשטאָרבענע תלמידי חכמים, מחברים פון ספרים, קדושים, כלי קודש, מלמדים, בעלי מלאכות, סוחרים און סתם יידן וועלכע האָבן זייער רו דאָרט פון הונדערטער יאָרן... אַ סך אַרבעט און ווייניק רו... דער באַשיי־דענער און פלייסיקער יעקב פּסנתיר האָט זיך גענומען אָנשרייבן אין יידיש, די געשיכטע פון זיינע גלויבנס־ברידער פון דעם לאַנד רומעניע, אויפן סמך פון: כריסאָוון (כתב־מלכות), פון אַ גרויסער צאָל דעשיפרירטע אויפגעשריבענע עפּיטאַפן (כתבת־מצבה), פון ספרים, פון מסורות און פון די ביכלעך און צייטונגען וועלכע האָבן געבראַכט געשעענישן אינעם לעבן פון זיין אומה. פון די לעצטע מאַטעריאַלן איז געקומען צו פּסנתירן דער אימפּולס צו זאַמלען און פאָרשן. פּסנתיר איז דער ערשטער כראָניקער פון די רומענישע יידן.

דאָ איז דאָס אָרט צו געבן אייניקע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן פּסנ־תירן... געבוירן איז ער דעם ערשטן טאָג שבועות, שנת תק״ף מיט איבער הונדערט און פופציק יאָר צוריק, געניער דעם 19־טן מאַי 1820. לויט בן־משה (לאַזאַר שיינעאַנו) דעם 6־טן יוני 1820, אין דער מאָלדעווער שטאָט באָטאָשאַני.

זיין פאָטער, אשר קלמן זעליק, איז בשעתו געווען אַ באַהאַוונטער מענטש, וועלכער האָט געקענט מערערע שפּראַכן, און איז יאָרנלאַנג געווען באַשעפטיקט אַלס דאָלמעטשער (איבערזעצער) אין פראַנצויזישן קאָנסולאַט פון יאַס; דערפאַר האָט מען אים גערופן זעליק פראַנצויז.

אין 1803, האָט דער 23 יעריקער יונגערמאַן זעליק דער דראַגאָמאַן, אינטערווענירט ביי דער מאָלדעווער רעגירונג, מע זאָל פאַרברענען דאָס

בוך „אינפרונטאַרעאַ זשידאָווילאָר“ (שטרענגע יידן־טאַדעלונג,) וואָס א גע־
וויסער משומד נעאָפיט (נח מלמד), האָט אָנגעשריבן קעגן יידן און פון
וועלכן פּאַשקוויל, די רומענישע יידן האָבן געהאַט א סך צו ליידן.

אין יאָר 1807, האָט זעליק זיך באַזעצט אין באָטאָשאַני און חתונה
געהאַט. בעת דער ממשלה פון פרינץ סקאַרלאַט קאַלימאַך, רופט מען אים
קיין יאַס, וו ער ווערט דאָלמעטשער ביים פירשטלעכן דיוואַן (געריכט
אָדער מלוכה־ראַט), און פאַרנעמט אָט דעם פּאָסטן ביזן יאָר 1819. נאָכדעם
קערט ער זיך אום קיין באָטאָשאַני, וו ער פאַרבלייבט ביז 1823, ווען ער
ווערט אַנגאַזשירט אויפסניי אין פראַנצויזישן קאָנסולאַט פון יאַס. דאָ אַר־
בעט זעליק ביזן יאָר 1831, ווען ער שטאַרבט פון דער כאָלעריע וועלכע
בושעוועט אין לאַנד.

נאָכן פאָטערס טויט, פאָרט יעקב פסנתיר מיט זיין מוטער קודם קיין
טערגו־פרומאָס, דערנאָך קיין יאַס, וו ער לערנט אין א תלמוד תורה און
ווייזט אַרויס מוזיקאַלישע פעיקייטן, באַגאַבונג ביים שפּילן אויפן פידל
און צימבל. מיט דער צייט ווערט מוזיק זיין פרנסה, מיט וועלכער ער פאַר־
דינט גוט.

א פלייסיקער אויטאָדידאַקט, לערנט ער עברית און רומעניש. לאַנג
בלייבט ער נישט אין יאַס. די קרובים פון מאָלדעוועשן שטעטל פּאַלטיט־
שעני, רופן די אלמנה מיט איר זון יעקב, זיי זאָלן זיך באַזעצן דאָרט. די
מוטער פון פסנתירן, האָט צום צווייטן מאָל חתונה און אין 1837, האָט זי
געבוירן א זון, באַלד נאָך דעם א מיידל און נאָך קינדער. היות דער על־
טסטער פון דער משפחה יעקב, האָט זיך גענערט פון זיין מלאָכה־מוזיק,
האָבן אויך די אַנדערע יונגע קינדער, געלערנט אָט די מלאכה און נישט
נאָר זיי...

אין דער שטאָט ראָמאַן, האָט ער פּלימעניקעס, זיין שוועסטערס קינ־
דער. א נעפאָט צבי בן זאב און דער שפּעטער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר
און באַאַרבעטער פון גאָלדפאַדענס מוזיק, דער קאַפּעלמייסטער פון מיליטע־
רישע אָרקעסטערס און לאַנגיאָריקער פּראָפעסאָר אין די מיליטערישע מוזיק
שולן־חיים בערנשטיין, (חיים איציק), געשטאָרבן אין עלטער פון 80 יאָר,
דעם 9־טן אָקטאָבער 1938 אין יאַס. אַלע זענען זיי קלעזמער און אָרנטלעכע
מענטשן—שרייבט פסנתיר אין זיין „ספר הזכרונות“, ז. 8. קלעזמער זענען
אויך די קרובים פון פּאָלטיטשעני, ליטמאַן קלאָרנעטער און ליטמאַן שוואַרצ־
קינצלער. ביי זיי פערפעקציאָנירט זיך פסנתיר גוט שפּילן אויפן צימבל,
מיט זיי פאָרט ער אַרום א צייט, אין דער נעאַמצער און סוטשעאַווער געגנט,

ביז ער איז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיין היים און משפּחה און וואַנדערן אין פרעמדע לענדער... ווי פאַרוואָלקנט ער ווערט, ווען אין דמיון וויקלט זיך אויף די טראַגישע, שיעור נישט טראַגישע געשעעניש פון יאָר 1838, בעת דעם גרויסן פּאָלטישענער יריד „הייליקער אליהו „(ספּענטו׳ל איליע" אויף רומעניש.)

לאָמיר איצט זען וויאַזוי ס'האָבן פּסנתירן אָפּגעשאַצט זיינע מיט־צייטלער און פריינט:

אברהם בער גאָטלאָבער, איינער פון די באַטייטנסטע שרייבער פון דער יידישער פּרי־קלאַסיק, האָט מיט דער געלעגנהייט פון זיין באַזוך אין רומעניע, אין 1876, זיך באַקענט מיט די בוקאַרעשטער משכּילים און העב־ברעיש קענער, בתוכם אויך „מיטן מערקווירדיקן פּאָלקסזינגער" יעקב פּסנ־תיר. מיר שטרייכן אונטער די אויטאָריטעטערע מיינונג פון גאָטלאָבערן, וועל־כער איז געווען א מנגן, געהאַט א פיינע שטימע און געשטאַמט פון חזנים.

ס'אַרא רייכן רעפּערטואַר האָט פּסנתיר אָנגעזאַמלט אין די וואַנדער יאָרן, אין אַזויפיל לענדער! אַלטע מוזיקער, ווי דער נישט לאַנג פאַר־שטאָרבענער 88 יעריקער משה בוגיטש, האָט מיר מיט אייניקע יאָרן צוריק דערציילט, אַז ער פלעג אַלס יונג מיטגליד פון דער משפּחה־קאַפּעליע, (זיי, די בוגיטשעס, האָבן אויך א סך לענדער באַזוכט סוף פאַריקן יאָרהונדערט) שפּילן שיינע געלעגנהייטס־לידער און קלעזמערישע קאָמפּאָזיציעס „איבער־געגנומענע" פון יעקב פּסנתיר'ס קאַפּעליע אָדער פון איינצעלנע מיטשפּי־לער פון פּסנתירס קאַפּעליע... אָבער היות מ'האָט זיי נישט פאַרשריבן אויף נאָטן, זענען די קאָמפּאָזיציעס פאַרלוירן געגאַנגען.

דער פאַקט, וואָס ער איז א צייט געווען קאַפּעלמייסטער פון בוקאַ־רעשטער רומענישן נאַציאָנאַל־טעאַטער (מיטגעטיילט פון ש'ס — ראָמאַן) באַשטעטיקט אַז ער, פּסנתיר, איז געווען א פעיקער מוזיקער. מיר גלייבן אויך פּסנתירן, ווען ער שרייבט אין זיין „ספר הזכרונות", בוקאַרעשט 1890, אויף זייטן 228, אַז ער האָט „מיט די נאָבעלסטע מוזיקאַנטן מיטגעאַר־בעט, האָב איך געהאַט די ערע, אונטער דער גרעסטער געזעלשאַפט צו קומען און זייערע דיסקוציאָנען אויסצוהערן." מיר דערגענצן: ניט נאָר צוהערן פלעג פּסנתיר נאָר ליידנשאַפטלעך באַקעמפן, מיט רייכע, דאָקומענ־טירטע ביישפּילן, יידן־פיינטלעכע אַרויסזאָגונגען...

דער באַטייטנדער געזעלשאַפטלעכער טוער און איינער פון די ערשטע שעקספּיר איבערזעצער אויף רומעניש, אַדאָלף שטערן, שילדערט אַזוי פּסנתירן אין זיין באַנד מעמואַרן, אויף רומעניש, „פּונעם לעבן פון א רומענישן יידן", דערשינען אין בוקאַרעשט אין יאָר 1915, אויף זייטל 358:

„...ער איז געווען א קליינוווקסיקער מיט א קיילעכיק פנים, א פליאטשעקע נאָז, קליינע אָבער לעבעדיקע אויגן, א געדיכטן קאָפּ שווארצע האָר. געווען אן אינטעליגענטער מענטש מיט א לייטישן אויסזען, פלעג מוטיק ארויסזאָגן זיינע מיינונגען אין דער יידן־פּראַגע אין זיינע וויכוחים מיט די אדל־לייט פון יענער צייט".

וועגן פסנתיר'ס כאראקטער, שרייבט משה שווארצפעלד־דער רייכער קוואל פון אינפאָרמאציע וועגן רומענישע יידן, פאָלגענדעס:... „ער האָט געהאט א גאָלדענע נשמה· געווען אן ענטוזיאסט, א וואָלונטארע, פריי־וויליקע בריה."

דער באשיידענער אויטאָדידאקט יעקב פסנתיר, שרייבט אין זיין שוין דערמאנטן „ספר הזכרונות" צו זיין ביאָגראַפיע:

„...איך האָב נישט שטודירט אין קיין שול און אויף דעם אוניווער־סיטעט, און ליצֵיי האָב איך קיינמאָל נישט באזוכט, נישט איך וויס וואָס פאר א מאכל דאָס איז. תורה, נביאים, כתובים איז געווען מיין ליצֵיי, און די מפורשים זיינען מיינע לערער; דערפאר האָב איך מיר דערלויבט א קורצע ביאָגראַפיע אָנצושרייבן."

וועגן פסנתיר'ס געזעלשאפטלעכער ארבעט גיט אונדז איטערעסאנטע פּרטים זשאק א קריץ'ס נאָוועלע „א בלינדער פּראָפעסאָר," דערשינען אין" אנואר פענטרו איזראעליצי (יאָרבוך פאר יידן) אויף דעם יאָר 1891/92, ז. 59—94, וועלכע דערגאנצן דעם פּראָפיל פון אָט דעם פּילזייטיקן פסנתיר:

„...אין דעם „שבתדיקן קרייז", וועלכער פלעג זיך צונויפקומען אין פּראָפעסאָר קייזערס שול, איז געווען אויך דער סימפאטישער און ווערטפולער אלטיטשקער י. פסנתיר, צום אומגליק היינט אויך בלינד. מיט דעם לעצטן, פלעג זיך אונדזער אלטער (פּראָפ.קייזער), אָפט באראָטן און ארומשמועסן פארשידענע יידישע ענינים.

דעם זעלבן קייזער, פלעג פסנתיר רעציטירן אויסנווייניק, אין די שבתדיקע נאָכמיטאָגן, פארשידענע קאָמפּאָזיציעס ווי: לידער, אנעקדאָטן, איבערזעצונגען אין פערזן, אין יידישן פאָלקס־לשון (געמיינט: יידיש) שלמה המלך'ס משלי. אָט ווי אזוי עס פארברענגט דער אלטער זיינע שעהן פון רו."

דער געלערנטער משה גאסטער האָט אים דערמוטיקט אין דער ארבעט און אָנגעשריבן א פאָרוואָרט פון 18 זייטן צו פסנתיר'ס בראשור אויף רומעניש א. ט. „פּערמעקאטאָרול" (דער מכשף) דערשינען אין קראַיאָווא, רומעניע, 1886, זייטן 118 + 18. דר עליאס שווארצפעלד שרייבט

אין זיין ארבעט „די יידן בעת דער זאוועדע״ (בעת דעם אויפשטאנד פון די גריכן אין 1821, אין די רומעניש פירשטנטימער.) דערשינען אין ״אנואר־רול פענטרו איזראעליצי (יאָרבוך פאר יידן) 1884 — 1885, זיי 13 — 34; דער הויפט־צוועק פון אָט דער ארבעט, איז מער צו באווייזן די לייענער אונדזער חוב אויף דעם געביט וואס מיר האָבן צו פאַרדאנקען פסנתירס פעָן״.

בן־משה (לאזאר שיינעאנו) האָט אין דער „פראַטערניטאטעא״ פון 1880 נר. 48, אָפּגעדרוקט א גענויע קורצע ביאָגראַפיע פון פסנתירן און געחתמעט לאזאר שיין. דער שוין ציטירטער אדאָלף שטערן שאצט אויך אָפּ ריכטיק פסנתירס ארבעט:

„...איך האָב אים גוט געקענט. ער האָט זיינע שענסטע יאָרן פארבראכט ווי א מוזיקער־קינסטלער, דאָס הייסט אלס צימבלער אין קלעזמער־קאָמפּאַניעס. מיט זיי האָט ער ארומגעוואנדערט איבער דער מאָלדעווע. בעת די פּאַפּאַסן, אין די רגעס פון רו, האָט ער ליב געהאַט צו לייענען אין די יידישע ביכלעך און צייטונגען, וועגן די געשעענישן אינעם לעבן פון זיין פאָלק. אין זיי פלעג מען אָן אויפהער רעדן פון דער אלטקייט פון די יידישע תושבים אין רומעניע, וועלכע מען פלעג אלץ פאַרוואַרפן אז זיי זיינען פריש צוגעקומענע אין לאַנד, פון נעכטן אָדער אייערנעכטן.

דעמאָלט האָט פסנתיר זיך דערמאנט אין די אויפשריפטן אויף אייניקע מצבות פון די יידישע בית עלמינס און האָט אָנגעהויבן זיי אויפזאמלען, אויפלעבנדיק די פון דער צייט, פארווישטע אויפשריפטן און ארויסגערופן די פון דורות באַגראָבענע מתים, זיי זאָלן עדות זאָגן וועגן די לעבעדיקע.

נאָך די ערשטע טריט, האָט זיך אין אים דערוועקט די ליידנשאפט פון זאמלער. ער האָט אָנגעהויבן אויפזאמלען כריסאָוון (כתב־מלכות), דאָקומענטן און מנהגים, און זיי אויפשרייבן אין יידיש און עברית, די איינציקע שפראכן וועלכע ער האָט געקענט שרייבן כאָטש ער האָט גערעדט פּערפעקט רומעניש.

אזוי ארום האָט ער (פסנתיר) בייגעשטייערט צו דער כראָניק פון רומענישע יידן. אין קורצן פארלאָזט ער גענצלעך (דאָס שפילן), דעם צימבל, כדי זיך איבערגעבן זיין ליידנשאפט״.

און איצט ווי אזוי פסנתיר האָט אויסגעזען אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, אין די זיבעציקער יאָרן פון זיין לעבן. מיר ציטירן פון זעלבן מחבר, פון אדאָלף שטערנס בוך:

„...ער פלעג אפט קומען צו מיר. דער אלטער פלעג אריין מיט לעבעדיקע באוועגונגען געווען א קליינוווקסיקער, מיט א בויך, קורצע פיס, מיט א קיילעכדיק פנים אין וועלכן [ס'האבן געגלאנצט צוויי קליינע בלויע אויגן, תמיד פול טרערן. די ברילן האבן געריטן אויף דער פלאטשי־קער נאז. דער אלטער האט נישט צוגעצויגן מיט זיין אויסזען. איינגעווי־קעלט אונטער דער לאסט פון דחקות, פלעג ער בעתן רעדן, באוועגן די הענט אזוי, גלייך ווי ער וואלט געקלאפט אין אן אימאזשינערן צימבל. ער פלעג זיך אן אויפהער באקלאגן, מינדלעך און שריפטלעך. אין די צייטונ־גען, ווי צום ביישפיל אין א אפענעם בריוו דערשינען אין „בוקארעשטער היועץ" פון 24 אויגוסט 1888, אז ער ווערט פארפאלגט פון די קהלישע בעלי־בתים".

מיר ווילן דא דערקלערן אז אזוי האט אויסגעזען פסנתיר אין די זיבעציקער יארן פון זיין לעבן. בעת זיינע אפטע פארשונגען איז ער אין יאם כמעט בלינד געווארן און דער בארימטער דאקטאר טאוסיג פון יאס, האט אים באהאנדלט די אויגן קראנקהייט, אפערירט, און אויף א צייט געראטעוועט פסנתירס ראיה.

אין זיין ארבעט „אויפשריפטן אויף די יידישע קברים, באזונדערס אויף די פון רומעניע" ווייזט אן ל. שיינעאנו אז: „...פסנתיר'ס כראניק האט געדינט אלס הויפט קוואל פאר מיין ארבעט."

דער געלערנטער היסטאריקער פון די רומענישע יידן דר מ.א. הלוי, שרייבט וועגן פסנתירן „...ביי אונדז, (אין רומעניע, י. ש.) נאך די דייט־שע היסטאריאגראפן (ווי פראנץ שולצער א. אנדערע, איז דער פאטער פון דער רומעניש־יידישער היסטאריאגראפיע, דער כראניקער יעקב פסנתיר, וועלכער האט זיך נאך א לעבן וואס ער האט פארבראכט אלס וואנדערנדי־קער קלעזמער בשותפות מיט ציגיינער, יידן און רומענער, גענומען אנ־שרייבן אין יידיש — די געשיכטע פון זיינע גלויבנס־ברידער פון דעם לאנד".

ווי מיר זעען, האבן די וויכטיקסטע קולטור און געזעלשאפטלעכע פערזענלעכקייטן פון רומעניע אנערקענט און געהעריק אפגעשאצט פסנ־תירס פארש ארבעט.

פסנתירס געדרוקטע ארבעטן זיינען: א) „דברי הימים לארצות רומע־ניע" דער ערשטער טייל, לויט פסנתירן, פון „קורות היהודים ברומעניע." וועגן זייער אינהאלט שרייבט דער מחבר: „אין דעם ספר „דברי הימים" שטייט ווי די לענדער דאטשיא (רומעניע), זיינען געווען באוווינט מיט

זעקס הונדערס יאָר פאַר דעם גוז״רי, און ווו די יידן האָבן זיך באַזעצט אין די לענדער „דאַטשיא״ פון נאָך דעם חורבן בית ראשון און ביז דעם היינטיקן טאָג. אויך האָב איך געשטעלט א קליינע געאָגראַפיע פון די לענ־דער דאַטשיא, כדי אז איעדער מענטש וואָס וועט לייענען אין דעם ספר, זאָל ער וויסן ווו א יעדער אָרט ליגט, מאת יעקב ברי׳ אשר זעליג פסנתיר דפה בוקארעשט בירת רומעניע, יאַססי בדפוס ה׳ גאָלדנער, 1871. (די אָרטאָ־גראַפיע איז מאָדערניזירט איבערגעשריבן י.ש.). אויף די זייטן ב — ז׳ זיינען אָפּגעדרוקט די הסכמות אויף לשון קודש פון הרב הגאון שרגא פייבל טויבש, נ״י רב דפה יאַססי: יצחק אייזיק טויבש (טאובעס) בערלאַד, יצחק אייזיק שור (שאָר) מבוקארעשט, משה־דוד שאפּירא גאלאץ הדרשן אָשר הלוי המכונה אנטאָן לוי־בבית הכנסת „בית יעקב״, מורה ראשון בבית הספר הכללי בבוקארעשט; יעקב חיים הלוי קאָרן מלבוב, מורה הדת פה בירת רומעניע; הלל כהנא מבאָטאָשאַן. פון דער הקדמה אויף יידיש, זייטל ז־ח־ט, דערוויסן מיר זיך אז: „אין יאָר 1865 למספרם, האָט גאָט דער־וועקט מיין הארץ און איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן דאָס ספר „קורות היהודים ברומעניע“ כדי אז מיר יידן וואָס וואוינען אין די לענדער רומע־ניע, זאָלן אויך האָבן א באַשרייבונג און אָנדענק. וואָס מיט אונדז יידן איז פאָרגעגאַנגען אין די לענדער מאָלדעווע — וואלאכיי, כדי אז אונדזערע קינדער זאָלן ניט דארפן זוכן אין פרעמדע ביכער.

דאָס ספר „קורות היהודים ברומעניע“ האָב איך געטיילט אין צוויי טיילן: דער ערשטער טייל הייסט „קראָניקא דאַטשיא אָדער דברי הימים לארצות רומעניע“. דער צווייטער טייל „קורות היהודים לארצות רומע־ניע“, לעמבערג 1873, נעמט אריין דעם צייט־אָפּשניט פון 15־טן ביז סוף נייַנצעטן יאָרהונדערט“.

כאָטש ער איז ארומגעפאָרן קרוב פערציק יאָר ווי א מוזיקער, האָט ער, ווייזט אויס גאָרנישט אָפּגעשפּאָרט. ווייל באלד ווי ער מוז אויפגעבן זיין פאַך צוליב דער שווערער אויגן קראנקהייט, לעבט פסנתיר אין גרויס דחקות. אין זיין „נעקראָלאָגיע“ שרייבט ער (ז.137): „... מיין ליב ווייב זיצט א גאנצן טאָג אין מיטן גאס מיט א ביסל געמיינע סחורה, קליינ־קייטן, בענדלעך, נאָדלען, פאָדעם. מיט דעם געמיינעם האנדל נערן מיר זיך שוין זעכצן יאָר“ דאָס שרייבט ער אין 1890. מיר ווייסן זיכער, אז פון זיין אָרעמקייט, האָט ער אויסגעהאלטן א קראנקן שטיף־ברודער, פון זיין מו־טערס צווייטן מאַן.

וויאזוי זשע האָט ער גיעקאָנט ארויסגעבן זיינע ווערק? מיט דער הילף פון פרענומעראנטן (אבאָניענטן) פאר יעדן בוך. דערציילט אונדז טאקע פסנתיר ווי שווער און ביטער ער האָט געזאמלט פרענומעראנטן: „... אין יאָר 1869 תרכ״ט, האָב איך איבערגעלאָזט מיין ווייב זלאטע בת רב אברהם חייס, מיט אירע צוויי קינדערלעך, (אפנים איז זי געווען אן אלמנה ווען פסנתיר האָט זי גענומען י.ש.) און בין געפאָרן אין דער מאָלדעווע אייר, סיון, תמוז קיין פאָקשאני, באקוי, ראָמאן, און אב, אלול קיין פיאטרא. איך בין געשטאנען פיר ביז פינעף וואָכן אין א שטאָט, ביז איך האָב געמאכט פיר ביז פינעף אבאָנענטן״. אויף דער רייזע איז פסנתיר שווער קראנק געוואָרן אויף די אויגן, יום שבת קודש י״ד אלול תרכ״ט. און ווי מיר האָבן פריער דערמאנט, האָט אים געראטעוועט דער באוווסטער דאָקטאָר טאוסיק פון יאס. אָבער נאָך דער אָפעראציע האָט ער שוין נישט געהאט מער אויף שפעזן צוריק קיין בוקארעשט. זיינען אים געקומען צוהילף דר׳ קארפעל ליפא, מתתיהו שמחה ראבענער (מורה ומנהל בבית היתומים ניישאץ־יאס) און זיין פריינט עקיבא השמאל.

פון דער אויגן־קראנקהייט האָט זיך פסנתיר, אפנים, נישט גאנץ אויסגעהיילט, ווייל מיט די יאָרן איז אים אָפגעשוואכט די ראיה, און ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אין „שבתדיקן קרייז״ פון פראָפעסאָר קייזערס שול, וווּ פסנתיר פלעג זיך באטייליקן מיט איבערזעצונגען, הומאָר און געזאנג, איז ער שוין געווען פון עטלעכע יאָר בלינד, פון 1883.

ביטערע זיינען געווען די לעצטע צוואנציק יאָר פון פסנתירס לעבן. זיין מאטעריעלער מצב, איז וואָס אמאָל ערגער געוואָרן. ער האָט נישט געקאָנט מער ארומפאָרן מיט זיין קלעזמער־קאָמפאניע, אָדער שפילן ערגעץ אויף א שמחה א חתונה־ווייל די ראיה, האָט אים אויפגעהערט דינען!

א געוויסע צייט האָט אים געשטיצט א פאריין. און די לעצטע יאָרן אין בוקארעשטער אזיל פאר אלטע לייט, דער יידישער, „מושב זקנים עליזאבעטעו״, ווו ער איז געווען א מיטגרינדער, האָבן אים די גבאים פון מושב זקנים, אָנגעטאָן כלערליי צרות, און אין 1890, אין פרילינג ארויס־געוואָרפן פונעם אזיל... און דעם אלטן פסנתיר, איז נעביך אויסגעקומען, נישט איין נאכט, צו שלאָפן אויף א באנק פון א שיל!

אין די אויגן פון די אזיל־„בעלי טובות״, איז פסנתיר געווען א קלעזמער. אין יענע יאָרן איז א קלעזמער באטראכט געוואָרן ווי דאָס אָרעמ־סטע, דערשלאָגנסטע, באליידיקסטע באשעפעניש, צו וועלכן מען האָט זיך באצויגן מיט ביטול, חוזק און פאראכטונג!

יעקב פסאנתיר איז געשטאָרבן אין בוקארעשט, אין יאנואר 1902.

דער ערשטער כראָניקער פון די רומענישע יידן איז געווען א מערק־ווירדיקער קלעזמער און פאָלקס־זינגער. פסנתיר געהערט צו דער גרויסער משפחה קלעזמער און מוזיקער, וועלכע לעבן אין רומעניע, אין 19־טן יאָרהונדערט. פסנתיר געהערט צו די, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט קרעפטיקייט און צערטלעכקייט, צו די יידישע פאָלקס־קינסטלער, ווי יעקב יונה דיאמאנד, די לעמישעס, די בוגיטשעס, ליוויק, און אנדערע.

יעקב פסנתיר האָט א טייל פון דער רייכער און צעוואָרפענער ירושה, וואָס די רומענישע יידן האָבן אָנגעזאמלט אין משך פון יאָרהונדערטער, אנטפלעקט פאר אונדזערע אויגן, און דערמיט פאראייביקט מענטשן און דורות.

טשיליבי משה
א מערקווירדיקער פאָלקס־שרייבער.

בוקארעשט, צוריק מיט הונדערט דרייסיק יאָר. נאָענט צו דער אזוי גערופענער „קבצנים בריק" אין דער אמתן א וויכטיקער וועג וואָס פירט ארויס פון בוקארעשט, צו דער האפן־שטאָט דזשורדזשיו און אנדערע שטעט, א מאָלערישער ווינקל פון דער פאטריארכאלער שטאָט, מיט נידעריקע הייזער וואָס האלטן זיך קוים אויף די פיס. צו דער בריק צו ציען זיך א גרויסע צאָל גאסן און געסלעך, שמאָלע, מיט קליינע קלייטלעך, פינצטערע, איינגעבויגענע, מיט דעכער וואָס רירן כמעט אָן די ערד. דאָ זעט מען אויך קליינע בעל־מלאכהשע וואַרשטאטן. דאָ פארקויפט מען נישט סחורות אין הורט נאָר לאחדים, מיטן באניקל (מיט קליינגעלט), קליינע קוואנטי־טעטן און פאר ווייניק געלט.

א געמישטער עולם, פון אלע שיכטן, ווי מערעשקעס, גייען אהין און אהער. אין אָט דעם געדראנג, א מענטש מיט א זיסן שמייכל אויפן פנים, א מענטש וועלכער מאכט זיך נישט קיין צימעס פון גאָרנישט, וועלכער ערגערט זיך נישט פון גאָרנישט.

א קליין ווקסיקער אָבער א שטארקער, מיט א לאנגן ציבעק אין מויל שטייט ער אויפן מארק. לעבן אים צוויי קוישן מיט כל המינים סחו־רות: זאָקן, האָקנדלעך צום טריקענען וועש, שפאגאט און קראגנס, שטעק שיך און צעלניק, נאָדלען און שפיגעלעך, קרעלן־מיט איין וואָרט: מכל טוב און גאָרנישט.

דער דאָזיקער האָצמאך „Avant la lettre", ציט צו די קונים מיט אייגנארטיקע אויסרופן אין גראמען:

„קויפט אָן מורא,
א גראָשן זייט וויסן:

שוין איינמאָל א סחורה־
פאַרטיק צעריסן!

אָדער ער לויבט זיינע אַנטיקן:

„...די בעסטע אין דער וועלט,
שיך־וועד עס גליסט:
איינעם פאַר געלד,
דעם צווייטן אומזיסט!"

אַן אַנדערטמאָל שרייט ער אויף א קול „זאָלן לעבן די פאַבריקאַנטן פון קראַגנס!" — פאַר וואָס פרעגט אים א פריציש זינדל, וועלכער האָט געהאַלטן אין איינקויפן עפּעס ביי אים.

„— וואָס פאַרשטייסטו נישט, נאַר אייגער? זאָלן לעבן די פאַבריקאַנטן פון קראַגנס, ווייל א סך פון די וואָס טראָגן קראַגנס, האָבן נישט קיין העמד אויף זיך!"

מען וויל אָנקוועלן פון זיינס א ווערטל, א וויץ, א שטעך־ווערטל אויף די נגידים, א מימרא׳ א סענטענץ, שטייען דערפאַר צענדליקער מענטשן אַרום אים.

ווער איז אָט דער חנעוודיקער האָצמאַך, וואָס איז אַזוי נושא־חן ביים עולם, וועלכן פּויערים און באַלמעלאָכעס, יידן און נישט יידן, רינגלען אַרום מיט אַזויפיל ליבשאַפט?

יאָן לוקאַ קאַראַדזשיאַלע־דער באַרימטער רומענישער סאַטיריקער־וועלכער האָט פון זיין קינדהייט אָן געקענט טשיליבי משה, כאַראַקטערי־זירט אים אַזוי:

"...ער איז געווען א קלוג אָבער שלימזלדיק קינד פון א פאָטער וואָס איז אַמאָל געווען א פאַרמעגלעכער סוחר און שפּעטער א יורד, געוואָרן אַן אביון. טשיליבי משה האָט געהאַט א שווער הויזגעזינט און א מענגע נישט פאַרזאָרגטע קינדער, וועלכע ער פלעג אויסהאַלטן פון זיין האַרעוואַניע ווי א הויזירער. אין זיין פאַך פלעג ער מער אויסנעמען „מיט זיין מויל" ווי מיט זיין סחורה, מער מיט זיין פילאָזאָפיע, ווי מיט זיין מסחר. טשיליבי משה איז געווען א סענטימענטאַלער מענטש, זייער מאָ־ראַליש אין מעשים, א בעל־רוח מיט אַן אויסגעצייכנטער נשמה."

טשיליבי משה איז געווען א קליינער למדן־קוים דאווענען געקענט. שוואך אין עברי, און שטומפיק אויף דער פען. דאגות פרנסה טרייבן אים איבער מערק און יארידן. טשיליבי משה קען דיעם ווערט פון וויסן אין פרעדיגט וויסן און זיינע ווערטלעך:

— — וויסן איז פארן מענטשן, דאס ליכט פון דער וועלט!

— בילדונג איז טייערער פון געלט!

— דער חילוק צווישן למדנים און עמי־הארצים, איז ווי צווישן לעבעדיקע און טויטע!

— א מענטש אן בילדונג, איז געגליכן צו א קינד אבער: נישט דער וועלכער לייענט ביכלעך איז א חכם, נאר דער וועלכער פארשטייט וואס ער לייענט, ווייל: דער זכרון איז די מאמע פון וויסן און די נשמה פונעם לעבן.

— חכמה איז א געווער קעגן אלע עוולות. טשיליבי משה איז מער מקנא א געלערנטן מענטשן איידער א רייכן: „ווייל געלט איז קיי־לעבדיק“!

*

טשיליבי משה איז א מיטצייטלער פון משכילישן טרובאדור וואלף ערענקראנץ זבארזשער. אין דער צייט ווען אין דער מאלדעווע האט דער פון מרחקים אראפגעקומענער זינגער, באזינגען די נויט און עלנט, די סאציאלע ראנגלענישן און אפקומענישן פון פארווארפענעם יידישן לעבן אין דעם גרויען באיארישן רומעניע, האט אין וואלאכיי טשיליבי משה באצויבערט דאס פשוטע פאלק מיט זיינע לעבעדיקע זאפטיקע מימרות, אויסגעמישטע מיט תורה־ווערטלעך און שפרודלדיקן הומאר, מיט גלייכווערטלעך, המצאות, סענטענצן און „לערעס“, אויפן פשוטן, פאלקס־טימלעך רומענישן לשון.

טשיליבי משה מוסרט שטרענג די שלעכטע, און רופט צו ברודער־שאפט, צו רעספעקטירן דעם מענטש: „ווער עס מאכט א חילוק צווישן מענטש און מענטש איז אליין נישט קיין מענטש!

— „ווי דער מילב צעפרעסט דאס מלבוש, אזוי צעפרעסט דעם מענטשן דאס נישט פארגינען, די קנאה.“

— „לעבן אן ארבעט, איז די שווערסטער פון גנבה און דלות.“

— „ווער עס לערנט יונגערהייט א מלאכה, דארף נישט אויף דער עלטער

בעטן קיין נדבה.״ „די יונגט איז ענלעך צום פרימאָרגן: מע דאַרף אָפּאַרבעטן דעם טאָג כדי צו געניסן די רו פון דער נאַכט״.

טשיליבי משה זעט דאָס סאָציאַלע אומרעכט, וואָס הערשט אין זיין צייט און זאָגט דעם אמת וועגן די געלט־גיריקע סוחרים, וועגן האַנדל וואָס איז שווינדל און אָפּנאַרעריי:

— „אַמאָל פלעג מען שעצן דעם מענטשן און היינט שעצט מען דאָס געלט!״ א סוחר זאָגט ליגן אומזיסט און אומנישט״, באַמערקט סאַר־קאַסטיש טשיליבי משה, און גיט צו:

— „דער גאַנצער וועלט קלעקן צוויי הענט, נאָר די סוחרים דאַרפן דריי: איינע צום געבן און צוויי צום נעמען״.

— „דער דלות טשעפּעט זיך צו צום אָרעמאַן ווי א קלייעשטשע און כדי פון אים פּטור צו ווערן, דאַרף מען האָבן מזל. אָבער מזל איז ווי קדחות, סע פּאַקט נישט איעדן!״

וויפל סאַרקאַזם ליגט אין זיין באַמערקונג וועגן דער ליטעראַטור פון זיין צייט:

— „זעט איר רבותי, וואָס פאַר א צייטן מיר האָבן דערלעבט: דאָס געשריבענע פּאַפּיר, איז ביליקער פון דעם נישט געשריבענעם״.

ווי שאַרף און הומאָרפול זענען, למשל, אַזוינע באַמערקונגען: „דריי זאַכן דערפרייען אן אָרעמאַן: א רייכער חלום, א סך ווייַן און נגידישע צוזאָגענישן.״ אָדער:

— „צווייערליי מענטשן זענען פאַראַן אויף דער וועלט וואָס בלאָזן זייער פון זיך: א קליינער באַאַמטער און א גרויסער טפש.״

טשיליבי משה באַדויערט דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב פונעם אַק־טיאָר אין אַמאָליקן רומעניע:

— „אונדזערע אַקטיאָרן זענען לוסטיק אין דער יוגנט און טרויעריק אויף דער עלטער.״

— „די הייזעריקע זינגען ווען זיי זענען זאַט, די אַקטיאָרן־ווען זיי זענען הונגעריק!״

וואַרעמע מיטלייד־ווערטער האָט טשיליבי משה אויך פאַר די קלעז־מאָרים פון זיין צייט:

— „דרייערליי פאַרשווינען ליידן בעתן פּסח־פאַסטן: (בעת דער דאַרע): די קלעזמאָרים, די הינט און די קצבים.״

— „די שטאָט טערגאָווישטע איז קליין — נאָר דער דלות איז גרויס.

יאָן לוקאַ קאַראַדזשיאַלע ציטירט פון טשיליבי משה אָט וואָס:

— „דער אייבערשטער גיט אונדז רעגן און דער פויער אכילה.“

— „דריי זאכן זענען קיינמאָל נישט ליידיק אין דער שטאָט בוקארעשט: די חובות-ביכער, דער טייך דעמבאָוויצא (וואָס פליסט איבערן צענטער פון שטאָט, היינט איבערגעדעקט) און די תפיסה“ און גיט צו: — „זיינע פערל זענען דאָרט ווו ער רעדט וועגן זיך אליין, וועגן זיין שלימזל וואָס וויל גובר זיין די חכמה און די געדלוד זיינע; די פיינע פערל זיינע זענען דאָרט, ווו ער שמייסט זיין ביטער מזל מיט א צארט-ביטערן שמייכל, דאָרט ווו ער לאכט אָפּ מיט א פיינעם הומאָר פון די אייגענע און פרעמדע צרות: — „טשיליבי משה שטארבט אן ערלעכער מענטש: קליינע חובות באַצאָלט ער און א סך האָט אים קיינער נישט געטרויט“.

טשיליבי משה איז געווען א קוואַל פון מענטשן-ליבשאפט און רחמנות. אליין נישט געהאט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען, טראָגט ער אַלעמען אנטקעגן הארץ און הילף. ער קאָן ארויסרופן ביי זיינע צוהערער יושר, מיטלייד און הילף דעם געררודפטן,

א סך ווערטלעך, וויצן, אנעקדאָטן, האָט מען משהן צוגעשריבן נאָך זיין פטירה (דעם 31־טן יאנואר 1870), אין בוקארעשט,

מיר האַלטן טשיליבי משהן, פארן פאָטער און פאָרגייער פון די רומעניש — יידישע שרייבער.

זיינע ביכעלעך אן ערך 13—14, וועלכע ער פלעג ארויסגעבן אין רומעניש, יעדן ערשטן יאנואר, צווישן די יאָרן 1858—1870, זענען אן אוצר פון לעבנס-חכמה. אין א קליינעם פאָרמאט, מיט 16—24 זייטלעך, פלעג יעדעם ביכעלע זיינס, האָבן א טיראזש פון צען טויזנט עקזעמפלאָרן (לויט משה שווארצפעלד) און ביז פינף אויפלאַגעס. אויף איינעם פון די זיבן עקזעמפליארן אין דער אקאדעמיע ביבליאָטעק, אין בוקארעשט, דאַטירט 1864. איז אויפגעשריבן: „די פערטע אויפלאַגע“. כאָטש אזוי זענען היינט טשיליבי משה׳ס ביכעלעך א יקר המציאות, ביבליאָפילישע זעלטנהייטן אָבער ס׳איז אָן ספק, אז מיט זיינע „לערעס און פראַקטיק“, מיט זיינע מעשים טובים, האָט ער דערוועקט און דערהויבן די ווערדע פונעם האָרעפּאַשניק.

אייניקע פון זיינע סענטענצן ציען זייער יניקה פון אלטע יידישע מקורות, אָבער זיי זענען פול מיט פרישקייט, עקספּרעסיוו, ווייל טשיליבי משה האָט אין זיי אריינגעהויכט א ניי לעבן, ארויפגעלייגט אויף זיי דעם חותם פון זיין שעפערישקייט.

א באַווייז פון טשיליבי משה׳ס באַרימטקייט און באַליבטקייט איז דער פאַקט, וואָס אין 1883 יאָר, האָט דער פּעדאַגאָג, דראַמאַטורג און אַק־

טיאַר סטאַטע דראַגאָמיר, אויפגעפירט אין יאַסער מלוכהשן נאַציאָנאַל טעאַטער, ווי אויך אין א טורנע איבערן לאַנד, זיין דראַמע „טשיליבי משה" (מאָיסי). די פּאַרשוינען טראָגן יידישע נעמען: טשיליבי משה, איזאַק רבי, לעאָן רבי (ראַבי), שרה, רבקה, ראָזא א.א.וו. די האַנדלונג קומט פאָר אין א סוחריש הויז, דאָס אָרט איז נישט אָנגעוויזן. דער כתב־יד געפינט זיך אין יאַסער מלוכהשן אַרכיוו.

א צווייטע פּיעסע א.נ. „טשיליבי מאָיסי" האָט אָנגעשריבן דער באַוווּסטער רומעניש ער דראַמאַטורג און רעזשיסער פּאַול גוסטי. און איז געשפּילט געוואָרן זומער 1906, אין גאָרטן „בלאַנדוזיא" פון א גרופּע אַק־טיאָרן, פונעם בוקאַרעשטער מלוכהשן נאַציאָנאַל טעאַטער. משמעות, אַז מ'האָט זי שנעל געמוזט בייטן, צוליב די שוואַרץ־מאַהאַניקעס. וועלכע האָבן נישט געקאָנט צולאָזן, אַז רומענישע אַקטיאָרן, זאָלן באַווייזן פּאָ־זיטיווע יידישע געשטאַלטן.

טשיליבי משה — דער מיט לעגענדעס באַקרוינטער, דער פאָלקס־טימלעכער פּיאָניר פון דער רומענישער הומאָריסטישער ליטעראַטור לעבט ווייטער אין די הערצער פונעם פאָלק, וועלכעס היט אָפּ זיין כבוד און אָנדענק.

משה שוואַרצפעלד
דער כראָניקער, פּובליציסט, פאָלקלאָריסט

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען משה שוואַרצפעלדן אין יאַס. איך פלעג זיך באַגעגענען מיט זיין אייניקל א צאַרט־איידל יינגעלע, מיט א פּנים פול קלייען, א שטיל שוויגנדיקער, אין זייער הויז אויף גאס קוזא־וואָדא, לעבן שיל־הויף פון יאַס. אין איינעם א טאָג, בעת מיר האָבן זיך געשפּילט, איז אָנגעקומען א ווייניקער ווי מיטלוואָקסיקער ייד, הויט און ביין, א זייער מאָגערער, א מידער פון וועג אפּנים, מיט צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס (רענצלעך). דאָס אייניקל האָט אים הייס געקושט און אריינגעפירט אין שטוב אריין, ווו זיין טאָכטער אנדזשעלא, די מוטער פון מיין פריינד, האָט אים אופגענומען מיט אסך ליבע. נאָך עטלעכע מינוטן איז ארויסגעקומען דאָס אייניקל און מיט שטאָלץ געזאָגט: דאָס איז מיין זיידע, דער דירעקטאָר פון דער צייטונג „עגאַליטאַטעא“ (גלייכהייט) און מחבר פון ביכער וועגן דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע.

עטלעכע יאָר שפּעטער, זייענדיק אין הויז פון א באַקאַנטן, האָט מען מיך פאָרגעשטעלט, דעם רומעניש יידישן שרייבער משה שוואַרצפעלד. כדאי צו דערמאָנען: דאָס מאָגערע אבאָניר־געלט פאַר דער צייטונג אָדער די פאַרקויפטע ביכעלעך מיט קליינע פּרייזן, האָבן נישט געקלעקט אויף הוצאות מיט רעסטאָראַנען און האָטעלן, קוים אויף צו לעבן דער משפחה. דערפאַר פלעג מ'ען אים איינלאַדן ווינען און עסן אין פאַרשיידענע סוחרישע אָדער בעלי מלאכהשע היימען, און געשלונגען די אינטערעסאַנטע רייד וועגן יידישן עבר, פאָלקסשאַפונג, בייטראָג אויף פאַרשיידענע געביטן, פון רומענישע יידן. וויפל מאָל איך האָב אים זייט דעמאָלט געזען, איז פון זיין פּנים ניט אראָפּ דער אומעט פון לאַנגיאָריקער נויט אָבער די פרייד פון ארבעט, זיין אומדערמידלעכע פאָרשונג, האָט אָנגעשטעקט יונגע, וועלכע האָבן זיך גענומען אונטער זיין השפּעה, טאָן די

זעלבע ארבעט פון פאָרשן יידישע געשיכטע אין רומעניע, מיט א ברייד־טערן־וויסנשאַפטלעכן פאַרנעם, ווי ס. סעמיליאַן, ס. פּאַדאַלעאַנו, א. אנד.

באַזוכנדיק שוואַרצפעלדן, בעת דער לעצטער מלחמה איינעם מיטן דיכטער יעקב גראָפּער, האָב איך מיר דערלויבט צו דערמאָנען אונדזער ערשטע באַגעגעניש אין יאַס ביי זיין טאָכטער... און געפרעגט וואָס האָט ער, א שרייבער, דירעקטאָר פון א רומעניש־יידישער צייטונג, געפירט אין די צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס? שוואַרצפעלד האָט אויסגעטאָן די אויגנגלייזער און קענטיק גרינג אויף טרערן, זיך געווישט די אויגן, און מיט א טיפן זיפץ געענטפערט: „ביכער און צייטונגען האָב איך געפירט, צום פאַרקויפן. די צו וועלכע אין בין געגאַנגען זיינען געווען קליינע סוחרימלעך און אָרעמע בעלי מלאכות; פלעג איך זיי איבערצייגן, זיי זאָלן פאַר געציילטע גראָשן אבאָנירן די צייטונג „עגאַליטאַטעא" (גלייכהייט), קויפן מיינע ביכעלעך, כדי זיך דערוויסן וועגן זייער צושטייער און לעבן פון אַמאָל אין היינט. מיט אָט דעם באַגאַזש, מיט די יאָרביכער „אנוארן", דאָס ביכעלע וועגן טשיליבי משה דעם פאָלקס חכם און אנדערע, בין איך ארומגעפאָרן פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף, — א לעבנלאַנג; געווען מער אויף די וועגן ווי אין דער היים!"

משה שוואַרצפעלד האָט מער ווי א האַלבן יאָרהונדערט, כמעט אליין געשריבן און ארויסגעגעבן די וועכנטלעכע „עגאַליטאַטעא" מיט פאָלעמישע אָדער אַפּאָלאָגעטישע ארטיקלען, מיט רייכער אינפאָרמאַציע וועגן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יידישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט. זיין שאַרפקאַנטיק וואָרט, זיין שכל הישרדיקע ראיה און דאָקומענטירטע אינפאָרמאַציע, באַרעכטיקן אונדז צו זאָגן אַז משה שוואַרצפעלד איז די רעפּרעזענטאַטיווסטע געשטאַלט פון דער יידישער פּרעסע אויף רומעניש.

שוואַרצפעלד דער היסטאָריקער האָט אָפּגעווישט דעם שטויב פון א סך אַלטע כתב־ידן, כריסאָוון, אַלטע מלוכהשע דאָקומענטן, וואָס האָבן א שייכות מיט יידישער געשיכטע אין רומעניע, און צוגעשטעלט דער יידיש רומענישער היסטאָריאָגראַפיע, גרינטלעכע ארבעטן, צווישן די ערשטע און ווערטפולסטע. מיר דערמאָנען איינציקע אויף רומעניש דערשינענע בראָשורן: „בליק אויף דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע"; „קריטישער שפּאַציר איבער דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע;" „מאָמענטן אין דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע" און אנדערע.

שווארצפעלד דער ביאָגראַף און ביבליאָגראַף, — דאכט זיך דער ערשטער רומענישער ייד ביאָגראַף־האָט אָנגעשריבן א מאסיוון באנד, א מאָנאָגראַפיע א. ט. „דר. יוליו באראש, דער מענטש און זיין ווערק.״ שווארצפעלד האָט אָנגעשריבן א גרויסע צאָל ארטיקלען ביאָ־ביבליאָגראַפישע און אפילו אָנגעהויבן אין 1877, א יידיש־רומענישע ביבליאָגראַפיע. דעם אָנהויב פון אָט דער סטודיע האָט שווארצפעלד געדרוקט אין „לוח פאר יידן״ (CALENDARUL PENTRU IZRAELIȚI) אין 1877. אין זעלבן יאָר שרייבט ער אן ארטיקל וועגן גאָלדפאדענס ערשטע טעאַטער פאָרשטעלונגען אונטערגעשריבן .M. האָבנדיק פריינטלעכע באציונגען מיט כמעט אלע שרייבער, וויסנשאפטלער, געזעלשאפטלעכע טוער און א גוואלדיקן זכרון, האָט ער אין זיין לאנגיאָריקער צייטונג, געדרוקט ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, ווי מיר האָבן שוין אנגעוויזן, און אין GAZETA EVREIASCĂ אויך א גרויסע ארבעט וועגן רומעניש־יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאפטלער, פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן און ערשטער העלפט פון 20 טן יאָרהונדערט. מיט זיינע זעלטענע קאָלעקציעס, בראָשורן, צייטונגען און פעריאָדישע שריפטן, וועלכע האָבן דערגעצט זיין רייכע אינפאָרמאציע, דאָקומענטאציע, א חוץ זיין גוואלדיקן זיכרון, האָט ער ארויסגעהאָלפן אויך ביבליאָטעקארן פון דער רומענישער אקאדעמיע, א פאקט וואָס ווערט אָפט דערמאנט אין רעפערטואר פון דער רומענישער פרעסע.

דער כראָניקער און קאָמענטאטאָר פון דער טאָג־טעגלעכקייט אין מיקראָקאָסמאָס פון יידישן קליינעם וועלטעלע, משה שווארצפעלד, האָט מיט א סך גןעדולד אָנגעזאמלט און מיט א סך ליבע איבערגעגעבן דער צוקונפט, די גלייכווערטלעך און מימרות פון אמאָל פאָפולערן יידישן פאָלקס חכם טשיליבי משה, און אזוי ארום פארהיט פון פארגעסנהייט די פיטאָרעסקע פיגור פון רומענישן יידנטום און זיינע גלייכווערטלעך.

די ראשיתדיקע, אָריגינעלסטע און וויכטיקסטע פאָרש־ארבעט פון משה שווארצפעלד, איז דער פאָלקלאָר־אוצר פון רומענישע יידן. פאראן א פאָלקלאָריסטישע סטודיע פון משה שווארצפעלד, וועגן א מעשה, אין וועלכער עס ווערט דערציילט וועגן א פאָטער וואָס לערנט זיין זון, זיך צו לאָזן פירן פון א פאנטאָפל (שיכל), ווען ער וועט וועלן חתונה האָבן. נעמלעך, ער זאָל נעמען יענע פאר א פרוי, וועלכער עס וועט זיין פאסיק אויף איר פוס דער פון פאָרויס געמאכטער שיך, ווייל אזא איינע איז זיין זיווג. אונדזער משה שווארצפעלד האָט זיין טעטיקייט נישט באגרענעצט

ביי איין וויסנשאפטלעכן געביט. משה שווארצפעלד דער פובליציסט, היסטאָריקער, ביבליאָגראַף, איז אויך דער ערשטער וואָס האָט געזאמלט קרוב 8 טויזנט יידישע שפריכווערטער, באַרייכערט זיי מיט אייגנארטיקע פירושים, קאָמענטארן, אין זיין סטודיע „יידישע פאָלקס שאפונג", דערשיניען אין „לוח פאר יידן" CALENDAR PENTRU IZRAELIȚI ארויסגעגעבער א. ל. לעבעל, באקוי 1877. פארגלייכנדיקער פאָלקלאָר זיינען זיינע סטודיעס פון פאָלקס־פסיכאָלאָגיע „יידן אין דער רומעניש‏ער פאָלקס ליטעראטור און אין דער אוניווערסאלער פאָלקס ליטעראטור". א וויכטיקע וויסנשאפטלעכע פאָרשונג איז זיין ארבעט: „די יידישע פאָלקס ליטעראטור אלס עטנאָ־פסיכאָלאָגישער עלעמענט". אנדערע ארבעטן פון משה שווארצפעלד, וועלן מיר דערמאנען נאָר מיט די טיטלען זייערע: „די מעשה מיט די ליגנס" און די קריטישע סטודיע „יידן אָדער כאזארן!"

געבוירן איז משה שווארצפעלד דעם פירטן טאָג חנוכה 1857, אין דער קרוין שטאָט יאס, מאָלדעווע, רומעניע. זיין ליטעראַרישער דעביוט איז אין יאָר 1872, אזוי ארום פארצייכענען מיר מער ווי הונדערט יאָר פון זיין ליטעראַרישן אָנהויב. זיין הארץ האָט אויפגעהערט צו קלאפן דעם 16־טן אָקטאָבער 1943.

כדאי צו דערמאנען אז דאָס רוב פון זיין זאמלונג, „יידישע שפריכווערטער," האָט שווארצפעלד איבערגעזעצט אויף רומעניש, אָבער געדרוקט, אין זיין צייטונג „עגאליטאטעא" און אין די „אנוארן" (יאָרביכער), גאָר א קליינעם טייל. די קאָלעקציע שפריכווערטער אין כתב יד, האָט דאכט זיך, די טאָכטער מיטגענומען, ווען זי האָט זיך באזעצט אין ישראל.

איך וועל פארענדיקן מיט דער מיינונג פון דר. יעלינעק, וועמע שווארצפעלד האָט צוגעשיקט א טייל פון זיין זאמלונג שפריכווערטער, געזאמלטע צווישן די יאָרן 1874 — 1884, און באנוצט אלס מאטעריאל אין זיין סטודיע: „Der jüdische Stamm in nicht-jűdischen sprichwörtern. Wien, 1885. (דער יידישער שטאם אין נישט־יידישע שפריכווערטער„, ווין 1885):

„די דאָזיקע זאמלונג איז פון גרויסער וויכטיקייט כדי צו קענען דעם יידישן פאָלקסגייסט. דאָס פארעפנטלעכן די זאמלונג, וועט ניט נאָר פארמערן דעם חכמה אוצר פון יידישן פאָלק, נאָר וועט אויך פארלייכטערן זיך צו באקענען מיט זיין אופן זען און ארט דענקען. באזונדערס וויכטיק איז די אָפּטיילונג פון דער זאמלונג, וואָס קאָאָרדינירט די שפריכווער־

טער אין וועלכע די יידן אורטיילן זיך און אנדערע. ס'איז באוווסט אז יידן זאָגן זיך זייער שארף ארויס וועגן זיך און מיט אסך אָביעקטיוויטעט וועגן אנדערע. די יידישע שפּריכווערטער וועגן אנדערע פעלקער, נאציעס, באַווייזן טיפע קענטעניש, און אָנערקענען מיט אָביעקטיוויטעט און אָן פאָראורטיילן, די גוטע זייט זייערע".

אין משה שווארצפעלדס זיבעציק יעריקער טעטיקייט אלס היסטאָריקער, פּובליציסט, פאָלקלאָריסט, וועלן פאָרשער פון יידישן עבר אין רומעניע, געפונען א רייכן קוואל פון אינפאָרמאציע.

אונדזערע שורות פּרוּוון סקיצירן די לאנגיאָריקע, פילזייטיקע טעטיקייט פון משה שווארצפעלד, אָפּמערקן הונדערט יאָר זייט ער האָט ליטעראריש דעביוטירט, און דרייסיק יאָר פון זיין פּטירה.

אלפרעד הײנריך ערליך
פאָלקלאָריסט און מוזיקאָלאָג

אויף דער זיצונג פון דער רומענישער אקאדעמיע, פונעם 21־טן מערץ 1883, אין די דיסקוסיעס ארום דער וויכטיקייט פון זאמלען רומענישע פאָלקס־לידער, האָט דער באקאנטער רומענישער דיכטער וואסילע אלעקסאנדרי, דערמאנט די ערשטע דריי זאמלער: קאראָל מיקולי, ט.ג. רוזשינסקי, און אלפרעד הײנריך ערליך. דעם לעצטן, און דעם מוזיקאלישן פאָלקלאָר געזאמלט און אויפגעשריבן פון אים, האָט אלעקסאנדרי אזוי כאראקטעריזירט: „אָט די לידער זענען פארבונדן מיט אונדזערע אבות; אויפהיטן זיי איז פון גרעסטער וויכטיקייט.״

צווישן די ערשטע און ווייניקע זאמלונגען פון עכטער רומענישער פאָלקס־מוזיק, צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, איז אויף ״Airs Nationaux Roumains„‘ transcrits pour piano par Henri, Vienne, Mechetti, 1850. (רומענישע נאציאָנאלע לידער, איבערגעשריבענע פאר פּיאַן דורך האָנרי, ווין, 1850.)

די זאמלונג אנטהאלט, לויט ד. וולפיאַן, אן ערך 20־30 לידער, און לויט דעם מוזיקאָלאָג זשאָרזש ברעאזול, בלויז 15, צווישן וועלכע, לויט טיבעריו ברעדיטשעאנו, א פאָלקס־מעלאָדיע פון באנאט און דריי פון טראנסילוואניע.

אין באנד „פאָלקסלידער פון די רומענער״, געזאמלטע און געסדרטע פון דיכטער וואסילע אלעקסאנדרי, דערשינען אויף רומעניש אין בוקארעשט 1856, לייענען מיר אין די נאָטיצן אויף זייטל 223, פאָלגנדיקע כאראקטעריזירונג:״ הער האנרי ערליך, א מוזיקער מיט גרויסן טאלאנט וועלכער האָט אייניקע יאָר געלעבט אין רומעניע, האָט פארעפנטלעכט א מאפּע מיט רומענישע לידער. אין פאָרוואָרט צו דער דערמאנטער מאפּע, שרייבט ערליך:

„די נאציאָנאַליטעט פון די רומענער באַווייזט זיך קלאָר און נישט אָפּצופרעגן סיי אין דער שפּראַך סיי אין זייערע מנהגים, ווי אויך אין זייער מוזיק וואָס אונטערשייד זיך פון אַלע אַנדערע...״

שפּעטער מיט אַכציק יאָר, האָט דער פּראָפעסאָר זשאָרזש ברעאַזול, אָפּגעשאַצט ערליכס פאָרוואָרט „פון אַ באַזונדערער וויכטיקייט״, און עס איבערגעדרוקט אינגאַנצן, אינעם מחברס אַרטאָגראַפיע.

אין ערליכס פאָרוואָרט, געפינען מיר וואָרעם־האַרציקע אָפּשאַצונגען פון רומענישן פאָלק און זיין אַנאָנימער שאַפונג: „...אַט די לידער (שרייבט ערליך, י.ש.) שיינען, אויפן ערשטן בליק מאָדנע, צוליב זייער מעלאָדיע, צוליב זייער באַגלייטונג וועלכע אַנטהאַלט ווען די קאַפּריז־נעסטע אַקאָרדן, אויסטערלישע אַפילו, און ווען זענען זיי זייער פּשוטע, איינטאָניקע.

אין קעגנזאַץ דרינגט אַרויס פון די טאַנץ־לידער, יענע ליידנשאַפט־לעכע, רעשיקע, ווילדע פרייד, וועלכע פאַרכאַפּט דעם טענצער אין יענע רגעס פון פאַרגעניגן.״

ערליך דערמאַנט ווייטער, פון די רומענישע פאָלקס־אינסטרומענטן פּאַסטעכער־פלייטן און אַ מין הילצערנע שופרות, לאַנגע, פון וועלכע די פּאַסטעכער טיילן זיך קיינמאָל נישט אָפּ. ער דערמאַנט אויך אין די „ציי־גיינער־קלעזמער״ וועלכע שפּילן אויף אַט די אינסטרומענטן, אויפן נאַי, (אַן אינסרומענט צוזאַמענגעשטעלט פון מערערע פלייטן י.ש.) מיט אַ וואונדערבאַרער געניטקייט, די שווערסטע באַגלייטונגען. אַט די וואַנדער־קלעזמער, באַגעגנסטו אין אַלע יום־טובים.״

ערליך פאַראורטיילט דעם ביטול צו דער רומענישער פאָלקס-מוזיק מצד די דעמאָלטיקע אָנפירנדע קרייזן אין לאַנד.

„...די מונטעניש (וואַלאַכישע) פּויערים, שרייבט ערליך ווייטער, זענען אמתע ראָמאַנישע משוררים און זינגען אַט די באַלאַדעס רויק אויף אַ וויינענדיק קול... זיי גיבן אַט די לידער אַן אויסדרוק פון פאַרחלומטער טרויעריקייט, עצבות, וועלכע באַרוישן ...״

ערליך איז איינער פון די ערשטע, וועלכע טיילן איין די רומענישע פאָלקסלידער אין „דאָינעס אָדער באַלאַדעס, וועלטלעכע לידער אָדער ראָ־מאַנסן, טאַנצלידער אָדער האָרעס און אַנדערע אין „אַלטע נאַציאָנאַלע מאַרשן״.

וועגן דער מוזיק פון רומענישן .פאָלק, דריקט זיך אויס ערליך אַזוי: „...אין דער מוזיק פון אַט דעם פאָלק, זענען פאַראַן געהיימע פּאַס־

אזשן, שטעלן וועלכע לאָזן אנען הייסע ווונטשן, פארבאָרגענע אין די טיפענישן פון הארצן און וועלכע קומען צום אויסדרוק נאָר דורך געוויין".

אָט די אָפּשאַצונג פון פאָלקלאָר האָט באַווירקט ערליכן, ער זאָל שרייבן אין דער הקדמה צו זיין זאמלונג: „... ווי א געוויסנהאפטער מוזי־קער איז דאָ כדאי א צוגאָב, אז כ'האָב גאָרנישט געענדערט, ניט אין דער מעלאָדיע און ניט אין דער באגלייטונג נייערט זיי אויפגעשריבן אזוי, ווי איך האָב זיי געהערט זינגען פון רומענער אָדער פון ציגיינערישע קלעזמער".

היינריך ערליך פארנעמט אַן ערשט ראנגיק אָרט אין דער רומעניש־מוזיקאלישער ביבליאָגראַפיע. היות ווּאָס זענען פאראן קנאפּע ידיעות וועגן ערליכס פערזענלעכקייט און ווערק, וועלן מיר דערגאנצן מיט דאטעס און פאקטן, כדי צו שאפן א גאנץ בילד.

געבוירן איז אלפרעד ערליך אין ווין, אין א יידישער משפחה, דעם 5־טן אָקטאָבער 1822. ער שטודירט פיאַן מיט באַרימטע מייסטערס פון זיין צייט, ווי כאנזעלט, באקלעס און טאלבערג, קאָמפּאָזיציע מיט שעכטערן.

נאָך אָפּטע פאַרשלאָגן פון זיין פּראָפעסאָר יוסף פישהאָף, האָט דער יונגער אלפרעד ערליך, אין עלטער פון 18 יאָר, אָנגענומען דעם פּאָסטן פון לערער־דערציער פון די קינדער פון א געוויסן פרינץ זשאַן גיקא, פון בוקאַרעשט. גלייכצייטיק האָט ערליך, אין די קרוב צען יאָר ווײַנען אין רומעניע, געווירקט אויך ווי א פּלייסיקער קאָמפּאָניסט און באַגאַבטער מוזיק קריטיקער.

ער איז געווען א געבילדעטער מוזיקער, אַן ערנסטער פילזייטיקער טאלאַנט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט ווי א אינטערפּרעט־אויסטייטשער פון בעטהאָווענס פיאַנע־ווערק. חוץ דעם איז ערליך געווען א מוזיק־טעאָרעטי־קער, מחבר פון עסטעטישע סטודיעס.

אין 1851, גיט ער קאָנצערטן אין ווין און האָט א ריזיקן דערפאָלג. ווייטערע קאָנצערטן גיט ערליך אין דרעזדן, בערלין, האנאָווער, מיט גרויס דערפאָלג און ווערט נאָמינירט־קעניגלעכער הויף־פּיאַניסט. נאָך א צייט, פאָרט ער פון דאָרט אריבער קיין פאַריז.

לענגער האָט ער זיך אויפגעהאלטן אין וויזבאַדען, לאָנדאָן, היי־דעלבערג און פראנקפורט אם מיין, ביז דעם ערשטן יאַנואַר 1862, ווען ערליך באזעצט זיך אין בערלין, וווּ ער איז שוין פארבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן, דעם 29־טן דעצעמבער 1899.

אין בערלין, האָט ערליך פארנומען דעם פּאָסטן פון פּראָפעסאָר אין דער "שטערן קאָנסערוואַטאָריע" און מיטגעארבעט אלס מוזיקאלישער רע־

צענזיענט אין „בערלינער טאגעבלאט“, „סאלאָן“, „דויטשע רונדשאו“ און אנדערע.

אלס פיאניסט־ווירטואָז, שריפטשטעלער און קריטיקער, האָט ערליך אונטערגעהאלטן אַ ברייטע כסדרדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט די אָנגעזעענע סטע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן פון זיין צייט ווי העקטאָר בערליאָז, מיט די שומאנס־ראָבערט, קלארא און פראנץ. קלאַרא, די פרוי פון באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר פראנץ שומאן איז געווען אַ באַוווסטע פיאניסטין. ערליך האָט אָנגעהאלטן אַ שריפטלעכן קאָנטאקט מיטן רוסיש־יידישן קאָמפּאָזיטאָר און פיאניסט־ווירטואָז אנטאָן רובינשטיין, וועמענס באַוווּנדערער ערליך איז געווען.

כדאי צו דערמאנען אז ערליך איז געווען דער, וואָס האָט דער ערשטער אין דייטשלאנד, פארעפנטלעכט צוויי באַגייסטערטע ארטיקלען וועגן אנטאָן רובינשטיין, וועגן זיין פיאניסטישער ווירטואָזיטעט, אין דער „מיטעלריינישע צייטונג צו וויזבאדען“ אין אַ צייט ווען רובינשטיין איז בכיוון פארשוויגן געוואָרן פון די מאכטהאָבער און אַנדערע פּאָטענטאטן פון יענער צייט.

באַזונדערס שטרענג צו זיך, האָט ער זיך אין זיין בוך „דרייסיק יאָר קינסטלער־לעבן“, דערשיינען אויף דייטש, אזוי כאראקטעריזירט: „...וואָס נוגע מיין קינסטלערישן ביישטייער, האָב איך זיך שטענדיק פארעכנט, אפילו נאָך די באַטייטנדיקסטע, גרעסטע דערפאָלגן מיינע, בלויז ווי אַ פיאניסט פון צווייטן ראנג.

מיין באַנעם און אויספירונג, זענען אָפט געלויבט געוואָרן, אָבער מיין טעכניק, איז אָפט געווען אזא וואַקלענדיקע און מיין גאנצער ביישטראָג איז פולשטענדיק אָפּהענגיק געווען פון מיין פיזישן און פסיכישן צושטאנד. די סתירהדיקע אָפּשאַצונגען, אָדער יענע וועלכע האָבן מיר נישט אָנערקענט דעם מינדעסטן טאלאנט, האָבן זיך מיר אויסגעוויזן פולשטענדיק באַרעכטיקטע.

כ״האָב ווייניק קאָמפּאָנירט און מיין אז אין די "וואַריאַציעס אויף אַן אייגענער טעמע״ און אין די „לעבנס־בילדער“, האָב איך ארויסגעוויזן אַ געוויסע באַגאַבונג, אין דעם באהאנדלען פארשידענע קאָנטראַפּונקטישע פאָרמען“. אין דער אמתן איז ערליך געווען אַ מוזיקאלישער עסטעט, פול מיט סובטיליטעט, מיט אַ שארפן קריטישן גייסט און גרויסע ליטעראַרישע קענטעניש. דערויף זאָגן עדות זיינע שריפטן, וועלכע זענען אַ וויכטיקער ביישטראָג צו דער פאָרשונג פון דער מוזיקאַלי־

שער קונסט. פון וועלכע מיר ציטירן: „ליכט און שאָטנס“, „ווי אזוי מען פראַקטיצירט, „ביים פיאַן“ די מוזיק עסטעטיק און איר אנטוויקלונג פון קאַנטן ביז היינט“ א סקיצע. וועגן די מוזיקאַלישע זשאַנרען; „וואַגנערישע קונסט און אמתדיק קריסטענטום“, דרייסיק יאָר קינסטלער־לעבן“, „זכרונות“.

אלפרעד ערליך איז בארימט געוואָרן אויך מיט זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען. מיר דערמאָנען בלויז: „צוועלף סטודיעס“, „קאָנצערטשטיק“, אין אונגארישן סטיל, און די שוין דערמאַנטע „לעבנסבילדער“ און וואַריאַציעס אויף אַן אייגענער טעמע“.

ערליכס פארצווייגטע טעטיקייט, קאָמפעטענץ און מוזיקאַלישע קול־טור, זיין אינטערעס פאַר דער רומענישער מוזיק, האָט געשטויסן אויך אנדערע זי צו שעצן און ווייטער זאַמלען די אוצרות פון פאָלקס־שאַפונג און אזוי ארום געהאָלפן דער אנטוויקלונג פון דער רומענישער מוזיק, דער אנטוויקלונג פון דער מוזיקאַלישער באַוועגונג אין רומעניע.

השפעות פון רומענישן פייסאזש, ליריק און פאָלקס־מאָטיוו
אויף דער שאפונג פון יידישע שרייבער אין רומעניע

די באַטייטנדיקסטע רומענישע שריפטשטעלער, שילדערן יידישע טיפּן און דאָס איז פאַרשטענדלעך. ווינענדיק אין קאָמפּאַקטע מאסן, באַזונדערס צווישן ביידע וועלט־מלחמות, זענען די רומענישע יידן געקומען אויף שריט און טריט אין באַרירונג מיט רומענער, און אנדערע טעריטאָריעל נאָענטע עטנישע גרופּן. צוליב דעם קאָנטאַקט און ווי א פּועל־יוצא פון אָט די באַציונגען, זענען אויפגעקומען פאָלקסשפּילן, מנהגים, נישט יידישע שפּריכווערטער און מעשיות וכדומה, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס יידישע וועזן און לעבן, די באַציונג פון דעם ארום צו די יידן. לדוגמא וועלן מיר געבן משה שווארצפעלד'ס אורצרדיקע זאמלונג „שפּריכווערטער", קרוב אכט טויזנט, נאָר טיילווייז געדרוקטע, אין היינט שוין זעלטענע פּעריאָדישע שריפטן, נאָך נישט דערשינענע אין בוך־פאָרם. אין זיין סטודיע" וועגן דער רומענישער פאָלקס־ליטעראטור", ווייזט אָן דער געלערנטער דר. משה גאסטער אויף השפּעות פון דער אלטער העברעישער ליטעראטור, אויף אייניקע רומענישע מעשיות. דער מערקווירדיקער פאָלקס־שרייבער טשיליבי משה (אפרים־משה שווארץ 1812—1870), האָט מיט זיינע מימראות געדרוקטע אין צענדליק טויזנטער עקזעמפּלארן, אויף רומעניש, אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט, טיילווייז געשעפּטע פון אלטע יידישע מקורים, אָנגעקניפּט גייסטיקע און פריינטשאפטלעכע באַציונגען צווישן דעם רומענישן פאָלק און די יידן פון רומעניע.

אונדזער טעמע „דער רומענישער פּייסאזש, ליריק און פאָלקס־מאָטיוו, זייער השפּעה אויף דער שאפונג פון יידישע דיכטער", וועט קאָנען דינען אויך די עטנאָגראפן, ווייל אין די פון אונדז ציטירטע לידער, קומען צום אויסדרוק אויך די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, אין וועלכע

עס איז אויסגעקומען צו לעבן יידן ווי ניט־יידן, אין רומעניע. אין די פון אונדז ציטירטע לידער, איז דער אָפּשטאַם, די גענעטיק, א רומענישע. אייניקע לידער פון איציק מאנגער, זעליק בארדיטשעווער, יאָסל ליערנער ו כדומה, זענען געוואָרן פּאָפּולער נישט בלויז צוליב דעם מאָטיוו, נאָר צו זייער פארשפרייטקייט, אפילו מחוץ די רומענישע גרענעצן, האָט גע־האָלפן זייער זינג־כאַראַקטער, די געשאַפענע אָדער צוגעפּאַסטע געראָטענע מעלאָדיעס, אין סטיל פון רומענישן פאָלקסליד.

הונדערט יאָר זענען שוין אריבער, זינט יידישע דיכטער פון רו־מעניע, האָבן איבערגעזעצט אויף דייטש, העברעיש, יידיש, די גרויסע רו־מענישע דיכטער מיכאיל עמינעסקו, וואסילע אלעקסאנדרי א. אַנד. מער ווי א יאָרהונדערט איז שוין אריבער, זינט דער פון מרחקים אראָפּגעקומע־נער פאָלקסדיכטער און זינגער־רעבעל וואָלף ערענקראַנץ זבארזשער, האָט מיט דער שווערד פון סאטירע זיך פארמאָסטן צו פארוועלטלעכן דאָס אמאָליקע לעבן פון די רומענישע יידן. אין זיין גרויסן פּאָעם „רומניה", דער־שינען אין פּרץ סמאָלענסקי׳ס „השחר", האָט זבארזשער באזינגען „דאָס שיינע לאַנד וואלאכיי" און געטאַדלט די אונטערדריקער פון פאָלק. אין זיינע סאטירישע לידער פון „מקל־נועם" און „מקל־חובלים", פאָלקסטימ־לעכע לידער, האָט וואָלף ערענקראַנץ־זבארזשער אויפגעהויבן די ווערדע פונעם פאָלקסמענטש, געמאַכט יום־טוב פון וואָכעדיקע טעג, פאַר טאָג־לוי־נער, האָרעפּאַשנע בעלי־מלאכות און קליינע סוחרימלעך.

זבארזשערס לידער טראָגן דעם געאָגראַפישן און גייסטיקן חותם פון אונדזער רומענישן פייסאַזש, שפּיגלען אָפּ געשעענישן אין פּראָבלעמען פון זיין צייט. טיף האָט אים גערירט די רומענישע דאָינע. דאָס אָנגעווייי־טיקטע געזאַנג פון דער רומענישער פאָלקס־שאַפונג, דער טרויעריקער אמאָל פארפּיקסירט אין פערז „ס׳שמייסט די בייטש און ס׳בריט די רוט."

אין רומענישן פאָלקסליד פינקלען אויף אויך פריידיקע לידער, אין וועלכע עס בליט די האָפענונג און וועלכע פארטויבן דעם קייטן־געקלימ־פער פון די לייב־אייגענע פויערים. אזא פריידפול ליד איז:

„עד, ס׳וועט א פרילינג קומען
וועלן מיר זיין פרייד פארנעמען

דעמאָלט, אין די זעלטענע פריידיקע מאָמענטן, פלעגן זיך אויך רומעניש־יידישע פאָלקסמענטשן קילן די אָנגעווייטיקטע הערצער אין דעם

ליטער־קוועלנדיקן ברונעם פון רומענישער פאָלקס־דיכטונג. מיטזינגען מיט דעם אלטן יידישן קרעטשמע־קלעזמער, בראש מיט זייער „וועלוואלע“ (וועלוול זבארזשער י.ש.), אלטע רומענישע פאָלקסלידער, וועלכע וועלוול זבארזשער פלעג פארענדיקן מיט א „סאָלאָ“, זיין באליבט רומעניש פאָלקס ליד איז געווען אך געליבטע וווּ ביסטו? („Of drăguţo unde eşti?).

אין זיין אנטאָלאָגיע „פעלקער זינגען“. האָט אונדזער גאוניאלער אי־ציק מאנגער איבערגעפּאָעמט, איבערגעדיכטעט א היפּשע צאָל רומענישע פאָלקסלידער. אין וועלכע עס איז מייסטערהאפט איבערגעגעבן די סוגעסטי־ווע שיינקייט פון רומענישן פאָלקסליד.

קוקו. קוקו. שיינער פויגל,
האָסט געזונגען מיר אין וואלד,
אז מיין לעבן וועט זיין ביטער,
ביטער, פינסטער ווי דער וואלד.
וואָלט איך וויסן וואו דו וואוינסט,
וואו דו האָסט געבויט דיין נעסט
וואָלט איך תיכף דיך פארשאָלטן
מיט שארפע ווינטן, שניי און פרעסט.

מיט דער ביקס וואָלט איך דיך שיסן
און געוואָרפן פאר די הינט —
אז ווערן זאָלן דיינע פליגל
א געשפעט פאר יעדן קינד.

ניין, נאָך שווערער איז מיין קללה:
דריי מאָל זאָלסטו קינדער האָבן
און אלע דריי מאָל זאָלן זיי
זיין א פרעס — די שווארצע ראָבן
און דו, אלטע, צווישן זיי!

ווייל דו האָסט מיר שלעכטס געזאָגט,
ווייל דו האָסט מיר נאָר געזונגען
פון צעשיידונג, צער און וויי.“

— „שווייג שוין, הער שוין אויף צו שעלטן,
ווייל איך בין פון הערן סיד,
איך האָב בלויז געזען דיין מזל
און געזונגען דיר אין ליד,
וואָס אזוינס ס׳איז דיר באשערט.
מער קען איך דיר גאָרנישט געבן,
כ׳האָב מיין אייגנס נאָר מיין ליד,
און דאָס מזל איז ביי גאָט.
ס׳איז מיין אייגנס נאָר דאָס ליד
גאָט גיט יעדן וואָס ער גיט,
שווייג שוין, הער שוין אויף צו שעלטן,
ווייל איך בין פון הערן מיד״.

(קוקו, קוקו, שיינער פויגל)

מאנגער האָט זיך פארטיפט אין וועזן פון רומעניש פאָלקסליד. דער דיאלאָג מיטן קוקו וועלכער איז אין דער פאנטאזיע פון פאָלק א פויגל מיט פארבאָרגענע כוחות למשל: אז ער זינגט קוקו אין פנים אָדער פון דער רעכטער זייט איז א גוטער סימן, ברענגט עס מזל. זאָגן אויף איינעם אז ער איז ווי א קוקו, מיינט אַן עלנטער, איינזאמער מענטש, דער קוקו לייגט זיינע אייער אין די נעסטן פון אנדערע פייגל, וועלכע כאַוועו אויף מיט שווערער מי די פרעמדע, גרעסער געוואקסענע פייגעלעך ווי עס זיי־נען זייערע „מוטערס״. ווינטער פארברענגען די קוקו׳ס אין ווארעמע לענ־דער. און תוך פון מאנגערס „קוקו״ זיינען פארפלאָכטן אָט די פאָלקס־איינרעדענישן, אבערגלויבנס, אין וועלכן מאנגער מאכט בולט דאָס אויס־טערליש שיינע.

א דיאלאָג צווישן א בחור און א מיידל אין וועלכן זיי דערקלערן זיך אין ליבע אין א „שיר השירים״ פאָרם:

„יונגער בוים מיט זיבן צווייגן,
ליגט מיין טייערער אין גאָרטן,
טראכט און טראכט און טוט אלץ שווייגן.

וואָסזשע קען איך איצטער טון,
אַז איך זאָל מיין אוצר זען?
שאַ, איך ווייס, איך וועל אצינד
מיטן קרוג נאָך וואַסער גיין,

כ'נעם דעם קרוג און הייד־געגאַנגען!
ליגט מיין ליבסטער צווישן בלומען
ווי אַ שמעטערלינג געפאַנגען.
און איך זאָג צו אים אַזוי:
און ס'וואַרגן מיך די טרערן —
„הויב זיך, טייערער, הויב זיך אויף
ניטע טראַכטן. ניטע קלערן!"

זאָגט מיין טייערער אַזוי:
„אויב דו וועסט מיר איינס און צוויי
ברענגען שוין און טאַקע באַלד
פון דעם דונאַי וואַסער קאַלטס,
פון דעם ים צוויי שטיקער אייז
און שוואַרצע יאַגעדעס פון וואַלד".

און איך זאָג צו אים אַזוי:
„זע, דאָס וואַסער איז שוין וואַרעם
און דאָס אייז איז שוין צערונען,
נאָר די יאַגעדעס אין וואַלד
האָב איך בליענדיק געפונען".

שמייכלט ער און זאָגט אַזוי:
„מיידל גאָלדנס מיידל פיין,
זע, דו ביסט שוין אַזאַ גרויסע
אַז דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין.
וואַסער קאַלטע — דיינע ליפּן,
שטיקער אייז — די אָרעמס דיינע
און שוואַרצע יאַגעדעס — די אויגן.

און איך בענק, גיי אוים נאָך זיי
ווי א שוואלב אין פראָסט און שניי."

(יונגער בוים מיט זיבן צווייגן)

...סארא פײַנע דערקוענטעניש פון פאָלקס נשמה! פארשטענדלעך ביי א דיכטער וואָס האלט זיין אויער אָפן צו דעם וואָס דאָס פאָלק טראכט, זינגט, חלומט און רעדט. אָט דאָס אינטימע בילד פון פאָלקס-לעבן, איז א באווייז פון מאנגערס אינטימען קאָנטאקט מיטן רומענישן פאָלקלאָר, מיט דער רומענישער לאנדשאפט, מיטן פלאטער פון דער נשמה פון די יונגע מענטשן.

אין דעם ליד „מאמעשי, דער מיאוסער בחור" וויל מען צווינגען א שיינע טאָכטער זי זאָל חתונה האָבן מיטן מיאוסן, רייכן בחור, אָבער דאָס מיידל זאָגט אָן אנטשלאָסענעם ניין, ווייל, „ליבע נעמט מען נישט מיט מי־אוסקייט נישט מיט צירונג, נישט מיט געלד".

מאמעשי, דער מיאוסער בחור
וויל מיך נעמען פאר א ווייב;
הער ווי ס'פלאטערט מיין נשמה,
זע ווי ס'ציטערט מיר דאָס לייב.
אויב דו וועסט מיך, מאמעשי,
צו דעם מיאוסן בחור געבן,
וועל איך נאָך אין מיטן דאָרף
נעמען זיך דאָס יונגע לעבן.

און ויסן זאָל די גאנצע וועלט,
ליבע נעמט מען נישט מיט מיאוסקייט,
נישט מיט צירונג, נישט מיט געלט.
און די מאמעס זאָלן ויסן
און געדענקען זייער לעבן —
אויב זיי האָבן שיינע טעכטער,
וועמען זיי אוועקצוגעבן.

(מאמעשי, דער מיאוסער בחור)

מאנגער דער זיגגער פון שטערן, ברויט און ווייַן, דער דיכטער וואָס האָט דערהערט דאָס געוויין פון א ווערעמל און פון א גראָז, געוויין פון א שטערנדל און פון א האָז, וואָס האָט געטראָגן איבער די גרויסע וועגן פון זיין לעבן דאָס ליכטיקע וואָרט אויף די ליפּן, די גאָלדענע שיין אין דער האַנט, פאַרנעמט די בענקשאַפט, ליידנשאַפטלעכע ליבע פון א יונג מיידל נאָך איר געליבטן, ווי אין ליד:

ווער ס׳ברענגט מיר היינט באַנאַכט
מיין געליבטן, היינט באַנאַכט —
דעם וועל איך מכבד זיין
מיט דריי עמערס רויטן וויין.

כ׳האָב פאַר אים דעם טיש געגרייט
און איבער דער גאַנצער שטוב פאַרשפּרייט
בלאָע און רויטע בלומען —
זאָל ער היינט נאָר קומען.
עפנט ער די ליפּן קוים,
ווייס איך תיכף וואָס ער וויל.
איך פאַרשטיי שוין זיינע רייד,
ווי, למשל, ס׳ע פאַרשטייט —
דאָס גרינע בלאַט פון עפּלבוים
דעם צייטיק־שיינעם עפּל.
(ווער ס׳ברענגט מיר היינט באַנאַכט)

מאַנגערס ליטעראַרישע שאַפונג איז פאַרפלאָכטן מיטן פאָלקלאָר: מיטן יידישן און צוזאַמען סטימולירט אויך פון ניט־יידישן. אין זיין אַנטאָלאָגיע „פעלקער זינגען“ שרייבט ער אין אַריינפירוואָרט:

„...וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין דעם וועזן פון דער דיכטונג, אַלץ בולטער ווערט פאַר מיר דער באַטייט און די סוגעסטיווע שיינקייט פונם פאָלקסליד“.

פערזיפיצירטע אַפּאָלאָגעטיק, שיינט אונדז היינט, דאָס אַמאָל פאָפּולערע רומענישע ליד, וואָס דער יידישער קלעזמער און פאָלקסזינגער מילאָ לעמיש׳ פלעג זינגען און שפּילן לעבן דאַינעס, האָרעס, און אַרויסרופן אַזויפיל באַגייסטערונג:

„זיס און שיין איז זי די שפּראַך
וואָס מיר רעדן אין שטיב,
רעדט און שרייבט דאָך נאָר רומעניש
ווי גאָט איז אייך ליב!

פּאַר אַ וואָרט, פּאַר אַ רומעניש
כ'שטעל דאָס לעבן איין,
פּאַר אַ וואָרט פּאַר אַ פראַנצויזיש
גיב איך ניט קיין באַן׳

אַט דאָס ליד איז געווען אומלעגאַל צוריק מיט הונדערט יאָר, אין די מקומות ווו דער יידישער פידלער און פאָלקסזינגער לעמיש פלעג עס זינגען אינייינעם מיט אנדערע לידער פון דער זאַמלונג „דאָרול" (בענקשאַפט) אָדער פון אַלעקסאַנדריס לידער מיט מוזיק ווי "דאָס שטערנדל" (סטעלוצא). באַגייסטערונג האָבן די לידער אַרויסגערופן ביי די צוהערער און ניט ביי די שומרים פון זיין מאַיעסטעט דעם צאַר, וועלכע האָבן דעם באַליבטן פאָלקסזינגער און מוזיקער דערפאַר משלח געווען פון דער אימפּעריע, אויף תמיד.

דער טרובאַדור און פאָלקסזינגער זעליק באַרדיטשעווער האָט אין זיין „דאַינע" באַזינגען דאָס שווערע לעבן, פול מיט ליידן, וואָס עס פירט דער פּויער:

שפּיל דו קלעזמער מיר אַ וואָלעך,
געלט מזומן אַט אַ צאָל איך,
און די פּויקער פּויק בים־באַם —
היינט איז חגא, היינט איז כראַם.

רעפריין: אָף, אָף... ליו.

ס'האָט דער ווינט געפּאַטשט, געשמיסן,
די צינצאַרעס מיך געביסן,
זון געברענט מיך און געבראָטן —
נישט קיין וועגט און נישט קיין שאָטן.

רעפרען: אָף, אָל... ליו.

ס'האָט געדעגנט. ס'האָט געדאָסעט
נאלאקעס שאָף האָב איך געפּאַסעט,
ער האָט ברינדזע, שאָף און וואָל —
איך געבליבן הויל און גאָל.

רעפרען: אָף, אָף... ליו.

נישט קיין שאָף און נישט קיין ברינדזע
און קיין קאָרמע פאר דער מינדזע,
סיידן נאָר א גרוב אויפן צווינטער —
איבערקומען דאָרט דעם ווינטער.

רעפריין: אָף, אָף... ליו,

(דאָינע)

אין אָט דער דאָינע, איז זעליק באַרדיטשעווערן געלונגען צו באַ־העפטן דאָס יידישע פאָלקסליד מיט דעם ספּעציפישן אַראָמאַט פון דער רו־מענישער ערד, קינסטלעריש צו קרייצן זיין קלאָג און טרויער מיט דער האַרציקער בענקשאַפט פון דער רומענישער דאָינע.

כדאי צו דערמאָנען די ווערטער וואָס זיינען איבערגענומען געוואָרן פון דער רומענישער שפּראַך, און אריין אין בעסאַראַבער יידישן דיאַלעקט א וואָלעך און דאָינע־זיינען איבערגענומען געוואָרן פון רומענישן פאָל־קלאָר און מייסטעריש איבערגעפורעמט געוואָרן אויף אן אייגענעם נאַציאָ־נאַלן שטייגער חגא־קריסטלעכער יום־טוב; גאָל־נאַקעט; ברינדזע־שאָפע־נער קעז; נאַלאַקע־מיכאַלאַקע, א נאָמען; מינדזע־לאָשעק; זשעליע־טרויער; צאַנצאַרעס־מיקן.

נאָענט צום רומענישן פאָלקסליד און פאָלקסמאָטיוו, עכט מוזיקאַליש, שפּילעוודיק און דאָך מיט א פערזענלעכן טאָן, זיינען יאַסל לערנערס אי־בערדיכטונגען אָדער אין סטיל פון רומענישן פאָלקסליד.

גייסטו, ליבסטער צו דער טישע,
לאָז מיר איבער עפּל זיסע.
אָף... אָף..

כ׳וועל די זיסע עפל עסן,
וועט די בענקשאפט מ׳ך נישט פרעסן.

אָף... אָף...

פאלט פון ביימער בלאט נאָך בלאט,
ס׳איז מיין באָכער א סאָלדאט.

אָף... אָף...

מיט א ביקס און הויכע שטיוול —
פארוואָסזשע שרייבסטו נישט קיין בריוול?

אָף... אָף...

שיק מיר איבער מיט דער טיסע
דיינע קושן און דיינע גרוסן.

אָף... אָף...

בליען פריידיק מיינע הענט,
ס׳קומט מיין טייערער א סערזשענט;

געאָרעמט גייען מיר שפאצירן,
מ׳זאָל אונדז זען און מ׳זאָל קראפירן.

וויפל מענטשלעכע עכטקייט און חן פארמאָגט דאָס פאָלגנדע ליד:

וויט פון מיר ביזטו מיין באָכער,
ס׳טיילן אָפּ אונדז בארג און וואלד;
שענקט מיר גאָט נאָר שטארקע פליגל
פלי איך אין דיין דערפל באלד.

כ׳וועל א ליבן גרוס דיר ברענגען:
ס׳האָט זיך היינט צעבליט דער קאָרן;
און געדענקסט נאָך, זשונקען, ס׳קעלבל,
זי איז א מאמע היינט געוואָרן...

ס׳האָט דער טאטע אויף יארידן
אָנגעקויפט כאזייו׳ים פעטע
אלעס, זאָגט ער, פאר מאריאָדען,
זיין א נאדן, פאר איר ווער עס.

אָוונט קומען מיינע פריינדינס
זינגען מיר און עסן יאָדרעס —
ס׳גארט נאָך זיך מיין הארץ און לעכצט,
ווי נאָך רעגן לעכצן קאָדרעס.

טיילן אָפּ אונדז בארג און וואלד
און פליגל, וויל מיר גאָט נישט שענקען;
סארפעט יעדע נאכט מיין לייב
אויף מיין בסולע־בעט פון בענקען...

(ווייט פון מיר)

פשוט, נאטירלעך, מענטשלעך איז דער דיאלאָג פון „פאַיע ווערדע“ צווישן א מיידל און א בחור, וועלכע גיבן זיך איבער דער ליבע־אָן צוימען...

פאַיע ווערדע — זון און בלומען,
ווען, איליאנע, זאָל איך קומען?
גרינער בוים און גרינע בלעטער —
קומען פריר צו קומען שפעטער?

— זאָלסט ניט קומען שפעט באנאכט
ווען דאָס טירל איז פארמאכט.
קומען זאָלסטו פארן שלאָפן,
ווען דאָס טירל איז נאָך אָפן.

— דערוואַרט־זשע מיך ביים טויער איל־יאנע
היינט ביינאכט ביסטו דאָך מיינע;

איז עמעס וואָס אין דאַרף מ'רעדט,
אז פאר יעדן א ז דיין בעט?

— ניין קאַסטיקע, גלייב נישט קיינעם,
דאָס בארעדן מיך די שכיינים...
קום צוגיין קאַסטיקע מיינער,
איך בין קיינעמס נישט, נאָר דיינע.

(פאָיע ווערדע)

די יידישע יוגנט פון די מאָלדעווישע שטעטלעך און שטעט, זינגט מיט דער זעלבער הארציקייט קאַשבוק'ס, „ביים שפיגל", עמינעסקו'ס „זעסט ווי די פייגל פליען אוועק"... מיט הערלעכע מעלאָדיעס באהעפטע, ווי די אייגענע, שיינע יידישע פאָלקסלידער.

אין באשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג פון רומעניע, איז געווען א וואָגיקע האַרעפּאשנע מאסע, אן ארבעטנדיקער עלעמענט: בלעכערס, שניידערס, שוסטערס, סטאָליערס, מאָליערס, וועלכע האָבן זיך באוועגט, ארומגעפאָרן פון שטעטל צו שטעטל פון דאָרף צו דאָרף. אין די זומערדיקע אינדערפריען, האָט געהילכט דאָס מריקען פון די בהמות וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין דער טשערעדע אריין, די געקלימפעריי פון די מכשירים מיט וועלכע די פויערים גייען צו דער ארבעט אויפן פעלד. אַט דער לעבנסשטייגער פון ארום, די שיינע נאטור, די אזוי באזונגענע רומענישע נאטור, האָט דער יידישער מענטש איינגעזאפּט, געאָטעמט איר לופט, געלעבט איר לעבן, זיך באהאָפטן מיט איר. אזוי זענען אויסגעוואקסן פון די דרימלענדיקע שטעטלעך, מיט שטיבער וואָס האָבן געזינקען אין שטויביקער ענגשאפט, א יידישע יוגנט א פעסטע, הארציקע פאַרהאַרעוועטע יוגנט, און ס'האָבן אויפגעבליט לידער פון ליבע, האָפענונג און פרייד, ערדישע ווי ביי די מיטלעבנדע נאָענטע, ארומיקע מענטשן, יונגע אָדער קינדער אפילו.

אָט די שיינע נאטור פון רומעניע, לאָנקעס און וועלדער, בליענדיקע סעדער מיט זאפטיקע פירות, מיט פארבנרייכע בלומען, האָט אימפּרעסיאָנירט דעם רומעניש־יידישן שריפטשטעלער, דיכטער, וועלכע זענען אריינגעדרונגען אין פשוטן, בליענדיקן לעבן, און אויסגעשפּינט לידער' ווי דאָס ווייטערע ליד, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק די סובטילע קינדער־נשמה, וואָס האָט זיך באהאָפטן מיט דעם גאנצן לעבנסשטייגער פון ארום:

„רייסט זי שטעקאלעך מיט קארשן
פלעכט זי איין די האָר;
מאכט זי אויערינגלאך פון קארשן
אויף אן אויער א פּאָר.
און דעם קאָפּ באהאָנגען מיט קארשן
ווי די סמאָלע שווארץ,
אז מ׳זעט איצט חנהלען
פרייט זיך אזש דאָס הארץ.

(א. אווערבוך.)

אין דאָרף, פארנאכט, זיצט א מיידל פול בענקשאפט צו איר געליבטן. זי פארגלייכט אים צו פעלד־בלומען און קאָרן־בלימלעך — „זיינע אויג זיינען בלויער פון די בלימלעך און זיין הארץ איז קלאָרער פון די פליסנ־ דיקע וואסערן"...איז כדאי צו זען וויאזוי אזא מאָטיוו קאָן מגולגל ווערן אין ליד פון יידישן דיכטער מ׳ פריד. — ווייניגער:

„שפאן איך צווישן ווייסע פעלדער
ווייסע וועלט מיט מיר אליין.
קומט א שיקסל מיר אקעגן,
רויטע ליפּן, ווייסע ציין.

בלויער ים אירע אויגן.
צעפּלעך גאָלד — סנאָפּעס היי,
צארטע פיסעלעך אין שטיוול
טרעטן שטילינקע דעם שניי."

אפילו דער דיכטער פון קליין שטעטעלע, ביי דעם ברעג פון טייך מיט ווערבעס, זעט ווי:

„אין שטיבאלע א זומער־זון
האָט זיך ארייגעציליעט."

טראַצדעם וואָס „אין שטראַלן איינגעטוליעט, א זיסקייט וועבט אין ווינקאַלעך", צויבערט אים דער שיינער דרויסן:

„אינדרויסן פריש: נאָר גרין און בלאָ
און ווייסע שמעטער שוועבן —
ס'זינגט אין לופט, ס'זינגט אין גראָז,
ס'זינגט פון זיך דאָס לעבן.

(ל. בערטיש.)

דער דיכטער מיט א פאָלקלאָרישער אָדער וועמענס לירישע שאַפונגען זיינען געגאַנגען ניט נאָר צו עסטעטן־געניסער נאָר צום פשוטן, ווארעמען, גרויסן הארץ פון פאָלקסמענטש אין רומעניע־יעקב גראָפער, האָט פאַר־פלאָכטן אין זיינע לידער רומענישע און יידישע פאָלקס־מאָטיוון. א בולטער באַווייז איז זיין אינספּירירטער פּאָעם „באַלינעשטי", א מוסטער פון רומעני־שער דיכטונג אין יידיש. גראָפער דערמאָנט דעם פינפהונדערט יאָר אלטן מאָנאַסטיר באַלינעשטי און אַלץ וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פאַר דער צייט.

אין אָט דעם פּאָעם „באַלינעשטי" ווי אין א סך פון זיינע לידער, ווייזט אונדז יעקב גראָפער זיין נאָענטקייט צום רומענישן פאָלק, ווי גע־רירט ער איז פון זיינע ווי פון אייגענע דורותדיקע ליידן אלס פאָלק און יחיד. גראָפער דער דיכטער, מענטש און ייד, איז טיף גערירט פון דעם פּרעכטיקן רומענישן פּייסאַזש, פון דעם אָנגעווייטיקטן געזאַנג פון דער רומענישער פאָלקסשאַפונג־די דאָינע.

ליידער איז מיר נישט געלונגען צו באַקומען דעם פּאָעם, ציטיר איך אַן איבערזעצונג וואָס גראָפער האָט געמאַכט פון מיכאיל עמינעסקו, ניט די איינציקע, פון רומענישע דיכטער, א.ט. „וואָס קומסטו ניט?"

זע נאָר די שוואַלבן פליען אוועק
פון ניסנביימער פאַלט די דעק,
אויף גערטנער ליגט דער פראָסט צעשיט
וואָס קומסטו ניט, וואָס קומסטו ניט?

קום ווידער אין מיין אָרעם אהער
כ'וועל דיך באַטראַכטן פול באַגער,

מײַן קאָפּ לײנט אָן אין זיסער לוסט,
זין אָן דײַן ברוסט, זיך אָן דײַן ברוסט.

געדענקסטו נאָך די טעג. װי שײַן...
מיר פלעגן װײַט שפּאַצירן גײַן.
אין ד'אָרעמס װיגן דיך אין טאָל,
אַזױפיל מאָל, אַזױפיל מאָל...

די ערד האָט שײנע טעכטער פיל
מיט אױגן װי א פונקען־שפּיל
זײ צינדן אָן, זײ ברענגען רו,
דאָך ניט װי דו, דאָך ניט װי דו.

װײַל דו באַשײַנסט מיט אײן באַפעל
דאָס שטילע לעבן פון מײַן זעל.
נאָך קלאָרער װי א הימל־שײַן,
געליבטע מײַן, געליבטע מײַן.

שױן שפּעטער אָסיען אצינד,
די דאַרע בלעטער טרײַבט דער װינט
און אַלע פעלדער ליגן װיסט...
און דו װו ביסט, און דו װו ביסט?

(װאָס קומסטו ניט.)

דער צאַרטער ליריקער מיט דײַטלעכע סאָציאַלע אַקצענטן, — הערץ ריװקין (הערצל הײסינער), איז געװען פּאָפּולער מיט זײַנע לידער „פון שכ־נישן דאָרף“. דעם דיכטער באַצױבערן די נאַכטיקע לידער װאָס שמעקן מיט פעלד און מיט שײער און פולן אָן די לופט מיט װאַרעמקײט ליבער:

„... גיסן אַזױ זיך פון שכנישן דאָרף
הײמישע זאַפטיקע טענער,
ביז ס'הײבט אָן פרימאָרגן צו װאַרגן די נאַכט
און ס'הײבן אָן קרײען די הענער.“

אָבער פאַרכאַפּט פון דער שיינקייט פון דער רומענישער ליריק האָט ריווקין איבערגעדיכטעט אָקטאַוויאַן גאָגאַ׳ס „La noi“: דער מאָלדעווישער ייִדישער יונגער מענטש, אויפגעוואַקסן צווישן ברייט צעשפּרייטע בליענדיקע גרינע פעלדער און וועלדער, מיט אַ זילבערנעם טייך ביים ראַנד פון וואַלד, איז פאַרשטענדלעך צום האַרצן געגאַנגען די נאַטור־ליריק, דער רייכער, פאַרביקער רומענישער פּייסאַזש פון אַזוי פּאָפּולערן ליד אין וועלכן עס שוועבן נישט געלאָשענער טרויער, אומעט, פאַרביטערקייט:

ביי אונדז אַזויפיל גרינע קאָדרעס,
אויף פעלדער ווייץ און קאָרן,
ביי אונדז אַזויפיל שמעטערלינגען
און שטיבלעך פול מיט צאָרן.

קומען פייגעלעך פון ווייטנס
אונדזער דאַינע הערן,
ביי אונדז אַזויפיל בלומען, לידער
און אַזויפיל טרערן, טרערן.

אומעט רינט אין שטילן מורעש
טרויער פליסט אין אַלט,
עס דערציילט דאָ אונדזער בענקשאַפט
יעדער בוים פון וואַלד

זומער־פייגעלעך אפילו
וואַגן בייז דאָ ווערן.
ווייל טראָפּנס טוי וואָס אויף די בלומען
זענען אויך נאָר טרערן, טרערן.

זיצן מאַמעס גאַנצע נעכט
שפּינען לייוונט, וועבן,
טאַטע, מאַמע און אויך זון
באַוויינען דאָ זייער לעבן.

בענקט זיך אונדז אזוי נאָך פרייד
דער וואלד איז אונדזער עדות,
געוואָרעמט האָבן אָט די בענקשאפט
זיידעס, עלטער־זיידעס.

און ביז היינט איז אָט דער טרוים
מקוים ניט געוואָרן,
פעלדער אויסגעבעט מיט ווייץ
און שטיבלעך פול מיט צאָרן.

(ביי אונדז...)

אָקטאוויאן גאָגאָ׳ס! ?De ce m-ați dus de lîngă voi„ וואָס איז זייער פאָפולער געוואָרן אויך א דאנק, דער מוזיק קלינגט אזוי אין הערץ ריוווקינ׳ס איבערדיכטונג:

וואָס האָט איר מיך פארשיקט פון דר׳היים,
אין אזא ווייטער וועלט?
געבליבן וואָלט איך בעסער דאָרט,
ביים אקער און ביים פעלד

א שטיבל וואָלט איך מיר געבויט
מיט לייטן גלייך צו ווינען,
כ׳וואָלט חתונה געהאט אזוי
דאָס גאנצע דאָרף זאָל שטוינען.

וואָס האָט איר מיך פאריאָגט פון אייך
אויף בלאָנדזענדיקע וועגן.
איר וואָלט געהאט אצינד שוין אויך
דעם קאָפּ וווּ צוצולייגן.

א אייניקל וואָלסטו געהאט
וואָס זאָל דיך רופן זיידע,

וואָלסט מעשהלעך אים פיל דערציילט
איך וואָלט געשטיפט דאןביידע.

און גלייך איך זע: מיין מאמע דאָרט
שעפט נחת פון דער שנור.
זי שמייכלט און פארשיט זי באלד
מיט עצות אָן א שיעור.

און איצט פארבריינגען זייערע טעג
די אלטע לייט אין תפילה —
עס קלאָגט די מאמע גאנצע נעכט
דער טאטע אויך אפילו.

(אין דער פרעמד...)

דער רומענישער פייסאזש גייט אריין אין דער טעמאטיק פון כמעט אלע יידישע דיכטער פון רומעניע. צבי צעלמאן שרייבט וועגן זיין האר ציקער היים:

דאָ איז ווידער זוניק!
אקאציע און צווייט.
סטעפעס ליגן רחבותדיק —
צעבליעטע און מיד.

דאָ וועקן דיך די פויגעלעך
א יעדן פרי פון בעט.
און מיט ליבע מאמע־אויגן
טוען דיר א גלעט.

(...) א פייפל פייפלט אין די בערג,
ס'האָרכן פעלזן, שאָף און רינדער.
ס'איז די תפלה פון די דורות —
און א טרייסט פאר קראנקע קינדער.

שמחה שוואַרץ דער פערזון ציזעלירער, האָט מיט א סך פאָלקסטימ־לעכן חוש, פריי איבערגעדיכטעט רומענישע מאָטיוון, פון וועלכע מיר דרוקן איבער דאָ, בלויז זעקס מאָטיוון

1. ליובינקער פון יענזייט בריק
פלעכט דיין בייטש א גוטן צוויק.
בינד דיינע אָקסן אָן טאַלאַנקעס
ווען דו פירסט זיי אין די לאַנקעס;
און ווען דו גייסט פאַרביי מיין פענצטער
טו א קנאַל פון בייטש מיין שענצטער,
וועל איך זיך פון שלאָף אויפכאַפּן
שטיל פון דר׳היים זיך ארויסכאַפּן
און וועל נאָכגיין איבער לאַנקעס
נאָכן קלאַנג פון די טאַלאַנקעס.

2. וואָלט מיין ליבסטע נאָר געוועזן
אויפן בארג ווו שיידן וועגן,
וואָלט איך טאָג ווי נאכט געגאַנגען
סיי אין ווינט און סיי ביי רעגן.

האָב איך שרייבן ניט געלערנט
קען איך ניט קיין בריוול מאכן
וואָלט איך בעטן פרעמדע שרייבן
וועלן פרעמדע אָבער לאכן.

3. ליובינקער ניט קום שוין מער
היינט פארנאכט צום שכנס שייער ——
ער פארקלאָגט מיך פארן דערפל
אז דו קושט מיך אזוי הייס,
סע קען חלילה זיין א פייער.

4. בלעטער גרינינקע און קליינע
ס׳האָט מיר היינט דערציילט די שכנה

אז מיין ליבער איז פארגאנגען
מיט דער קאָסע שניידן זאנגען.

— — — — — — — — —

5. וואָס איך וויל און וואָס איך מיין
העלף־זשע גאָט סע זאָל געשען
זאָל די קאָסע זיך צעברעכן
זאָל ער זיך די הענט צעשטעכן
זאָל די קאָסע אויף שטיקער שפרינגען
זאָל די ערד די שטיקער שלינגען
ער זאָל מוזן צוריק קומען
זיך אן אנדער קאָסע נעמען

קומען פונעם פעלד צוריק
זוכן אין מיין שויס זיין גליק
קומען זאָל ער פון העט וו
אין מיין שויס געפונען רו.

אז איך קום אהיים אין די פארנאכטן
און פון דיינע קושן די באקן פלאמען,
שאָקעלט אויף מיר מיטן קאָפּ דער טאטע
און איך שעם זיך אזוי פאר דער מאמען.

6. קייסער, קייסער זאָג מיר צינדער
וו פארפירסטו אונדז די קינדער,
און וו שלעפסטו די הארמאטן
מיט די פאָלקן מיט סאָלדאטן?

קייסער, קייסער, הער שוין אויף,
לאָז שוין נעמען באלד א סוף,
ס'גייען קינדער פרי פארלאָרן.
מ'ידלעך אויך שוין גראָ געוואָרן
זינט דו האָסט אויפגערירט דעם צאָרן.

בלעטער גרינינקע און קליינע
כליפּעט אין מיין האַרץ אַ דאַינע,
בלעטלעך גרינע, בלויע שטערן
קייקלען זיך פון אויג די טרערן.

(רומענישע מאָטיוון פון שמחה שוואַרץ)

קובי וואַל האָט געווייטיקט פאַר עוולות, געשטורעמט קעגן אומרעכט.
מיט האַרצווייטיק מאָלט ער אין זיין ליד „האַריאַ ״דאָס שווערע לעבן פון
אָרעמען פויער:

„היינט שטייען מיר נאָך געשפּאַנט אין יאָכן,
איבער אונדזערע שטיבער לויערט הונגער, טויט,
און ס׳צאַנקט דאָס דאָרף אין פיבער פלעקן רויט.״

מיט אונדזער אַרבעט פּרוּוון מיר אילוסטרירן, אָפּמשלען אונדזער
באַהויפּטונג אַז יידישע דיכטער פון רומעניע, האָבן אין זייערע אָריגינעלע
שאַפונגען אָדער איבערדיכטונגען, אָפּגעשפּיגלט דעם נאַטור און הומאַנעם
פּייסאַזש פון רומעניע.

אין אַמאָליקן רומעניע, ניט געקוקט אויף איר פעטער ערד מיט
גאָלדיקע זאַנגען, מיט אירע זאַפטיקע פּירות, מיט אירע שפעדיקע לאָנקעס
באַפּינטלטע מיט בלומען ווי שטערנטיכלעך, האָט דאָס פאָלק געוווסט פון
טיפע וויען, פון אַ האַרט לעבן.

יידישע דיכטער פון רומעניע האָבן געווייטיקט פאַר עוולות, מיטגע-
פילט די ליידן פון זייערע מיטמענטשן. מיטגעפילט דעם פויערישן אומעט,
טרויער, דעם יידישן קרעכץ, און ווען געשטורעמט קעגן אומרעכט דער
מוטיקט די האָפענונג אויף ליכטיקע טעג, ווען געטרייסט, געפּריידיקט
פריינדשאַפט צוויש רומענער און די מיטלעבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן פון
רומעניע.

טודאָר ארגעזי אויף יידיש.

צו די שפּראכן אויף וועלכע די רומענישע ליטעראַטור האָט דורך איבערזעצונגען, באַקומען אַ ברייטע צירקולאַציע און הויכע אָפּשאַצונג, מעגן מיר צושרייבן אויך דאָס בוך מיט לידער־און אויסוואַל פון די בעסטע דיכטערישע שאַפונגען פון טודאָר ארגעזי, איבערגעזעצט פון ליטמאַן־וויגדער.

טודאָר ארגעזי — דער אָנערקענטער מייסטער פון דער מאָדערנער רומענישער דיכטונג, איז געבוירן דעם 21 מיי 1880 אין בוקאַרעשט, וווּ זיין פאָטער האָט זיך באַזעצט. אין עלטער פון 16 יאָר, פאַרעפנטלעכט ארגעזי זיינע ערשטע פּערזן. פון זומער 1904 ביז 1911, לעבט ער אין דער שווייץ און אין פראַנקרייך. צוריק אין רומעניע, אַנטוויקלט ער אַ רייכע זשורנאַליסטישע טעטיקייט, מיטאַרבעטנדיק אין דער סאָציאַליסטישער און דעמאָקראַטישער פּרעסע.

אין זיינע אַרטיקלען נעמט ער שטעלונג צו די אַקטועלסטע, פּאַרשידנאַרטיקסטע פּראָבלעמען. פאַר זיינע בייסיקע פּאַמפלעטן, האָט מען אים אפילו אַריינגעזעצט אין תפיסה אין 1918, און אין לאַגער אין 1943. אין זיין סאַטירישער פּראָזע, דעמאַסקירט ארגעזי די אַלגעמיינע אַספּעקטן פונעם דעמאָלטיקן לעבן, גיט אונדז אַ פרעסקע פון אַמאָליקן רומעניע, צווישן די יאָרן 1918־1944. געזעלשאַפט, אינסטיטוציעס, זיטן, ווערן געשטעמפּלט אין בלעטלעך וואָס פאַרגעדענקען זיך.

פאַרלויפיק אינטערעסירט אונדז דער דיכטער ארגעזי וועלכער שטרעבט צו ליכט, צו גוטס, צו שיינס, צו וואָר. ארגעזי פילט אַן עקל צו אַלץ וואָס פאַרמיאוסט דאָס לעבן. ווי אַן אויסטייטשער פון דער רומענישער ווירקלעכקייט, איז ארגעזי אַ נאַציאָנאַלער דיכטער. אָבער אין זיין פּאָעזיע, דריקט ער אויס אויך די מאַטערנישן פון דער מענטשלעכער

נשמה, איר דורשט נאָך וויסן, איר אומרו און ווונטש צו דערגרונטעווען דעם זין פון דער וועלט, דעם ציל פון איר עקזיסטענץ, — די זוכענישן און דעם אומרו פון דער מענטשהייט־און דערמיט, איז ארגעזי גלייכצייטיק, אויך א דיכטער פון אוניווערסאַלן פאַרנעם.

עד כאן וועגן טודאָר ארגעזי און איצט וועגן דער איבערזעצונג אויף יידיש. איך בין זיך משער אז ליטמאַן וויגדער איז צוגעטראָטן צו ארגעזיס לידער אויף יידיש, מיט דער כוונה אריינצוברענגען אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, אַן אָריגינעלן דיכטער, וועלכער פאַרמאָגט אייגנאַרטיקע לירישע חריפות און סובסטאַנץ, פאַרב און פאַרפום, מאָטיוון וועלכע פעלן איר אפשר.

די קוואַליטעט פון אַן איבערזעצונג האָט איין קריטעריע, איין ספר־חוקים־דאָס אָריגינעלע ווערק! פון דעם שטאַנדפונקט איז ליטמאַן־וויגדערס דיכטונג־נאָענט און טריי.

דער איבערזעצער, אינטערפּרעטירט דעם אָריגינעלן טעקסט און פאַרהיט די ריטמיק און מעלאָדיק, די ארגעזיאַנישע פערזן־מוזיקאַליטעט, דעם מחברס סענסיביליטעט (פיינפיליקייט), און קינסטלערישע כוונות־מיט איין וואָרט אַן איבערזעצונג סינטעטיזירונג.

אונדזערע באַהויפּטונגען, אַרגומענטירן מיר מיט ציטאַטן פון איבערזעצן בוך „לידער"; דערשינען אין „ליטעראַטור פאַרלאַג", בוקאַרעשט 1966, זז" 240.

פון ארגעזיס באַנד „צוגעפּאַסטע ווערטער" גיט דער איבערזעצער דאָס ליד „צוואה"(טעסטאַמענט) אויף זייטל 23, אין וועלכן ארגעזי, דריקט אויס אַנערקענונג די פויערישע עלטער־זיידעס וועמענס „געשטיקטע און ביטערע ווייטיק", ער גיט אין געשליפענע פערזן:

„... אויף צו פאַרבייטן, דאָ צום ערשטן מאָל, אַצונדערט,
סאַפּע אויף פען און בראָזדע אויף טינטער.
האָבן די אַלטע אָנגעזאַמלט, דאָרט צווישן די פּי,
דעם שוויס פון יאָרהונדערטער שווערער מי.
פון זייער שפּראַך מיט ווערטער פאַר בהמות,
האָב איך געשאַפן צוגעפּאַסטע ווערטער, פול מיט רמז
און וויגעלעך פאַר די וואָס וועלן זיין די בעלי־בתים.
און, קנעטנדיק זיי וואָכן טויזנטער אָן אָטעם,
כ'האָב בילד און טרוים ארויסבאַקומען.

פון שמאטעס־קנאָספן כ׳האָב געמאכט און קראנצן בלומען.
איך האָניק האָב געמאכט פון אָנגעזאפטן סם,
אים לאָזנדיק אין גאנצן זיין מתיקות, כוח און טעם
דאָס וואָוט צום זידלען כ׳האָב גענומען פיין אויסשפינען,
אז אי צום צערטלען, אי צום שעלטן זאָל עס דינען.
דאָס אש פון אונדזערע טויטע כ׳האָב גענומען פונעם אויוון,
א גאָט פון שטיין געמאכט, אוועקגעזעצט אים אויבן,
א הויכע גרענעץ, מיט א דער — און יענער־וועלט,
וואָס היט, זאָלסט טון דיין חוב, וואָס ער באפעלט.“

ווי מיר זעען, ברענגט אריין דער איבערזעצער, היימישע, שורשדיקע, זאפטיקע יידישע אויסדרוקן!

טודאָר ארגעזיס סאָציאַלע ליריק, איז ענג פארבונדן מיט דער ווירקלעכקייט פון זיין תקופה אָבער ווי פארשידנארטיק זענען אירע קוואלן!

דער ציקל „שימל־בלומען“, איז א ווינקל מיט מאָדנער נייקייט פון ארגעזים לירישער וועלט, וועלכע שטרייכט אונטער זיין ברייטע סאָציאַלע אָבסערוואציע.

מיט זיינע „שימל־בלומען“ פירט אונדז ארגעזי אריין אין א דאנטישן גהינום, אין א סביבה פון פאריא׳ס (מענטשן אָן שום סאָציאַלע, רעליגיעזע רעכט, פארשטויסענע פון דער געזעלשאפט, ביי די הינדוסטאנער), וועלכע טרינקען זיך אין כוואליעס פון פיין. דער דורשט נאָך פארבאָטענער פרייד, דערשלאָגט, מאטערט דעם געזונטן בארג־מענטש, דעם יונגן פיטרו מארין וועלכער „האָט נאָך דאָ אין תפיסה, צען יאָר אָפּצוזיצן“. אין „בייזע תאווה“, ז.93. שילדערט אונדז דער דיכטער, מארין פיטרו׳ס וויזועלע האַלוצינאציעס, זיינע עראָטישע וויזיעס:

„... דרייט זיך אין דער טיר דער שליסל,
הער איך דער נקבה׳ס ציינער־קריצן,
באהעפט, צעשויבערט, ספאלאָשעט,
און גאָר ניט פאטאָשעט.“

פיטרו באנאנד מיט גרויזאמע רוצחים, געווינטלעכע תפיסה־פּענסיאָנארן און די וואָס שמאכטן דאָרט איבער דער שיינקייט פון א טרוים.

גארן ווי גֶעפאנגענע אָדלערס הינטער די גראטעס, צו פרייהייט. אָט די „פארשטויסענע", זענען פול מיט לאטענטער, פארבאהאלטענער הומאניטעט און ברענענדיקער וויטאליטעט ווי אין ליד „יאָן" ז.96:

„... אין די אָפענע אויגן איז פארבליבן,
עלנט, פארפרעמדט און פארפרוירן,
א שיין פונעם דאָרף ווו געבוירן,
פון פעלד ווו ר'האָט ציגן געטריבן."

ארגעזיס „פסאלמען" זענען א בולטער אויסדרוק פון די גריבלעניש און ספקות וועלכע האבן סוף כל סוף אים באווירקט, ער זאָל ווערן אויס גייסטל'עכער. ער זוכט שטענדיק דעם וועג פון אָנשטרענג:

„... געגרייכט אויף סאמע העכסטן שפיץ,
די סכנה זוך איך מיר און שאף מיר איצט.
די שמאָלסטע סטעזשקע קלויב איך מיר צום גיין,
ווען כ'טראָג דעם גאנצן בארג אליין."

(פסאלם, ז. 29)

דער דיכטער באגערט תמיד נאָר וואָס ס'איז פארווערט, פארבאָטן:

„...מיין אמתדיקער חטא פאר דעם באשאפער
איז גאָר א שווערער און איז אין־לכפר.
געפרווט האָב איך מיט פייל און בויגן,
גאָט, אראָפצווארפן דיך פון אויבן.
א הימל־וויבער, מיט די אָדלערס האָב איך זיך געגרייט,
אוועק צו רויבן דיין אלמעכטיקייט.

(פסאלם, ז. 29)

דער מענטש וועלכער גלוסט תמיד צו גוטס און שיינס, און אלץ איז אים פארבאָטן, פאלט אריין אין ספקות:

„... א מנורה, א היכל. א גרענעץ־וועכטער,
קומען שטערן און זיך אָנצינדן אין רייי
און די צווייגן, אויף מזבחות אויסגעשטרעקטע
און איך דין דיר, אָבער גאָטעניו, עד מתי?

(פסאלם, ז. 33)

אין די פּאָעמען פון יאָר 1941, ווען די נאציס (און זייערע משרתים) האָבן פאַרכאַפּט די מאכט אין לאַנד, אין דעם פּאָעם „כ'האָב נישט פאַר־שטאַנען“ ז' 131, גיט ער אונדז אַן אַספּעקט פון רומעניִשער גאַסטפריינד־לעכקייט און צוטרוי צום מענטשן. די פאַרכאַפּערס קאָנען נישט משיג זיין, וואָס די טיר און טויער שטייען אָפן סיי ביים קלויסטער, סיי ביי זייער שטוב, און אַן אורח, ווען ער קומט אַריין, נעמט מען אים אויף, ער רוט זיך אויס און גייט אַוועק מיט א פולער טאָרבע. אויף תרגום־לשון פרעגן זיי:־ווער היט אייך, באַשיצט אייך, אַלע טעג.

„... כ'האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן זאָגן עפּעס,
ווען זיי געפרווט דעם פלויט צי ר'איז נישט פאַרצוועקעט
און אויך געוואונדערט האָבן זיי זיך עס אביסל,
וואָס ס'איז מיין טויער נישט פאַרמאַכט מיט שליסל.
— אזוי האָבן מיר עס פאַרכאַפּט. די זיידעס מיינע, זכותם יגן.
מיט שלאָס און שליסל, זיי זיך נישט אַרום געטראָגן.“

כדי אויסצודריקן זיין רעוואָלט קעגן די פאַרכאַפּערס פון לאַנד, באַ־נוצט אַרגעזי דעם פּאַטעטישן ליריזם, שאַרף אין זיין נאַקעטער אויפריכ־טיקייט:

„..דער כוח וואָס ליגט אין האַרץ טוט־ווי אייך און
אייך בריט,
ווייל ער איז שטאַרקער נאָך פון פעלדזן, פון גראַניט.
פון יאָרן טויזנטער איך דויער,
אָן פעסטונגען דאָ, אָן א מויער.“

(כ'האָב נישט פאַרשטאַנען ז. 132)

דער דיכטער באנוצט אויך דעם קאַראַסיוון מלבוש פון סאטירע, ווי למשל אין זיין פאמפלעט ארטיקן „מיך אויסגעפּרעגט" ז. 128:

„... מיך אויסגעפּרעגט און אויך פארשריבן,
א דאנק, האָב איך געזאָגט, צופרידן.
נאָר כ'הויב נישט אָן פארשטיין דעם שכל,
וואָס דו פון מיר אין ביכעלע פארצייכנסט."

דער פשוטער פויער וועמענס גאנצע תורה, שטאמט בלויז פון דער ערד, ווייסט נאָר פון פעלד־און וואלד, זיין שול און לערער:

„... קליינטשיקע אותיות, מעוברתע, לייג איך דאָרטן אויס,
און גרילן, די בעל־קוראַ'ס לייענען אויפן אקער זיי.
דריי גאנצע נעכט און אינדערפריען צוויי,
וואסקן אויס דאָרטן שטאמען צווישן גראָזן,
און בלעטער פון ביכער אויפגעווילקטע אויף קוקורוזן.

(„מיך אויסגעפּרעגט" ז. 127)

דעם פויער וועלכער חתמעט „ברודערשאפט מיט דער האק, דער שווערער," האָט ניט ליב מע זאָל אים וואגן, אויספרעגן; דערפאר:

„... זייַ־זשע מיר מוחל, רייס אויס פון דיין העפטל
דאָס אָנגעשריבענע צעקנייטשטע בלעטל,
און ניט פארקויף מיך אויף פאפיר,
ווייל גאָר אן אנדער סיזור לערנט מען אין זאָרף ביי מיר."

„און אריבערלייגן וועט מען דיך, מחילה, יונגערמאנטשיק,
און אָנצימבלען מיט שטעקן, מיטן קאנטשיק,
אז אויף די פיס דיך שטעלן, נאָך דער שמחה
וועט קיין שום רופא מער נישמ קענען, מעג זיין דער גרעסטער מומחה.

(...) זיי אויס די צייט וויפל די זון נאָך שיינט,
סע זאָלן דיר נישט בלייבן די רגלים דאָ, אין אונדזער קאַנט.״

(„מיך אויסגעפּרעגט״ ז. 128)

פון די ציטירטע פערזן ביז איצט און פון די ווייטערדיקע, זעט מען די טיפע קענטעניש, ביז אין די פאַרבאָרגענסטע ווינקלען, פון ארגעזיס שאַפונג; די טיפע קענטעניש פון ביידע שפּראַכן־רומעניש און יידיש וואָס האָבן געהאָלפן דעם איבערזעצער ליטמאַן וויגדער, גובר צו זיין די שווערע פּראָבלעמען, דהיינו, געפונען די יידישע עקיוואַלענטן פאַר די פילע פּאָעטישע פאָרמען, מאָטיוון און ריטמען, וועלכע ארגעזי באַרגט אויס ביי דער רומענישער פאָלקס־ליטעראַטור. פאַרן איבערזעצער איז ניט געווען קיין גרינגע אַרבעט צו געפינען די יידישע עקוויוואַלענטן פאַר די אַרכאַישע ווערטער, אַרגאָטישע אויסדרוקן, נעאָלאָגיזמען, מיט וועלכע עס זענען דורכגעפלאָכטן אַרגעזיס לידער. אויסהערנדיק וויגדערס איבערזעצונגען פון ארגעזי אויף יידיש, האָט א באַקאַנטער יידיש־רומענישער שריפטשטעלער, באַמערקט: „כ׳האָב קיינמאָל נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען ארגעזי, ווי אין וויגדערס יידישער אויסטייטשונג.״

מיר שליסן די ציטאַטן פונעם ציקל „פּאָעמען״, מיט א פראַגמענט פון ליד „מענטש איינער״, ז.143, וואָס איז א מין נביאישער מוסר פאַר די געלט־גיריקע, וואָס מאַכן פאַרמעגנס פון גנבה, דורך הריגה און צעשטערונג:

„... האָפענונג, בלוט און גייסט, ווי א שוואָם,
דאָס גאָלד, דורשטיק, זאַפּט זיי איין.
אין דיין געמויערטן קעלער ווערט פאַרשטאַרצט
מענטשנס כשר לעבן, זייער הארץ.
אומעטום, פרייד אָן א שיעור,
פון דיין נבלה, אוועקגעלייגט פאַר דיר.

ס׳איז א בושה, דו מענטש, א בושה איז מיר.״

ארגעזיס סאָציאַלע ליריק, טראָץ אירע פאַרשידענע קוואַלן, איז ענג פאַרבונדן מיט זיין תקופה פול סתירות און דערגרייכונגען. דער דיכטער וועלכער האָט אינטוירט אין זיין „צוואה״ דעם דערוואַכונגס וועג פון אַנאָ־

פאלבּעטישן קנעכט מיט א געבויגענער פּלייצע, ביז צו דער מדרגה פון ווערן א פרייער מענטש:

„...פון ואַשטשינע דער, נייער נעפּל מיט זומפּ געמישט,
וועט בריענדיק דאָס לעבן, אויפסניי זיך יאַוועו פריש.

(„קיין גאנצער קלאנג" ז. 150)

ער איז אונדז מבטיח אין זיין ציקל „לויב געזאנג דעם מענטשן", אז אין טאָג פון באפרייונג, ווען פון שטראָף און קנעכטשאפט באפרייט האָט זיך דער מענטש און גענומען גיין מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ צו דער זון, און דערבליקט דעם הימל „...די טיפקייט האָסט באנעמען און ניי האָט כל־היציר געוויזן דעם אין־סוף דיר, ארום און איבער דיר" (פון ליד „פאר־ווירקלעכונג", ז.153) דאָס קאָנדיקע פרישע לעבן, וואס האָט זיך שוין געיאַוועט, אויפסניי דארף מען גדענקען; ווי יעדע גרויסע פארווירקלע־כונג, וואס בייט אין קאָכעניש דאָס לעבן: „...אין אָט דעם גרויסן יום טוב זאָלסט אייביק זיך דערמאנען, ווען פונעם שטויב און פאַרעך פלוצים ביסט אויפגעשטאנען „(ביז דעמלט"ז.151.).

פון זעלבן ציקל, אין ליד „מענטש מיט מענטש", שטייט דער מענטש פּנים אל פּנים מיט דער געשיכטע. אָט איז א באווייז פון ארגעזיס קינ־סטלערישער רייפקייט און אידעישער קלאָרקייט:

„איין מענטש איז געווען א בלעטל, נאָר איין מענטש מיטן צווייטן
אויסוואקסן איז געלונגען, א בוים געוואָרןביידע.
אויב אויפן צווייג דאָס בלאט דאָרט, נאָך־יונג שטארבט־אָפּ און פאלט,
לעבט זיך דער בוים אלץ ווייטער אוןביימער ווערן וואלד.
פאר גורל גיך צו שטארבן, גענומען האָסט דיין שכר.
פון מענטש געווען גרדודפט. היינט מענטשהייט ביסט דערפאר.

(מענטש מיט מענטש", ז. 170.)

די אנטשטייונג, דאָס אויפקומען פון מלחמות, שילדערט אונדז אר־געזי אין זיין ליד „דער בעל גאווה",ז.175.:

„א בבל־טורעם? כ׳ווייס נישט! קסריים דאָרט געדרייט,
אז איין פאָלק מיטן צווייטן זיך נישט מער איינפארשטייט.
דעם עולם איינצושטילן, האָט מען באנוצט כסדר
נאָר צביעות און נאָר שווינדל, נאָר אינטריגע און שקר.
די מאכט נ׳שט צו פארלירן, פלעג זייער שטורי־משרת,
דאָס פאָלק פארנארן פשוט אין בלוטיקע מלחמות“.

דער חילוק צווישן קאַמף און קריג?

„... דער קריג איז פאר די פוילע, נאָר קאמף, פאר אונדזער גליק.
זלחמה טוט פארשמירן, נאָר קאמף דאָס איז א חוב,
זאָלסט נישט אנטשלאָפן ווערן אויף לוין, צי א קרישקע ברויט.“

(„קאמף און קריג“, ז. 177)

פונעם ציקל "1907", דאָס יאָר פון גרויסן פויערים־אויפשטאנד אין אמאָליקן רומעניע, ציטירן מיר דעם אָנהויב, פון אויפשטאנד געשילדערט פון ארגעזי׳ן אין „פאָרוואָרט“, ז. 185:

„... אין ניינצן הונדערט זיבן, אין א באנאכט,
אין חודש מערץ, ווען ס׳ט הויבט זיך אָן דער אקער.
האָט פון פלעמענז און דערפער אנדערע א סך,
א פלאם צום הימל געטון זיך א צעפלאקער.“

די ברענענדיקע שפייכלערס מיט בערג ווייץ, די ברענענדיקע פאַלאצן און הויפן פון די באָיארן ווען דער אויפשטאנד צעשפרייט זיך, שילדערט דער דיכטער אזוי:

„... וואָס איז? א כאָגע (חגא) דאָ מען פייערט,
צי סתם אזוי, א פשוטע לוויה?
געוואָיעט אויך די הינט, מיטן צעלאָזטן עולם זאָ.
דאָס לאנד אין אויפשטאנד איז, אין א גוטער שעה.

(„פאָרוואָרט“ ז. 185—186)

ווען דעם בראשית פון משל, דערציילט אונדז דער דיכטער אין זיינע „פערזן מכל המינים" ז.194) "דאָס משל פון משלים":

„...ביישפּיל. משל, ווערטל, וויצל, חוזק, רעטעניש, גאַנץ קלאָר איז פאַרן מענטש א טרייסט געווען אין די ווייטיקן און צרות.
דאָס משל איז—א ביישפּיל נאָר, וואָס דער מענטש האָט צוגעגרייט אז די חיות און בהמות זאָלן רעדן זיינע רייד.
כאָטש די עוולה אָנגעוויזן, איז ניט אזוי גרינג צו בייטן.
דורך דערציילן ר'האָט לעת עתה, אָפּגערעדט זיך פונעם הארצן ווען אליין דער מענטש פארשטעלט זיך פאר א חיה, אפל, שאָף, דעם באלעבאָס ר'איז מער ניט מוחל, און אויך זיך אליין באשטראָפט וואָלף און לעמל לייב און לאָשעק, הינט און קאַץ און אויך די מויז.
אינעם משל, ווי אין טעאטער, פאַרלעכווייז טענהן זיך אויס שטאַרקער טוט דעם שוואכן ווארגן, דאָס געשעט כמעט כסדר וויניקסטנס אזוי פארצייטן איסטייטשן פלעג עס איעדער.

אלע פאַצעטן פון ארגעזיס ליריק ברענגט דער איבערזעצער אין באנד „לידער". די פאנטאסטיק פון דער „ניטגוטער" (ז.100־102) און די ליבע־ליידן פון שווער בענקעניש" ז.54־56:

„... ווי א שלאנג זיך ווארפנדיק,
פינף חטאים ליידנדיק,
לידער כ'האָב באשלאָסן שרייבן,
פיין פון נאכט מיר צו פארטרייבן.

ווייל אויב זי לעבט נאָך, ערגעץ ווו,
שרייב־זשע פעדער, בלוט, שרייב דו!
עמעצער קען וויסן דאָרט?
אפשר לייענט־זי, קומט זי פאָרט!"

מיר ווילן דערמאנען אז אין דער רייכער גאמע מאָטיוון פון ארגעזיס דיכטונג פעלט נישט דער עראָטישער מאָטיוו. פארענדיקן אונדזערע

ציטאטן וועלן מיר מיט א חנעוודיק, הומאָרפול געדיכט „שכינה" (ז. 109 — 110):

„... הער נאַר, הער עס!
א קאַרטאָפל, מעוברת!
הערסט. די שכינה איז אין זיי געווען,
בתולה־נזיר־דיק און ריין,
מן — השמים׳דיק,
דער אויבערשטער, זיין חסד באנייענדיק,
זיינע הייליקע מכשירים טוט אראָפּלאָזן,
ב׳יז צו די בולבעלעך די ראָזע,
און וועגן א ביפּקעלע, א ווארעמס, פון א באַרבוליע
ווי פאר שמאראגדן. שפּרעכט ער אָפּ פּאַוואָליע.
אין א נאכט א שטילער,
זייער אָנטועכץ זיך אָנגעפּולט מיט מילעך
אויף צו האָדעווען א פּיצעלע
ביי א יעדן ציצעלע."

די מיט ליבשאַפט איבערגעזעצטע לידער, באַווייזן סאַרא פּערזן ציזעלירער ליטמאַן ווידער איז, סאַרא סובטעלן הומאָר און עמך־פּשטות ער באַזיצט.

דער באַוווסטער רומעניש־יידישער דיכטער מאַרטשעל ברעסלאַשו האַלט אַז אַרגעזי איז נישט צו איבערזעצן. דער דייטש־יידישער דיכטער מאַרגול שפּערבער, וועלכער האָט געחתמעט די דייטשע איבערזעצונג פון טוראַר אַרגעזיס לידער, האַלט אויך אַז ס׳איז כמעט אומעגלעך צו איבער־זעצן אַרגעזין אויף דייטש „צוליב דער אייגנאַרטיקער־אייגענער שפּראַך פונעם דיכטער."

אַרגעזיס לידער אויף יידיש, איז א ליטעראַרישער אויפטו אין דער ליטעראַרישער וועלט. אַרגעזי אויף יידיש־א בראשית אַרבעט, אַן ערשטלינג, איז א פולקאָמענע איבערזעצונג. דער פאַקט וואָס דאָ און דאָרט, זענען איבערגעזעצט געוואָרן געציילטע פינעף לידער, אין משך פון פופציק יאָר, דער פאַקט וואָס אפילו אָט די געציילטע איבערזעצונגען זענען נישט טריי דעם אָריגינאַל און געראָטן, זענען א באַווייז אַז מען האָט נישט גע־

וואגט צוטרעטן איבערזעצן ארגעזיס דיכטונג, צוליב די גרויסע, שווערע פראָבלעמען וואס אזא ארבעט רוקט ארויס.

ליטמאן ווינגדער האָט געטאָן זיין ארבעט מיט באגאבונג, מיט ליבע און אָפּשיי פארן אָריגינעלן ווערק. אין זיינע איבערזעצונגען פון ארגעזיס ליריק, האָט ער אריינגעפלאָכטן זאפטיקע יידישע, אויך היימיש־יידישע ווערטער, גלייכווערטלעך און געראָטענע יידישע אימאזשן. וועלכע פאר־מינערן בשום אופן נישט דעם אָריגינאל, נאָר פארטיפן אים, מאכן אים אָפט קלאָרער און פארשטענדלעכער.

בייטראָגן צו דער פּלאַסטיק:

מאַקס הערמאַן — מאַקסי, מענטש, קינסטלער און ייִד

אַרבעטזאַמקייט, ערנסטקייט און אידעאַליזם האָבן כאַראַקטעריזירט דעם מער ווי א האַלבן יאָרהונדערט טעטיקן קינסטלער־מייסטער מאַקסי. א געזונטער, שטאַרקער ווי א בוים, ווי א דעמב, א ווירדיקער ייִד און מענטש, מיט שטאָלצן בליק אין געזיכט, אָן דעם שאַבלאָנעם־שמייכל, אָפנהאַרציק און זאַכלעך, פּרעציז ווי איינער וועלכער האָט א לעבנלאַנג פאַרבראַכט מיט אַרבעט, מיט אחריות־פולער אַרבעט. אַזוי האָב איך אים געזען און געקענט פון די טיפע צוואַנציקער ביי די שטערנבערג־רעפּע־טיציעס מיטן "פאַרכישופטן שניידער" פון שלום עליכם, ביי די אימפּרעזעס פון דער "ייִדישער קולטור פעדעראַציע", אין דער "קונסט שול פאַר ייִדן" אין די מלחמה יאָרן, אויף די אימפּרעזעס פון "איקוף" און אין זיין בי־ראָצימער אַלס לאַנגיאָריקער דירעקטאָר פון מלוכהשן קונסט־מוזיי פון בוקאַרעשט.

מיט זיין דערפרישנדער פּלאַסטיק, האָט ער באַלד ביים אָנהייב פון זיין קינסטלערישן וועג, פאַרנומען א בכבודיק אָרט און ביז צו זיין פּטירה דעם 19־טן יולי 1971, איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער, אין סאַמע אויבנאָן פון דער רומענישער קונסט.

אומאָפּהענגיק פון וואַנעט ער האָט געשעפּט זיין שטאָף, זיינע "סוזשעטן", פון דאָרף אָדער שטאָט, פון היינט אָדער פון נעכטן, אין זיין אומדערמידלעך און אַלץ שטייגנדיק קינסטלעריש שאַפן, האָט מאַקסי באַוויזן אַז ער איז זינענדיק, טיף פילנדיק, אַז ער פאַרמאָגט פּאַטאָס פון עכטער פאָלקסטימלעכקייט. אָט פאַרוואָס מאַקסי׳ס קונסט דערגייט צו אונדזערע הערצער און איז א באַווייז ווי יונג און פריש איז מאַקסי׳ס קונסט!

געבוירן איז מאקס הערמאן מאקסי דעם 26־טן אָקטאָבער 1895 אין בראילא, א וויכטיקע האפן־שטאָט ביי דעם דונײַ אָבער נאָך אין די קינ־דער יאָרן פירן זיך זיינע עלטערן איבער קיין בוקארעשט און דאָרט באַזוכט מאקסי די פאָלקס און מיטלשול.

די קינסטלערישע אויסבילדונג באַקומט מאקסי אין דער קונסט־אקאדעמיע פון בוקארעשט און נאָכן פאַרענדיקן זי, שטודירט ער ווייטער ביי די מייסטערס רעסו און איסער.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1916־1919, מאכט ער דורך א מיליטערישע שול און ווערט געשיקט אויפן פראָנט. באַלד נאָכן קריג, ווערט אָרגאַניזירט זיין ערשטע בילדער אויס־שטעלונג (אינאיינעם מיטן מאָלער שטוירער און דעם קאריקאטוריסט ראָ־סענפעלד־ראָס), אין דער קונסט־גאלעריע פון יאס, מאָלדעווע. שפּעטער לעבט מאקסי א יאָר אין א דאָרף פון דאָראָהאָיער געגנט, און ווייל די ארבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן רירן... ווערט ער ווידער גערופן אין מיליטער.

באפרייט פון מיליטער שטעלט ער אויס אײַנגיכן, אין בוקארעשט, זיינע לייוונטן, אין זאל פון די יידישע דיפּלאָמירטע „אוניראַ" (פאראייני־קונג) און פאָרט ווידער אוועק אין א דאָרף, דאַסמאָל אין דער געגנט אָלט, וו ער מאָלט רעאַליסטישע דאָרפס־מאָטיוון. ער פאָרט אוועק קיין בערלין. שטודירן. אין אַטעליע פון קינסטלער ארטור סעגאל ארבעט אויך מאקסי. און באַטייליקט זיך אין א ריי אויסשטעלונגען. ער ווערט צוגעצויגן צו דער „נאָוועמבער גרופּע", א פאַרבאַנד פון ראדיקאַל־לינק־געשטימטע קינסטלער. צוריק אין רומעניע האָט ער יעדע צוויי יאָר א פּערזענלעכע אויסשטעלונג. אין דער היגער קונסט סביבה גייט אָן א שטאַרקער קאַמף צווישן די אָנהענגער פון א פּאָמפּעזן אקאדעמיזם און די אָנהענגער פון סעזאַנס שול, פון די פראַנצויזישע פּאָסט־אימפּרעסיאָניסטן. מאקסי איז א קאָנסעקווענטער אוואַנגאַרדיסט און עפנט אין 1924, דעם ערשטן אינטער־נאַציאָנאַלן סאַלאָן פון דער מאָדערנער קונסט, מיטן מאָלער־ארכיטעקט מאַרטשעל יאַנקאָ, און גרינדעט דעם „אינטעגראַל". פּעריאָדישע שריפט פאַר קונסט און ליטעראַטור.

אין 1965 האָט מען אָרגאַניזירט אין איינעם פון די זאַלן פון מלוכהשן קונסט־מוזיי אין בוקארעשט אַן אָפיציעלע אויסשטעלונג, א גרויסע רעטראָספּעקטיווע אויסשטעלונג, מיט העכער צוויי הונדערט עקס־פּאָנאַטן פון פאַרשיידענע שאַפונגס־פּעריאָדן, וועלכע האָבן פאַרשאַפט

פופציק יאָר שאַפן פונעם מייסטער מ.ה. מאַקסי. פון בילד צו בילד איז געוואַקסן דער אינטערעסביים צוקוקער. אויף דער אויסשטעלונג האָבן מיר געזען אַקטן, שטיל־לעבנס, פּאָרטרעטן, פּייסאַזשן. די אויסגעשטעלטע בילדער, סצענעס פון די אָקופּאַציע יאָרן און אַ ריי פּאָרטרעטן פון דער קולטור־היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט פון רומענישן יידנטום ווי: חיים טיקטין, אברהם גאָלדפאַדען, האַריאַ קאַרפּ, פּ. אַדערקאַ, י. קאַלוגאַרו, א. ברוקער א. אנד.

אין אַט די בילדער האָט מען געזען מאַקסיס שעפערישן אימפּעט. פון זיינע ליוונטן האָט אַרויסגעשטראָמט אָפּטימיזם, יונגקייט. מאַקסיס בילדער, הענגען איצט אין די קונסט־מוזייען פון רומעניע צוזאַמען מיט די בעסטע מייסטערס פון אונדזער צייט. אַ דאַנק אָט די שאַפונגען זיינע, איז ער לעבעדיק אין אונדזער דור און נישט נאָר אין אונדזער דור. מאַקסי׳ס מאָדערניזם איז נישט קיין אויסגעבאָרגטער פון מעריב, נאָר אַן אייגענער, אַ רומענישער.

מאַקסי־דער סצענאָגראַף.

אין בערלין, האָט מאַקסי אָנפאַרטרויט דעם מאָלער אַרטור סעגאַל, זיין ווונטש צו שאַפן טעאַטער דעקאָראַציעס. אַרטור סעגאַל האָט אים אָפּגערעדט דערפון און צוגעגעבן אַז פאַר מאַקסין, איז נישט נויטיק קיין ספּעציאַליזירונג. די נייע אויפפאַסונגען, פון דער מאָדערנער מאָלעריי, אין שייכות מיט די פּראָבלעמען פון רוים, רחבות, גלייכוואָג און דער גייסט פון איצטיקער דינאַמישקייט־זענען דער יסוד פון יעטוועדער שאַפונג, אַזוי אַרום אויך פאַר דעקאָראַציעס.

ווי אַ מאָלער, האָט זיך מאַקסי, דורך דער סצענאָגראַפיע, דערנענטערט צו אַ געוויסן סעקטאָר, אָפּשניט פון דער יידישער קונסט; אין אַ געוויסן זין און אַרט, האָט מאַקסי ביי־געטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער טעאַטער־קונסט אין רומעניע. אויסשפּירנדיק דעקאָראַציעס פאַר דער „ווילנער טרופּע" (קינסטלערישע לייטונג י. שטערנבערג), פאַרן בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער, האָט זיי דער קינסטלער מאַקסי, אוועקגעשאָנקען אויך אַ טייל פון זיין אַרבעט־פּראַקטיק און פאַרשטאַנד. בעת דער מלחמה 1940־1944, האָט ער געשאַפן די דעקאָראַציעס צום „זינגער פון זיין טרויער" פון אָסיפּ דימאָוו, פאַר דער טרופּע פון די יידיש־רומענישע אַקטיאָרן: בעאַטע פרעדאַנאָוו, אַלעקסאַנדרו פינצי, מאַריאַ

סאנדו (אבערמאַן) אַגניא באַגוסלאַוואַ און אַנדערע פון „טעאַטער פאַר ייִדן" איין. זאָל „באַראַשעום" האָט מאַקסי, דורך זײַן באַנעם און גורל, זיך געפּילט נאָענט צו זיי, ווי פריער מיט יאָרן צו די „ווילנער", ביים זעלבן ספּעקטאַקל.

אין א שמועס מיט יעקב שטערנבערג האָט ער מיר געזאָגט אַז די בריק, די פאַרבינדונג צווישן דער „ווילנער טרופּע", צווישן דער ייִדישער און די שפּיצן פון דער רומענישער קונסט האָט מאַקסי פאַרווירקלעכט, בעת א קבלת פּנים, אויפנעם מיט קאָנסטאַנטין בראַנקושי דער וועלט באַרימטער רומענישער סקולפּטאָר און דעם קינסטלער־מייסטער יוסף בולאָוו, פון דער „ווילנער טרופּע".

מאַקסיס דעביוט אַלס סצענאָגראַף איז פאָרגעקומען אַזוי: אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פון מאָדערנער מאַלעריי און גראַפיק וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אין 1924 אין בוקאַרעשט, און אויסגעשטעלט אויך אייניקע פון זײַנע בילדער, האָט דער שפּעטער באַקאַנטער רעזשיסער מ. דניאל, זעענדיק מאַקסי׳ס בילדער, אים פאָרגעשלאָגן ער זאָל מאַלן דעקאָראַציעס און צייכענען קאָסטיומען, צו דער פּיעסע „שבתי צבי" פון שלום אַש און זשוראַוווסקי, וועלכע דער דערמאַנטער רעזשיסער האָט געשטעלט ביי די „ווילנער" אין בוקאַרעשט. דער דעקאָר האָט פאָרגעשטעלט אַן אַלטע אָריענטאַלישע פעסטונג, פאָרנט, מיט א קאָנסטרוקציע, בנין. דאָס איז געווען מאַקסיס דעביוט אַלס סצענאָגראַף.

אין 1925, האָט מאַקסי געצייכנט די סצענאָגראַפיע צו אַנדרע זשיד׳ס „שאול". צוליב דעם סכסוך צווישן דעם רעזשיסער דניאל און דער אָנפירונג פון די „ווילנער", איז די פּרעמיערע ניט פאָרגעקומען. אין 1926 האָט מאַקסי מיטגעאַרבעט מיטן קונסט־מייסטער אַלעקסאַנדרו זירא, ביים ספּעקטאַקל „מאיא", מיט טאַנצי קאָטשעאַ אין דער הויפּט ראָלע. מאַקסי האָט געשאַפן דעם פּלאַסטישן ראַמען (קאַדער) אויף פאַרן טעאַטער פון דידא סאָלאָמאָן־קאַלימאַקי. מאַקסי האָט מיטגעאַרבעט ווי א סצענאָגראַף אין ספּעקטאַקל „די לא יצלחס" פון לענאַרמאַנד מיט סאַנדו עליאַד, און אין ספּעקטאַקל די „זאַק־גאַס" אַן אַמעריקאַנער פּיעסע אין בוקאַרעשטער נאַציאָנאַל טעאַטער, באַלד נאָכן קריג.

אין ייִדישן „באַראַשעום„ האָט מאַקסי געצייכנט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, צו די פּיעסן „דזשעמאַ" אין 1942, „מעלאָ" פון האַנרי בערנשטיין, צום „שאַכטל מיט אילוזיעס" פון יצחק לודאַ, צום „מבול" פון ה. בערגער, באַאַרבעט פון מיכאַיל סעבאַס־

טיאן, ביי די אויפפירונגען אויף רומעניש פונעם „זינגער פון זיין טרויער" און „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם.

ביי די „ווילנער" האָט מאקסי געשאַפן דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צו לוידזשי פיראַנדעלאָ'ס „מענטש, חיה און טוגענד", צו יאַן מינולעסקו'ס „סענטימענטאלער מאַנעקען". מאקסי האָט געשאַפן קאָסטיומען צו די ספּעקטאַקלען פון דער „בוקאַרעשטער יידישער טעאַטער סטודיע" נעמלעך צו שלום עליכמס „דאָס פאַרכישופטע שניידערל", צו י.ל. פּרצ'ס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", צום מוזיקאַלישן רעווי־ספּעקטאַקל „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", טעקסט פון משה אלטמאַן און י. שטערנבערג און אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער צו פּרצ'ס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" אין דער אַדאַפּטאַציע און רעזשי פון איזאַ שאַפּירא. מאַקסי'ס סצענאָגראַפיע האָט באַוויזן אַז ער האָט טעאַטער־בלוט, אַז זיינע דעקאָראַציעס זענען גוט דורכגעטראַכטע, נאָוואַטאָריש און פונקציאָנעל צוגלייך, אַז זיי באַרייכערן אידעיש דעם ספּעקטאַקל, מאַכן בולטער די שפּיל פון די אַקטיאָרן.

מאַקסי ווי אַ פּעדאַגאָג.

מאַקסי האָט אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיטן יידישן טעאַטער, מיט דעם יידישן אינטעלעקטואַל, מיט דער יידישער סביבה. ביי די אימפּרעזעס פון דער בוקאַרעשטער יידישער קולטור פעדעראַציע אין די 30־יקער יאָרן, האָט מאַקסי געהאַלטן לעקציעס וועגן קונסט. ער איז אויפגעטראָטן מיט לעקציעס וועגן קונסט אויך אויף די קולטור־מאַניפעסטאַציעס פון די ספרדים אין רומעניע.

ווי אַ פּעדאַגאָג האָט מאַקסי אין 1924 געגרינדעט, אינאיינעם מיט אַנדאַר וועספּרעמיע, אַן אַקאַדעמיע פאַר דעקאָראַטיווער קונסט. בעת דער לעצטער מלחמה איז מאַקסי געווען מיטגרינדער און פּראָפעסאָר פאַר מאַלעריי און קונסט־געשיכטע, אין דער „קונסט־שול פאַר יידן" און נאָך 1944, פּראָפעסאָר אין דעם מלוכהשן „אינסטיטוט פאַר פּלאַסטישער קונסט".

מאַקסי־דער געזעלשאַפטלעכער טוער.

אינאיינעם מיטן אַדוואָקאַט נתן זיידער־מירעל, פּאַול דאַווידאָוויטש, ישראל באַקאַל, לאַסקאַר שאַראַגאַ, משה לאַקס און אַנדערע, ווערט געגרינדעט די דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע „אינפּראַציראַ" (פאַרברידערונג),

מאקסי איז איינער פון די גרינדער און מיטארבעטער פון דער וואָכנ־שריפט וואָס איז דערשינען אין 1939.

ער איז איינער פון די מדריכים פון דער קולטור ארבעט אויף דער יידישער גאס, אין בוקארעשט, אין די מלחמה יאָרן, בעת דער היטלעריסשער אָקופּאציע. אזוי זענען דורכגעפירט געוואָרן אוונטן, אין דער פאָרם פון הזכרות, געווידמעט אונדזערע קלאסיקער; שלום עליכם, י.ל. פרץ, ש. אנ־סקי און אברהם גאָלדפאדען. אלס רעפערענטן זענען אויפגעטראָטן בארבו לאזארעאנו, יעקב גראָפּער, משה לאקס, לאסקאר שאראגא, עליאדע בלו־מענפעלד און קינסטלעריש פאָרגעטראָגן פון די שאפונגען פון די קלאסי־קער האָבן: בעאטע פרעדאנאָוו, אלעקסאנדרו פינצי, שרה עטינגער, קאראָלא און רחלע העללער, סיידי גליק און אנדערע.

אָט די אימפּאָזאנטע קולטור־מאניפעסטאציעס, האָבן געמוטיקט, גע־וועקט האָפענונג אין די הערצער פון די הונדערטער צוהערער, מיינסטנס מענטשן אָפּגעמאטערטע פון א טאָג ארבעט.

מאקסי האָט אָנגעהאלטן אן ענגן קאָנטאקט מיט אלע יידישע קינ־סטלער און זיי דערמוטיקט.

ער איז אויך געווען א גוטער רעדנער און האָט פארמאָגט ברייט וויסן.

דער שריפטשטעלער, טעאטראל און סקולפּטאָר שמחה שווארץ

דער וואָס האָט אין לאנד פון געדיכטער יידישער ווינשאפט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, געהאט א פּילזייטיקע טעטיקייט: שריפטשטעלערישע טעאטראלע, קולטור־געזעלשאפטלעכע־דער מושלם שמחה שווארץ, איז אוועק פון דער וועלט דעם 14־טן אויגוסט 1974.

צוריק מיט א האלבן יאָרהונדערט האָט ער אָנגעהויבן זיין קולטור־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אין דער מאָלדעווער קרוינ־שטאָט יאס, אין דער „מאָלדעווער באַרדיטשעוו“, ווי ער האָט באצייכנט יאס, אין זיינע רעפּאָרטאזשן־קאָרעספּאָנדענצן פאַרן בוקארעשטער „אונדזער וועג“. אין 1924 גרינדעט ער די יאסער „קולטור ליגע,“ אינאיינעם מיט איציק און נטע מאנגער, אדוואָקאט דולבערגער, אי. האלער און חיים חיימאָוויטש.

ווי א סעקרעטאר פון דער „קולטור ליגע“ ווערט אויסגעקליבן שמחה שווארץ. ער ציט צו די שטודירנדע יוגנט. די באַלמעלאָכעס פון דעם יידישן קווארטאל „רויטע בריק“, און אין לאָקאל פון דער יידישער שול „זשו־נימעא נומער צוויי“, ווערט ווי איבער נאכט געשאפן א יידישע ביבליאָ־טעק. שבת און זונטיק, קומען הונדערטער צוהערער צו איציק מאנגערס, שמחה שווארצס, נטע מאנגערס און איציק שווארצס (אי. קארא׳ס) רעפּע־ראטן אָדער קעסטל־אָוונטן. סיי די ליטעראַרישע, סיי די סאָציאלע באהאנ־דלטע טעמעס, זענען געווען א גייסטיקער און עטישער סטימולענט פאַר־די אָנוועזנדע, וועלכע האָבן זיך געשפּייזט מיטן טייערן ברויט — די האָפע־נונג, און געחלומט א וועלט פון גליק.

שמחה שווארצס ליטעראַרישער דעביוט און שריפטשטעלערישע טעטיקייט

אין די בוקארעשטער „אונדזער וועג“, „די וואָך“ „שויבן“; אין די „טשערנאָוויצער בלעטער“, אין דעם סיגעטער „אויפגאנג“, אין יצחק פּא־

נערס סאטיריש־געזאַנג־שאַפּטלעכן „דער קאַנטשיק“, האָט שמחה שוואַרץ געדרוקט לידער, אייגענע אָדער איבערגעזעצטע, רעפּאָרטאַזשן און קאָרעס־פּאָנדענצן. אין איינעם פון זיי האָט ער גענומען אויפן צימבל די נישט געהאַלטענע צוזאָגן פון דער קהילה־פּאַרוואַלטונג, בנוגע שולן מיט יידי־שער לערנשפּראַך, און די פילאַנטראָפּיע פון די שטאָטישע בעלי־טובות, וועלכע טוען אָן יתומים מיט געשענקטע צו גרויסע פּאָר זיי קליידער און שוכוואַרג, אַזוי אַז זיי שווימען אַרום אין די מתנות...

ווי אַ דיכטער און דיכטער־איבערזעצער פון דער פראַנצויזישער ליריק, איז ער אַ פיינער ציזעלירער פון יידישן פערז. אַ דאַנק שמחה שוואַרצס אייגענער פּאָעטישער באַגאַבונג און קענטעניש פון דער וועלט דיכטונג, האָט ער די מעגלעכקייט זיך אַריינצולעבן אין פרעמדע דיכטע־רישע שטימונגען.

ווי אַן אילוסטראַציע, זאָל אונדז דערלויבט זיין צו ציטירן אַ פראַג־מענט אויף יידיש, פון די שווערע ווי אין מירמלשטיין אויסגעהאַקטע פערזן פון באָדלערן, אין זיין „מענטש און ים“:

„דו פרייער מענטש! און אייביק וועט ציען דיך צום ים —
דיין שפּיגלבילד דאָס גרויסע — אין האַסטיקער מלחמה
פון רוישנדיקע כוואַליעס: דערשפּירסטו דיין נשמה,
און ס׳איז דיין זעל נישט ווייניקער אַ שרעקלעכער תהום!“

און אָט זענען צוויי קליינע פראַגמענטן פון שמחה שוואַרצס איבער־דיכטונג פון די ווערלענישע כולו מוזיק פערזן:

„פידל קלאַנגען
אָסיען־באַנגען
פלאַטערן,
טרויעריק מיד
מיין געמיט
מאַטערן.“

און:

„סע וויינט אין מיין געמיט
ווי אויף שטאָט דער רעגן מיד.“

שמחה שווארץ דער דערציילער, האט צוריק מיט פערציק יאָר, געדרוקט צוויי וואָגיקע קאפיטלען פון א געפּלאנטן ראָמאן „פאַדאלאַי“, אונטערן טיטל: „דער פּרעפּעקט קומט“ (ווי אזוי דאס שטעטל נעמט אויף די ידיעה אז דער פרעפעקט קומט, דערשינען אין דער בוקארעשטער „די וואָך“ פון 17 יאנואר 1935, און „וואסילעס ויברח“, דערשינען אין די בוקארעשטער „שויבן“ פון מערץ 1936, און באוויזן, אז ער האט אן אויג פאר שטייגער־קאָלאָריט, א דין סובטילן הומאָר, פון וועלכן עס קוועלט עמך פשטות, גוט יידיש דערציילעריש לשון.

שמחה שווארץ דער טעאטראל.

פארקנסט צום יידישן טעאטער איז שמחה שווארץ געווען פון מער ווי א האַלבן יאָרהונדערט. אין 1919—1920, האט ער אָנגעשריבן א רעווי מיט סאָציאלן פאמפלעט „פאַדאלאַיער צימעס“ קעגן די קהלישע און אנדערע שטעטלדיקע רעדלפירער אָבער די אייגנטלעכע טעאטראלע טעטיקייט זיינע, הייבט אָן שמחה שווארץ מיטן „קליינקונסט טעאטער קאמעלעאָן“ אין יאָר 1929. ארויסגעהאָלפן אין דער ארבעט האָבן אים אבנר באראק, משולם סורקעס און יינגע, באגאבטע שוישפיל־קאנדידאטן, מיט וועלכע, ער האט צוזעגרייט דעם ערשטן ספעקטאקל און גלייכצייטיק געקנעלט מיט זיי עלעמענטארע טעאטער־סטודיען.

עטלעכע פון זיי, זענען אָנגעקומען אין דער מאָסקווער יידישער טעאטער־סטודיע, אָנגעפירט פון שלמה מיכאָעלס!

לאָמיר דערמאנען דעם שארף־וויציקן קאָנפעראנסיע משולם סורקעס (ווי א פובליציסט מ. וואהל) דעם טאלאנטירטן אבנר באראק, און די יינגערע שוישפילער: שיינע אייזנפעלד, דארא ווייסמאן, אדעלא העכט־קולא, צילי קויפמאן (די שווארצע נאטאשע) און לייבו לעווין, מוני פרידמאן, ה. שערצער, משה גרשונזאָן, מ. שוסטער, ל. ערענקראנץ, שמחה שווארץ, און אנדערע.

דער רעפערטואר? הנעוודיקע, פיין סטיליזירטע בילדער פון יידישן שטייגער, פון וועלכע עס האט ניט געפעלט פיינער סאָציאלער גראָטעסק, פאָלקס־לעגענדארע אקאָרדן (באלאדע), לעבעדיקייט, פארביקייט (אידיליע), עכטער פאָלקס-הומאָר (בעל עגלה), אידעיש־קינסטלערישע נומערן ווי “נאכטשיכט”, „ציטונגס־פארקויפער“. דאס רוב „קאמעלעאָן“ נומערן זענען פאָפולער ביז פאָלקלאָריזאציע!

בעת דער צוואנגס־ארבעט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, פלעגן זיך די אויסגעמאטערטע יידישע יינגלעך, דערמונטערן מיט די "קאמע־לעאָן" נומערן. אין די האלב־איינגעגראָבענע, הילצערנע באראקן, אין וועלכע זיי פלעגן נעכטיקן ביים שיין פון א צאנקענדיקן ליכטל, פלעגן אויפלייכטן די פנימער, זיך דערוואַרעמען די הערצער ווען ס'פלעגן זיך צעזינגען, צוערשט סאָלאָ, דערנאָך אלע, געדעמפט, און ס'האָט זיך צעגאָסן איבער דעם פינצטערן ארום „קומען וועט א טאָג, העי, וועט ער קומען!" פון שמחה שווארצס „צייטונגס פארקויפער!"

אין פאריז האָט שמחה שווארץ אויפגעפירט מיטן „יקוט", זיין „פישקע דער קרומער", לויט מענדעלע מוכר ספרים און געשאפן זיין מאריאָנעטן טעאטער „הכל בכל", א סינטעז פון זיינע פופן און מאריאָנעטן ספעקטאקלען צווישן די יאָרן 1942—1945, אין דער שווייץ, פאר פליטים און אין פראנקרייך נאָך דער באפרייונג. מיטגעארבעט האָט רות, זיין פרוי.

דער סקולפּטאָר

וועגן שמחה שווארצס ערשטע סקולפטורן, בעת ער האָט זיך גע־גרייט צו א קאָלעקטיווער קונסט אויסשטעלונג, אין 1930, דערציילט דער באקאנטער שרייבער יחיאל שרייבמאן אין זיין בוך „יאָרן און רעגעס" פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל", מאָסקווע, 1973.) "...ער איז געזעסן ביים טישל אין א כאלאטל, געהאלטן א גיפסן פיגורל אין די הענט און מיט גרויס כוונה דעליבעט דאָס דאָזיקע פיגורל מיט א שפיץ פון א מעסערל". אויף די זייטן 104־107 פון ציטירטן בוך, גיט אונדז שרייבמאן, אן ערלעך בילד פון דעמאָלטיקן געזעלשאפטלעכן טוער און קינסטלער, דעם איי־דלען, באשיידענעם מענטש וועלכער האָט געוווסט ווי אזוי מקרב זיין די יוגנט, זי דערמוטיקן.

אז שמחה שווארץ איז א גוטער, געניטער סקולפטאָר, פעיק ארייג־צוגעבן אין דעם קאלטן גיפס די עקספּרעסיוויקייט און טיפקייט פון יידי־שער דור־דורות־דיקער דענקערישקייט, איז נישט אלעמען געווען באקאנט.

אין 1969, האָט שמחה שווארץ באזוכט מדינת ישראל און ביי דער געלעגנהייט, בין איך ביי געווען אן אָוונט, ווען ער האָט געוויזן די פּאָטאָ־גראפישע רעפּראָדוקציעס פון קרוב פופציק פון זיינע סקולפטורן אין האָלץ, בראָנז און שטיין, און אלעמען איבערראשט.

די געאָמעטרישע קאָנסטרוקציע שפּילט א גרויסע ראָלע אין שמחה שוואַרצס סקולפּטור־קונסט. אין זיינע סקולפּטורן טעמעס, ברענגט אריין שמחה שוואַרץ דאָס הומאַניסטישע, דעם מענטשלעכן ווײ־געשריי קעגן פּייניקן א מענטשן־קינד און וועלן עס אומברענגען (עקדת־יצחק סקולפּטור). א שטיק געשיכטע פון דעם מענטשן מאָרד אין פאַרשידענע פּאָזעס, איז זיין סקולפּטור „קינס גילגולים". זיין סקולפּטור „חסידישער עקסטאַז" (חסידישער טאַנץ), רייסט פּשוט מיט. מע פילט אין שטיין אז „אלע ביינער זינגען"! שמחה שוואַרצס סקולפּטור־קונסט איז א פולשטענדיק ניי וואָרט. ער קען מאַכן רעדן, זינגען און שפּילן דעם שטיין!

אויף א קאָנקורס, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט א סך קינסטלער, האָט שמחה שוואַרצס פּראָיעקט, געווידמעט דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע און גבורה־מאָנומענט, באַקומען דעם ערשטן פּרייז. דער גאַנצער סקולפּטוראַלער קאָמפּלעקס פאַרנעמט א שטח פון 200 אויף 300 מעטער איבערפלאַך. דער מאָנומענט איז אכט מעטער די הייך און פון בראָנדז און מאַרמער, און איז אויפגעשטעלט אויפן יידישן בית־עלמין פון בוענאָס איירעס. אויף דער מאַרמערנער פּלאַטפאָרמע איז אויסגעשטעלט א געצעלט וואָס דערמאָנט אויך אין א געעפנטן בוך, סימבאָל פונעם עם־הספר. צווי בראָנדזענע דרייעקן, סימבאָליזירן די טעכניק און דערמאָנען א מגן דוד־אלץ סוגערירט דערהייבונג.

בעת שמחה שוואַרצס באַזוך אין ישראל אין 1969, האָט ער פאָרגעשטעלט פאַר הויכע ישראל פּערזענלעכקייטן, א גרויסן סקולפּטורעלן פּלאַן, אן אָריגינעלן, נעמליך „א פּאַנטעאָן פון די אותיות," פון די א־ב פון דער גאַנצער וועלט, וועלכער זאָל סימבאָליזירן די אמתע פאַרבינדונג צווישן די פעלקער פון דער וועלט און די קולטור־ווערטן וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן. דאָס אות איז ניט נאָר א פּשוטער צייכן איבערצוגעבן א קלאַנג, נייערט דער אויסדרוק פון כאַראַקטער, וואָס איז ספּעציפיש יעדן פאָלק. דעם פּראָיעקט האָט ער דיסקוטירט מיט די גרויסע קינסטלער מאַנעס שפּערבער און ענגלישן מייסטער העברי מאָר. אין פּראָיעקט זאָלן זיך באַטייליקן קינסטלער פון דער גאָרער וועלט. ווער ווייסט צי איצט, נאָך זיין פּטירה וועט נאָך פאַרווירקלעכט ווערן אָט דער שיינער אָריגינעלער אותיות־פּאַנטעאָן!

געבוירן איז שמחה שוואַרץ דעם 15־טן סעפּטעמבער 1900. אוועק פון אונדז אן איידלמוטיקער מענטש, גוטער חבר און גרויסער קינסטלער.

קערנדיקייט און אימאזש

דער דיכטער פון דער באַוולטער אין ברודערישער וועלט
קובי וואָהל

27 דעצעמבער 1935. א קאַלטער, טריבער פרייטיק נאָכמיטאָג, פון אויבן פאלן פוכיקע, ווייסע שניי־עלעך. זיי פלעכטן זיך שטיל אין דער לופטן, פאלן און צעקייקלען קלאָר־ווייסע ליילעכער איבער די הויפן, פאַר־הילן די גאס אין פוכיקע קליידער.

אויף א בערגל שליטלען זיך חברה: פרישע, יינגע. טומלען זיי, לויפן ארום, דערוואַרעמען זיך, ווארפן פון זיך אראָפּ די אויבערשטע ווינטער־קליידער.

דאָ און דאָרט ווערט ליכטיק אין די שטיבער, ווי אַן אָנזאָג אז די נאַכט פאלט צו און קינדער דאַרפן אהיימגיין.

פון א פענצטער קוקט ארויס א ליכט וואָס זעט אויס ווי א ווונד, ווי א פיבער־פלעק. אין שטוב, בא א שוואכן ליכט, וועמענס שטראַלן זעען אויס ווי בלוט־רויטע פאסן אויף די ווענט־ווייַנט א מאמע. זייט פיר חדשים ליגט שוין קראַנק איר זון, דער יונגער דיכטער קובי וואָהל און ראַנגלט זיך מיטן טויט. די מאמע האָט שוין אַלץ געטאָן כדי אים צו ראַטעווען: פאַרזעצט, אויספאַרקויפט כמעט אַלץ פון שטוב.

פלוצים, ווי אַן אָדלער וואָס צעשפּרייט די פליגל צום פליען, שטרעקט אויס דער קראַנקער זיין לאַנגן, מאָגערן גוף, די ציטערנדיקע הענט זיינע..‏· און ער ליגט שוין פאַרקרעמפּט — א באַזיגטער. דער שטומער שליח אייבּ־געהילט אין גרויע שלייערן האָט גערופן, און „אז מע רופט, מוז מען גיין“.

אין זיין וויזיע „פינאַל“, האָט קובי וואָהל, דער דיכטער מיט ווערדע, באַוווסטזיין, אַזוי געזאָגט זיין סוף:

„ס'איז באלד צו ענד,
פארלעשט די לאמפן,
און דאָס פענצטער פארהענגט!
זאָל דער שונא נישט מיט זשעדנע בליקן,
זיך מיט יונגן אָדלערס שטאַרבן קוויקן."

דער טויט האָט אויסגעלאָשן די פונקען, וואָס האָבן געזאָלט ווערן העלע פלאַמען. אין עלטער פון 24 יאָר, איז פארשניטן געוואָרן קובי וואהל'ס לעבן. דער צער און טרויער האָט ארומגענומען און געדריקט די שווער געפרוווטע משפחה און זיינע פריינט.

דער לעבעדיקער קובי וואהל שטייט מיר פאר די אויגן: א הויכער, שלאנקער, מיט ברענענדיקע אויגן, א לענגלעך פנים, א טשופרינע שוואר־צע האָר, לאנגע, דארע פינגער, א קרעפטיקע שטימע, א קול נגינה, א הילכיק געלעכטער, ער איז געווען אָנגעזאפּט מיט האָפענונגען און גע־חלומט פון א צייט, ווען אלע מענטשן, פריי פון יאָך און מלחמות, וועלן זיין ווי ברידער. דערפאר איז זיין ליד דערגאנגען צו די אלע וועמענס ווייטיק ער האָט אויסגעשריגן, צעברענט אין זיי פראָטעסט, באלויכטן זיי מיט גלויבן און האָפענונג אין א בעסערער, שענערער וועלט.

קובי וואהל איז געבוירן דעם 31־טן אויגוסט 1911, אין ציבעו, באַר־שער געגנט, מאראמורעש. זיין פאָטער, א תלמיד חכם, האָט צוליב פרנסה, נאָך עטלעכע יאָר, זיך געמוזט איבערציען אין דעם בוקאָווינער בארגשטעטל קימפאָלונג. אָבער אין קובי וואהל'ס לידער זעען מיר נישט די הויכע בערג וואס גארטלען ארום דאָס שטעטל, די גרינע וועלדער וואס רינגלען עס ארום. מיר הערן נישט די טאלאנקעס, גלעקלעך אָנגעהאָנגען אויף די העלזער פון די שאָף און רינדער בעת זיי קערן זיך אום פון דער פאשע, פונעם פעלד, נאָר מיר הערן די אלטע, דורותדיקע, טרויעריק־זיסע, רומענישע דאָינע.

די צייט אין וועלכער קובי וואהל האָט געלעבט, איז געווען א צייט פון טיפע עקאָנאָמישע און מאראלישע קריזיסן. א צייט פון דערשלאָגנקייט, אָן האָפענונג. דער דיכטער דערהערט די שטים פון הונגער:

„דאָס שטיל געוויין פון קליינע קינדער,
אין פייכטע שטיבער, אונטער פוילע דעכער,
דעם צער פון פנימער פארקרימטע,
ציינער קריצן פון די קעלער־לעכער".

(הונגער)

קובי וואַהל האָט געוויײטיקט פאַר עוולות, געשטורעמט קעגן אומ־רעכט. מיט האַרצווייטיק מאָלט ער אין זײַן ליד „האָריא“, דאָס שווערע לעבן פון אָרעמען פויער:

„... היינט שטייען מיר נאָך געשפאַנט אין יאָכן,
איבער אונדזערע שטיבער לויערט הונגער, טויט,
און ס'צאַנקט דאָס דאָרף אין פיבער־פלעקן רויט“.

(„האָריא“.)

דאָס אומדערטרעגלעכע לעבן פון שטאָטישע מאַסן, זעען מיר ווי אין א קאַלעידאָסקאָפּ, אין קובי וואַהלס „ראָסקאָפּ־פּאַטענט“ (פּראָקלאַמאַציע):

דו אַרבעטסט טעג —
לוין אין אַקאָרד,
מאַכסט איבער־שעה,
שטייסט איינגעשפּאַנט,
נאָר סע סטייעט נישט.
און סע סטייעט נישט...

די לעצטע ציך
פון אונטערן קאָפּ
רייסט דיר אוועק
דאָס דירה־געלט.
סע סטייעט נישט,
סע סטייעט נישט

און גיב א פּרווו
און גיב א ברוס,
ווערסטו אויף גיך
אַרויסגעשטעלט.
בלייבסט אַרבעטסלאָז,
מוזט זיצן שטיל.“

דערפאר רופט און וועקט דער דיכטער, צו רייסן אימפּעטיק דעם יאָך:

לאָז ווערן שוין
דיין ווילן ווילד,
גיב מיט דער האַנט
אין טיש א באַך,
רייס אימפּעטיק
פון האלדז דעם יאָך׳״

ווייל די מאַס פון ליידן איז פול, רופט ער צאָרנדיק די געקרענקטע און באליידיקטע, ווערט דער דיכטער ברויזנדיקער אָרקאַן, שטורעמווינט, ווארפט זיך א צעווילדעטער איבער שטעט און גאסן, און צינדט אָן ווי א פאַקל, די אומגעדולד פון מאַסן:

דעם האַמער פאַק
מיט פעסטן גריף,
און גיב דער האַק
דעם לעצטן שליף
אין שטורעם ארויס...״

(„ראָסקאָפּ־פּאַטענט״)

קובי וואהל האָט באַנומען דיכטונג ווי אַן אָרגאַנישן עלעמענט פון קאַמף קעגן דאַס שלעכטע און בייזע. ער דערגרייכט אינטענסיוויטעט פון אויסדרוק, פּאַטאָס, אין זיין אַנטי־מלחמה ליד „אויגוסט 1914״ (קריג):

„טויט שטילקייט אַרום.
נאַכט ליגט א שווארצע, צעשפּרייטע,
אויפן האַרץ פון דער וועלט
און פּלוצים... פון שטאַרקע און מעכטיקע לאַפּעס
ווערן געשליידערט געצונדענע פאַקלען
אריין אין דער נאַכט:
קריג! דערוואַכט!״

עס פארבט זיך דער הימל — א בלוטיקער ים.
די נאכט רוקט זיך אָפּ מיט טויטיקן סם.
פארסמט די הערצער פון קליין און פון גרויס,
שפייט פון טויזנטער שטעט פון הונדערטער לענדער
מיליאָנען מענטשן פון גריבער ארויס,
קריג!

— — — — — — — — — — — — —

ברייט עפענען זיך טויערן פון ריזן־פאבריקן
און ס׳יאָגן דורך וועגן און שליאכן און בריקן
טויזנט בארעדערטע שדים ארויס:
טונקלע געשפּענסטער, מיט שטאָלענע גלידער,
און הויבן זיך הויך מיט געוויש".
(„אויגוסט 1914")

קובי וואָהלס ליד איז צייטמעסיק, ערלעך, דינאמיש. לעבן זיינע לידער, מאכן מיר מיט א פראגמענט פון דער געשיכטע און קאמף פון די ארבעטנדיקע אין רומעניע. זיין פערז איז קורץ, עליפּטיש ווי א באפעל, זיין וואָרט־קערנדיק און הארט.

דער דיכטער האָט א ווארעם, ליב הארץ, א ריין געוויסן, א הויכן אידעאַל, א טיפן גלויבן אין א ליכטיקן מארגן, ווען א וועלט מיט מענטשן, וועט גיין האנט אין האנט אהין, ווו איבער יעדן אָפּגרונט האָט מען א בריק אריבערגעוואָרפן.

אין קובי וואָהלס ליד „אונדזערע העלדן", שילדערט ער די אומבאקאנטע העלדן, וועלכע זענען די בריקן אויף וועלכע מען שפּאנט צו א נייער וועלט.

זיינע לידער האָט ער פארעפנטלעכט אין סיגעטער „אויפגאנג" אין די „טשערנאָוויצער בלעטער" און אנדערע פּעריאָדישע אויסגאבעס פון אויסלאנד ווי למשל „ליטערארישע בלעטער" פון ווארשע. אייניקע פון זיינע לידער האָט מען איבערגעזעצט אויף רומעניש. און אנדערע האָבן באקומען א תּיקון אויף דער בינע, אין שמחה שווארצס קליינקונסט טעאטער „קאמעלעאָן". אין משה בראָדערזאָנס „אזאזעל" פון לאָדזש, פּוילן.

מען קאָן אין א געוויסער מאָס זאָגן וועגן קובי וואָהל עפּעס פון דעם, וואָס ער האָט געשריבן צו אנרי בארביס טויט:

„דאָרט וווּ סע קרייצן זיך וועגן,
שטייען נביאים דערהויבן,
אין איין האנט דער לייכטנדער פאקל,
אין דער צווייטער — די שטאָלענע שווערד —
לאָמיר היינט בייגן טיפער.
טיפער די פאָנען צו דער ערד.“

דער פאקל איז פארלאָשן געוואָרן נאָך איידער ער האָט זיך צע־לויכטן, און די שווערד — די שווערד האָט איבערגעשניטן זיין אייגן 24 יאָריק לעבן.

„... אונדזערע העלדן שמידט מען אין קייטן
און זייער לעבן ענדיקט ביי דער וואנט,
מיט דעם וואָרט „פרייהייט“ אויף די ליפּן
קייקלען זייערע קעפּ זיך איז זאמד“.

דער ציטאט איז פון ליד „אונדזערע העלדן“. דאכט זיך, איינס פון די לעצטע שאפונגען זיינע.

צוליב זיינע לידער, איז קובי וואָהל אויסגעשטאנען די רדיפות פון דער פאָליציי נישט נאָר ביים לעבן...

מיט זיינע וויזיעס און לידער, מיט זיין טאלאנט און יונגטלעכן אידעאליזם, האָט קובי וואָהל בייגעשטייערט צו דער מיט מסירת־נפש קאָנסאָלידירטער יונגער יידישער, פּראָגרעסיווער קולטור אין רומעניע.

קובי וואָהל האָט מיטגעהאָלפן דערגאנצן די יונגע שרייבער פלע־יאדע פון לאנד, אין א צייט ווען די יידישע פּראָגרעסיווע קולטור פון רומעניע, אירע שעפער און טרעגער, זענען גייסטיק און עקאָנאָמיש, אויף שריט און טריט, אכזריותדיק פארפאָלגט געוואָרן.

יידל ווײַדענפעלד — הומאנע עטישקייט

געבוירן איז ער און מאָלדעוויש-בוקאָווינער גרענעץ־שטעטל בורדר־זשעני, דעם 22־טן יוני 1884, אין א באלעבאטיש הויז. ער האָט באקומען א טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג און די דורכשניטלעכע בילדונג פון יוגנטלעכע פון מיטלשיכט אין דער מאָלדעווע, אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט, תלמוד, דייטשע און פראנצויזישע קלאסיקער.

אין באָטאָשאני לעבט און איז טעטיק א גלענצנדיקע פלעיאדע אינטעלעקטואלן. דער גרייזגרויער יוסף זוסמאן, מחבר פון דראמאטישע פאָעמען, אינספּירירטע פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע און עטלעכע געדרוקטע ביכלעך, צווישן וועלכע מיר פארצייכענען א פּיעסע „סעמיטען און אנטיסעמיטען" דערשינען אויף דייטש, אין ווין. צבי אליעזר טעלער הלוי, „לערער פון דער באָטאָשאנער געמיינדע שול", א באוווסטער העברעיסט און פערזן־שלייפער, איבערזעצער פון לעסינגס „די יידן" אויף העברעיש און אויך פון אייניקע לידער פון רומענישן קלאסיקער וואסילע אלעקסאנדרי. הלל כהנא, דירעקטאָר פון דער ניי געגרינדעטער באָטאָשאנער געמיינדע־שול, מחבר פון א לערן־בוך „גלילות הארץ", פאר געאָגראפיע, דערשינען אויף העברעיש, אין 1880. ישעיהו דוד זילבערבוש, דער שרייבער, האָט א צייט געלעבט אין באָטאָשאני, געווען לערער פון דער יידישער געמיינדע שול.

אין זיין מעמואריסטישן ראָמאן „אין א טויטן מארק־טאָג", שילדערט אונדז יידאלע ווײַדענפעלד, די סביבה אין וועלכער ער איז אויפגעוואקסן.

באָטאָשאני. יאָר... 188. א קליין שמאָל געסל מיט נידעריקע הייזער, מיט פארביקע ציגל־ווענט, מיט טירן און לאָדנס. פון א הויז מיט

קארשן־רויטער פּאסאדע קומט ארויס א אויסגעדארטער מענטש: דאָס איז יידאליעס פאָטער, דער פרומער באָטאָשאנער ייד איציק משה טשיאָרעס, וועלכער גייט עפענען דאָס לייפּסקער קלייטל פונעם נייעם מארק. ס׳איז נאָך פרי אָבער די קלייטלעך פונעם מארק זענען שוין אָפן, די הילצער־נע לאָדנס, פארשידנפארביקע, זענען אראָפּגענומען און ליגן אויף די זייטן ביי די ווענט. די אָרעמע קלייטניקעס האָפן, אז אפשר וועט דער טאָג ארייַנברענגען די דערווארטע שפע, מען זאָל האָבן מיט וואָס אים איבערצוקומען.

דער מחבר דערמאנט די באָטאָשאנער בעלי־מלאכות מיט זייערע טעאטער ליבהאָבער, וועלכע פלעגן געבן פאָרשטעלונגען אין „סאלא מעסעריאשילאָר“ (בעל מלאכהשן זאל). איינער פון די ליבהאָבער איז עוזר שניידער אָבער דערפאר וואָס ער איז א רויטער, שפּילט אייגענע פּיעסן, פארפאסטע טאקע פון אים אליין האָט מען אים געגעבן א צונאָ־מען (ווי ס׳ע פירט זיך איבעריקנס אין אונדזערע קאנטן) „דער רויטער שעקספּיר“. ווײַדענפעלד פאראָדירט עוזרס לעכערלעכן פּאטאָס דורכן מויל פון א בית מדרש יינגל.

יאָרנלאנג האָבן מאָלדעווישע בעל־מלאכות און משרתים, צונויפ־געשטעלט הארצרייסנדע מעלאָדראמעס און „שטיק“ אויף „היסטאָרישע“ טעמעס, אָבער רעווי ספּעקטאקלען, מיינסטנס סאטירישע, מיט א לאָקאלן כאראקטער, דאָס פלעגן געווײנלעך אָנשרייבן אויפגעקלערטע יונגע לייט.

דער מחבר באקענט אונדז מיט דער באָטאָשאנער ראדיקאלער יוגנט, אין דעם לייענער־קרייז אין ראובן חנהליעס טשיינע אָדער אין שטאָט גאָרטן. אייניקע געזעלשאפטלעכע טוער און שרייבער זענען די סטאטעטשנע קונים פון פּאָפּליקערס קאפע־הויז ווי סימאָן, שפּעטער דאָקטאָר און געפייערטער געזעלשאפטלעכער טוער פון מארטיזע, דער ליטעראטור פאָרשער און שריפטשטעלער בארבו לאזאריאנו; אהער קומט אויך דער רעציטאטאָר און טעאטער ליבהאָבער קארל אייגעס, וועלכער פלעג פּאָפּולאריזירן אברהם גאָלדפאדענס רעפּערטואר מיט די לידער זייערע. דאָס געשעט ארום 1900!

פון דער גאלעריע טיפּן און סצענעס פון יידאלע ווײַדענפעלדס „אין א טויטן מארק טאָג“ וועלן מיר דערמאנען חוה׳ן, א מיידל מיט טעמ־פּעראמענט, א לעבנס־לוסטיקע, א גוטע נשמה, מיט א ליידנשאפטלעכן דראנג צו וויסן. מע פארווערט איר צו לערנען און מען מאכט איר יונג חתונה, דווקא מיט א רב, איז זי מיט א מאָל געוואָרן א “שטילע רביצין”.

ביים רב דאַרף מען זיך אויפפירן ווען שטאָלץ, ווען הכנעהדיק, ווי פאַר וועמען, ווי דאָס „פאַך“ פאַרלאַנגט. און חוה האָט ביידע זאַכן פיינט, איז זי אַראָפּ פון זינען. אַלס פּראָטעסט קעגן די צוואַנג־התונות אָדער די מניעות אין זייער בילדונגס דראַנג, פלעגן אַנדערע יידישע טעכטער אַנטלויפן פון דער היים, ווערן אויסגעלאַסן אָדער זיך שמדן און ניט זעלטן זיך נעמען דאָס לעבן!

הומאַנע עטישקייט איז פאַראַן אין דער סצענע אין מאַנעפאַקטור־קליישל פון משה באַראַף, צווישן זיין פרוי ביילע און איר קונהטע די פויערטע פּראָפּירא! געלעכטער מיט טרערן ליגט אין פּרץ באַראַפס זאָג וועגן די רדיפות און געשלעגן, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן אויסצושטיין“וואָס זיי לייזן דערפאַר (פאַר זייער אויפקלערונג־אַרבעט), אין דער פּאָליציי, אין אַ פּראָסטן מאָנטיק, וואָלט זיך געווינטשן אַ לייפּסקער (אַ מאַנעפאַקטור־סוחר) האַלב לייזונג מזומן אין אַ מיטוואָך“.

דער מחבר שילדערט דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט אין יענער צייט געבושעוועט. פּרץ באַראַפן זענען באַפאַלן כוליגאַנעס, ביים דורכגיין דעם שטאָט־גאָרטן, אים צעשלאָגן און אוועקגעגנבעט ביי איס זיין היטל. רעב סאַנקעלע שדכן, באַפאַלן זעקס ליציי בחורים, רינגלען אים אַרום, שפּייען אים אין פּנים, רייסן אויס זיין שטעקן און ווילן אים דערלאַנגען... וואַקסט אויס אַ שוואַרץ מענטשל, אַן אויסגעדאַרטס, הויט און ביין, מיט צוויי שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן, כאַפּט אָן איינעם פון זיי ביים קאַרק און טוט מיט אים אַ שליידער צו דר'ערד, און אין דער זעלבער רגע האָט ער געטאָן אַ הויב אויף דעם שטעקן, וואָס יענער האָט אַרויסגעלאָזט פון האַנט און געטאָן מיט אים אַ פּאַך און אַ געשריי... און אַלץ איז פאַרשווינדן און מע זעט נישט אַ סליעד פון זיי.

— הגידה מה שמך? (זאָג מיר, ווי הייסט דו?) רופט זיך אָן רב סאַנקעלע צו זיין רעטער.

— איך קען נישט לשון קודש־ענטפערט דער רעטער אָבער איך שטויס זיך אָן, וואָס איר פרעגט. איך בין וועוויק גנב. דערויף באַמערקט רעב סאַנקעלע: — אַ מענטש טאָר זיך נישט מאַכן אַליין פאַר אַ רשע.

— טאָמער בין איך אַ גנב, איז אייך ווייניק־ענטפערט וועוויק־ווילט איר, איך זאָל ווערן אַ ליגנער אויך!“

יידאַלע ווידענפעלדס „אין אַ טויטן מאַרק טאָג“ ברענגט טיפּן, געשעענישן, מנהגים פון אונדזערע קאַנטן, פון מאָלדעווישע יידן, צווישן די יאָרן 1897 — 1907.

אין ביכעלע „לידער“, דערשינען אין בוקארעשט, אין מלוכה־פארלאג פאר ליטעראטור און קונסט 1957, ז׳162, פארמאט 11 × 17, זענען אריין אלע לידער וואס יידאלע ווײדענפעלד האט געשריבן אליין אדער איבערגעזעצט פון פרעמדע שפראכן. „די מעשה מיט דער באבע־צע“ איז א דידאקטיש קינדער־מעשהלע. פון דער אפטיילונג „אמאל און היינט“ זענען צו דערמאנען „דער ווארשטער מאי“, „זוילן“. די זוילן ברענגען כראנאלאגיש, אין פערזן וועלכע זענען אידעיש אויסגעהאלטן און מיט א סאציאלן מוסר־השכל, אכט צענדליק יארן ליידן און קאמף פון רומענישן פאלק, נעמליך פון 1866 ביז 1947, פון דער אנטשטייונג פון דער מאנארכיע ביז צו דער רומענישער רעפובליק, סוף יאר 1947. „זוילן“ פון יידאלע ווײדענפעלד, זענען נישט געשאפן אויף דעם וועב־שטול פון פאנטאזיע נאר מיט ישוב הדעת, און דערפאר מער דידאקטיש ווי ליריש. די שפראך איז א פשוטע, פארשטענדלעכע פאר יעדן מין לייענער.

די אפטיילונג „איבערזעצונגען“ פון יידאלע ווײדענפעלדס „לידער“, פארנעמט מער ווי א דריטל פון בוך. און אנטהאלט: געטע׳ס "דער כישופלערניונג", א פראגמענט פון זיין "פאוסט"; פושקינ׳ס „דאס גאלדענע פישעלע“; פעטעפי׳ס „צו דער פרייהייט!“ לידער פון: גבירול, עמינעסקו, קאזשבוק.

כאראקטעריסטיש פאר זיין שרייבן בכלל, איז זיין אויפריכטיקייט, די הומאניטארע איינשטעלונג, דער ניצוץ פון הומאר, וועלכער לינדערט די דראמאטישע איבערלעבונגען פון די פערסאנאזשן.

געשטארבן איז ער דעם 20טן סעפטעמבער 1966.

בערל שנאבל — דער דיכטער פון די מאראמאָרעשער האָרעשפּאשניקעס

פיר יאָר זענען שוין אריבער זינט עס איז אוועק פון אונדז, אין זיין אייביקער רו, דער רייפער דיכטער בערל שנאבל.

א קינד פון דער סיגעטער אָרעמשאפט, האָט ער געלערנט אין א תלמוד תורה און אין א ישיבה. איך ווייס נישט צי שנאבל האָט געטראָגן ווי א ישיבה בחור די טראדיציאָנעלע מלבושים־א קאפאטקעלע און א קיי־לעכיקן סאמעטענעם קאפעליוש, ווייל אין יאָר 1938, ווען כ׳האָב זיך מיט אים באקענט, נאָך א זיצונג פון „פאריין פון יידישע שרייבער און פובלי־ציסטן״, אין א קרעטשמע צימער פון יידישן קווארטאל וואקארעשטי, ביי א גלעזל ווייַן מיטן פאָרזיצער פון פאריין, דער אָנגעזענער רומעניש־יידישער שרייבער איזאק פעלץ און דער סעקרעטאר פון פאריין דער שריי־בער מאריוס מירקו, איז שוין בערל שנאבל געווען אָפּגעגאָלט און אויסגעּ־זען ווי א פאָלנער „דייטש״.

מיטלוויקסיק, ברייטפּלייציק, פעסטגעבויט, מיט לעבעדיקע, קלוגע אויגן. מיט אן איראָנישן שמייכל, אימפּולסיוו, מיט א קלאָרן דיבור, א גוטע דיקציע נים קוקנדיק אויף זיין גיך רעדן, פלעג ער זיך מאכן סימ־פּאטיש, ווערן היימיש דעם מיטשמועסער אפילו דעם אָפּאָנענט.

אין די שמועסן אָדער בעת ער האָט געגומען דאָס וואָרט אויף זי־צונגען, האָט ער גערעדט הויך, אויף א קול, מיט פייער און, אָפט ציטירט אונדזערע אלטע חכמים.

אויף איינער פון די דערמאנטע באגעגענישן האָט אונדז שנאבל דער־ציילט אז, ווי א ישיבה בחור, האָט ער איינמאָל אהיימגעבראכט אן ארבע־טער־צייטונג. ווען שנאבלס פאָטער, דער שוסטער און פרומער ייד האָט דאָס דערזען, האָט ער דערלאנגט דעם ״אפּיקורס״ צוויי פייערדיקע פעטש: איינעם, ווייל ער לייענט טריפה־פסול און דעם אנדערן ווייל... אין דער

צייטונג איז געווען געדרוקט א בילד פון א יידן אין הוילן קאָפּ! א צייטונג מיט א פאָטאָגראַפיע פון א מענטש בגילוי־ראש איז געווען א חטא און דער וואָס האַלט אין האַנט אזא צייטונג, איז א פושע ישראל און ס׳קומט אים פּעטש... די שטרענג־רעליגיעזע טראַנסילוואַנישע יידן בכלל און די פון מאַראַמאַרעש בפרט, זענען פארבליבן קאָנסערוואַטיוו.

...און אָט דער פאַנאַטיזם, אָט די אומפּשרהדיקייט פון פאָטער, האָט מסתמא גורם געווען שנאַבלס איבעררייס מיט דער פרומער סביבה. דער דיכטער האָט דערזען די גרויסע נויט מיט פּאָותדיקע אַרבעטסלאָזע פון דער יידישער גאַס און אויך, ווי עס שפּאַנט א הונגער־געוויין און די דעמאָלטיקע גרויע, מאַראַמאַרעשער דערפער. דער דיכטער בערל שנאַבל האָט דערזען. איבער די איינגעפאַלענע פּלויטן, אין די געסלעך פון אָרעמע בעלי מלאכות און בלייכע ישיבהניקעס, די האָרעפּאַשניקעס פון דער סיגעטער „מילנער גאַס“

„אין דער קרומער מילנער גאַס,
פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט
ברומט די מיל, זינגען מילנער יונגן זיבן,
יעדער איינער, א טרויעריק ליבע־ליד.“

אָט דאָס טרויעריקע ליבע־ליד איז פאַרן דיכטער ווי „זיבן געוויין פון מיין הארץ“.

דער דיכטער וואָס צייליט „יעדעס אָראָפּגעפאַלענע שנייעלע ווי ווייסע ציגל פון זיין נישט דערבויטער חלום־וועלט“, הערט זיך צו, איז פאַרכישופט נישט נאָר פון דער נאַטור־שיינקייט פון דער מאַראַמאַרעשער באַרגיקער לאַנדשאַפט, נאָר אויך פון איר הומאַנעס פייסאַזש, ער האָט מיטגעליטן מיט די מענטשן וואָס אַרבעטן אין דער מיל־די מילנער יונגען, „די כהנים וואָס שטייען אין ווייסע בגדים“, אין דער מיל וואָס איז „א בית המקדש“. דער ווייץ און קאָרן וואָס די פּויערים ברענגען צום מאָלן, זענען „קרבנות צו אָפּפערן אויפן מילנערישן מזבח“.

דער דיכטער בערל שנאַבל האָט מיטגעליטן מיטן פאַרפירטן מילנער דינסטמיידל פלאָריקאַ, ווי מיט אַלע פאַרפירטע מיידלעך, פּויערישע אָדער יידישע; און דורך זייערע פּאָרטרעטן, רעאַליסטיש געשילדערטע, האָט ער אויסגעדריקט סאָציאַלן פּראָטעסט.

אין זיין ליד צו דער באוווסטער קעמפערין חיה ליפשיץ, וועלכע איז געשטאָרבן נאָך א הונגער־שטרייק וואָס האָט געדויערט 45 טעג, שרייבט בערל שנאבל:

„... די פיין פון דיינע אויגן ווי צווי לוחות
וו ס׳איז אויסגעקריצט געוועו דער גלויבן
די עשרת הדברות פון ברודערישער וועלט
וועט שוין נישט פארגעסן ווערן“.

אָבער מיר האַלטן, אז שנאבלס מעטאפאָרן, רמזים, זענען נישט תמיד געשמאקע.

די קרעפטיקע שילדערונג פון דעם פראָלעטארישן סיגעט אין לידער באנד „מילנער גאס“, (דערשינען אין בוקארעשטער פארלאג „שלום עליכם“, 1936), האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער קריטיק, וועלכע האָט אונטערגעשטראָכן די סאָציאלע טענער אין דער דיכ־טונג פון דעם דעמאָלט יונגן, פיל צוזאָגנדיקן דיכטער בערל שנאבל.

זיין צווייט לידער־בוך: „ישיבה לידער“, דערשינען אין 1942, אין די חורבן־יאָרן, דאכט זיך דאָס איינציקע דערשינענע יידישע בוך אין רומעניע פון יענע יאָרן, האָט אנטפלעקט די אויסגערייפטע סאָציאלע און פאָעטישע געפילן פון באגאבטן דיכטער.

זיינע „איך דאוון א ליד ביים ים“, וויין־לידער, עטלעכע און דרייסיק אין צאָל, פון וועלכע מיר גיבן עטלעכע שורות נאָר: „זינגען זאָל מיין הארץ — דער פיינפולער יידישער־פידל־לידער פון וויין וואָס האָבן אין כוסות פול טרויער געשוויגן.“

... „זע ברודער! פון פלעשער גיסט מען די וואקלענדיקע פרייד,
וואָס הרגעט דעם טרויער וואָס בארגיקט אויף אונדזער צייט.
א ברכה איז וויין פאר יענע וואָס גיסן פרייד אין דער וועלט.
און די ליבשאפט צו יעדן מענטש עפנט טיר אין זייער געצעלט.
(פערטע גלעזל)

פון זיין „דאָס ערשטע גלעזל“ ציטירן מיר:

„מיר זענען במילא א דור פארגורלט פאר א ליכטיקער בריק,
אויף אונדז וועט מען שפּאנען טייערער, צו וועלטן פון גליק,
צו מנוחה, צו וויין און ליבע.“

אָט די לידער פון בערל שנאבל זענען געשעצט געוואָרן נישט נאָר פון נאָענטע, עסטעטן, געניסער פון עכטער לירישער שאפונג, נאָר אויך פון פשוטע מענטשן, לייענערס און ליבהאָבער פון יידישן קינסטלערישן וואָרט. די ערלעכע, פריילעכע, האָפענונגספולע לידער זיינע, האָט בערל שנאבל געדאווענט ביז אין די לעצטע רגעס פון זיין באוווסטזיניקן לעבן.

כדאי צו דערמאָנען אויך זיין פּובליציסטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אין 1932, האָט ער רעדאגירט א פּראָגרעסיווע צייטונג, אין סיגעט, א.ט.“ דער שטערן“. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 15־טן סעפּטעמבער 1932, ווי אן „אָרגאַן פאר קולטור און פּאָליטיק“, צווייוועכנטלעך, פאָרמאט 32×48. נאָך 3—4 נומערן איז געקומען דער אָפּיציעלער פארבאָט פון דער צייטונג. שנאבלס לידער זענען דערשינען אין א סך צייטונגען און שריפטן פון לאנד און אויסלאנד צו מאָל מיט לאטיינישע אותיות ווי אין יצחק פאנער און א. פרענקעלס קליינע און גרויסע אנטאָלאָגיע „נייע יידישע דיכטונג“, יאס 1945. אין 1947 אין די „בוקארעשטער זאמלביכער“, 1948, אין די „איקוף בלעטער“, קול־טור וועגווייזער“, אין דער צווייטער אויפלאגע פון זאמלבוך „אויפשטייג“ דערשינען אין 1972.

ווי א רעדאקטאָר ביי די „איקוף בלעטער“ האָט שנאבל געדרוקט רעפּאָרטאזשן, טעאטער רעצענזיעס און קריטישע אָפּשאצונגען פון יונגע דיכטערישע שאפונגען.

בערל שנאבלס דיכטערישע שאפונג אָנהייבנדיק פון די מיטעלע צוואנציקער ביז די טיפע זעכציקער איז סאָציאלע פּאָעזיע, קערנדיקע מיט רייכע פּייסאזשן. אין דער יידישער דיכטונג פון רומעניע, האָט ער אריינגעבראכט א נייע סביבה־די סיגעטער מילנער גאס, די מאראמאַרעשער לאנדשאפט, אלץ אין לעבעדיקע פארבן. שנאבלס לידער פארמאָגן פּאָעטיש געמיט, רייכע מעטאפאָרן, סובטילע אימאזשן. שנאבל איז דער דיכטער פון די מאראמאַרעשער האָרעפּאשניקעס.

זוכצעטל:

רומעניע — דאָס וויגעלע פונעם יידישן טעאַטער

יאָן גיקא דער גענעראַל דירעקטאָר פון די רומענישע טעאַטערס צווישן 1877 — 1881, און זיין באַציונג צום יידישן טעאַטער בכלל און צו אברהם גאָלדפאַדען בפרט. 32

דער ערשטער סצענאָגראַף פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע: סאָלאָמאָן ראָטשטיין. 44

א צווייג פון דער געזונטער און פילזייטיקער טעאַטער קולטור אין רומעניע: 49

דאָס בוקאַרעשטער יידישע מלוכה טעאַטער. 49

בייטראָגן צו דער געזונטער און פילזייטיקער מוזיק־קולטור אין היינטיקן רומעניע 55

לודאָוויק פעלדמאַן, ... 55

האַרי מאַיאָראָוויטש, ... 60

אויגען קאָפּלער) 67

פּראָפילן פון אַמאָליקע יידישע קלעזמער 71

יידישער טאַנץ אין רומעניע. 78

יידישע טרובאַדורן אין רומעניע

וואָלף ערענקראַנץ־זבאַרזשער אין היסטאָרישער פּערס־פּעקטיוו 90

דער לעצטער טרובאַדור שמשון פּערשט 96

דער טרובאַדור זעליג באַרדיטשעווער 102

דער פריילעכמאַכער (הומאָריסט) לוצא ענגעלבערג 111

היסטאָריאָגראַפן — פאָלקלאָריסטן

דער ערשטער כראָניקער פון רומענישע יידן, דער קלעזמער־פאָלקס זינגער יעקב פסנתיר.................. 118

דער היסטאָריאָגראַף, פאָלקלאָריסט, פּובליציסט משה שוואַרצפעלד 144

דער מערקווירדיקער פאָלקס־חכם טשיליבי משה .. 148
דער מוזיקאָלאָג און פאָלקלאָריסט אלפרעד הענרי
ערליך 149

רומענישער פייסאזש, ליריק און פאָלקס־מאָטיוו,

השפעות אויף דער שאפונג פון יידישע שרייבער אין
רומעניע, צווישןביידע וועלט מילחמות. 154

טודאָר ארגעזי אויף יידיש. ....: 175

בייטראָגן צו דער פלאסטיק:

מאקס הערמאן־מאקסי 187
שמחה שווארץ 193

קערנדיקייט און אימאזש

קובי וואָהל 198
יידאלע ווײַדענפעלד......................... 204
בערל שנאבל 208

די רעפּראָדוצירטע בילדער אין בוך זיינען פון מחברס ארכיוו.

פונעם זעלביקן מחבר:

15 יידישע פאָלקלאָריזירטע לידער (און אלבום מיט נאָטן) בוקארעשט 1946.

„דער פארכישופטער שרייבער" איינאקטער, בוקארעשט 1947.

לעקטאָר: שלום לאונער רובינגער
טעכנישער רעדאַקטאָר: שטעפאַן לעפּאַיעוו

פאָרמאַט 34⨯54/16. זייטן 216, דערשינען 1975
טיראַזש: 65 + 300.
שרייב פּאַפּיר טיפּ A 84×108/72,6
8 פלאַנשן, 14 בילדער, פאַרלאַגס בויגן 9,62
דרוקבויגן 13,50
A 7388 23/IV 1975.

פּאָליגראַפישע אונטערנעמונג דער „13־טער דעצעמבער 1918" בוקאַרעשט סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע.

IULIAN SCHWARTZ

EVOCĂRI LITERARE

EDITURA KRITERION
București 1975



דער דראַמאַטורג חיים סלאַוועס און דער קאָמפּאָזיטאָר ה. מאַיאָראָוויטש
נאָך דער פּרעמיערע פון דער פּיעסע „צען ברידער זענען מיר געוועזן.״

ווי א גאסט פון דער „געזעלשאפט פאר פריינטשאפט צווישן ישראל און
דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק רומעניע" איז ה. מאַיאָראָוויטש,
פייערלעך אויפגענומען געוואָרן דעם 10טן אפּריל 1974, בעת דעם קבלת
פנים, איז אָנוועזנד געווען: דר. יאָן קאָוואַטש, דער רומענישער אמבאסאַ־
דאָר אין ישראל, זשאָרזש טעאָדאָר־אטאשע, יצחק קאָרן, דעפּוטאט אין דער
כנסת, פּרעזידענט פון דער „געזעלשאפט פאר פריינטשאפט צווישן ישראל
און רומעניע".

טהעאטער אונד ביהנע

רעגולאמענט.

פיר אריענטאל טהעאטער, 113 & 113½ בויערי.

מ. זילבערמאן, מענעדזשער. מ. פינקעל, רעגיססאר

אום אויך אין אונזערעם טהעאטער וויא אין יעדעם רעגולערען טהעאטער שטרענגע ארדנונג אין אללען בעציהונגען פעסט צו שטעללען, האבען וויר פאלגענדע ארטיקלען געמאכט, נאך וועלכען אללע צור ביהנע אנגעהעריגען פערזאנען זיך צו ריכטען פערפליכטעט זינד.

דיא פראבען.

ארטיקעל 1 יעדע אקטעריסע, אקטער, קאהריסטען אונד קאהריסט, זינד פערפליכטעט צו קאממען צור פראבע אין וועלכער צייט עס וויר׳ד פון מענעדזשער אנגעציינט ווערען דורך איינער אויפשריפט אויף איינער טאַפעל אויף דער ביהנע, וועלכע אויפשריפט דארף פאן מענעדזשער אונטערשריבען ווערען ביי פארשטעללונג בעפאר דעם לעטצטען אקט אונד ביי פראבע מיט איין האלבע שטונדע פאר ענדע דער פראבע אונד ווער עס האט ניט געזעהען צו וואַרטען ביז ענדע דער פראבע אדער פארשטעללונג מיט אן מענעדזשער מינדליך פראגען ווען דיא נעכסטע פראבע ווירד שטאטפינדען.

ארטיקעל 2 עס איז שטרענג פערבאטען צו שרייבען אדער אויסלעשען פאן דער טאפעל אויף וועלכע דיא פראבע ווירד אנגעקינדיגט — שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 3 פיר פערשפעטיגען איינע פראבע פאן 5 ביז 10 מינוטען לויט דער אנאנסירטער צייט — אונד וואָר ווען מאן צו טהון האט אין דיא שפעטערע אקטען — איז פיר אקטעריסע אונד אקטער שטראפע 50 סענט. ביז 20 מינוטען ביז 1 דאל. ביז 40 מינוטען 1,50 דאל. אונד ביז איינע שטונדע 2 דאל. פאן איינע שטונדע ביז דיא גאנצע פראבע אויספעהלען איז ביז 5 דאללאר. גענעראל פראבען פערשפעטיגען אדער אויספעהלען איז דאס דאפעלטע לויט דיא אבענגעשריבענע שטראפען. פיר קאהריסטען אונד קאהריסט איז דיא העלפטע לויט דיא אבינע שטראפע.

דאָס ערשטע זײַטל פון טעאטער רעגולאַמין, מיט דרײַ אַרטיקלען וואָס זענען שייך די פּראָבן אין טעאטער.



Rules and Regulations

FOR THE STAGE.

WRITTEN BY

Morris Finkel,

Artistic Manager and Regisseur.

טהיאַטער אונד בוהנע רעגולאמענט

געשריבען פאן

מאררעס פינקעל,

ארטיסטיק מענעדזשער אונד רעגיססאר.

יארק.

דרוק פאן בראדי [illegible] 136 [illegible] סטריט,

1888.

דאָס שער בלאַט פון „טעאַטער און בינע רעגולאַמענט" געשריבן פון מאָריס פינקעל אַקטיאָר און טעאַטער דירעקטאָר, וועלכער שטאַמט פון רומעניע. דער רעגולאַמין איז אינספּירירט פון רומענישן טעאַטער רעגולאַמין



יאָרגו מאָש (ג) אנגעל, א פאלטיטשענער קלעזמער, געמאָלן פון בארימטן מאָלער ראובן זעליקאָוויטש (ראובן). מאָש אנגעל פלעג שפילן מיט יידישע קלעזמאָרים און היות ער האָט גערעדט גוט יידיש, פלעג ער צומאָל גראמען אויף די חתונות.

Cumberland County Public Library
Foreign Lang. Collection
Fayetteville, N C 283..

דער אפיש פון רומענישן טעאטער אונטער דער לייטונג פון מאטעי מיללאָ,
אין טורנע. ב. לעמיש מיט זיין אָרקעסטער באטייליקן זיך אין מיללאָ'ס
טרופע.

247495 FL

אפרים משה שווארץ המכנה טשיליבי
מאָיסי. געבוירן 1812 (תקע״ב) געשטאָרבן
יאַנואַר 1870 (י״א אָדר תר״ל)

דער הומאָריסט און פאָלקסטימ־
לעכער קינסטלער יחיאל (1
לוצא ענגעלבערג 1879 — 1948



דער שער פון א ביכעלע (פון
די 13 — 14) וואָס טשיליבי
משה האָט ארויסגעגעבן אין
בוקארעשט. אייניקע האָבן
דערגרייכט 5 אויפלאגעס
און א טיראזש פון 50
טויזנט עקזעמפלארן.



(שלמה) סאָלאָמאָן ראָטשטיין (1860—1931) דער ערשטער
סצענאָגראַף פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע



דער היסטאָרישער גאָרטן „זשיגניצא״. ווו במשך פון זעכציק
יאָר האָט מען געשפילט יידיש טעאטער.

דער סאלאָן שלום שייקעלעס (טאמאסיס), פון יאס, עק פון
א גרויסן זאל פון א קרעטשמע לאָקאל, ווו מ׳האָט געשפילט
יידיש טעאטער אָנהויבנדיק פון 1880 יאָר.
פאָטאָגראפירט פון מחבר אין 1956.